STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02780

AMERIKA FAR KOLUMBUS

Ph. Krantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

אמעריקא פאר קאלומבוס

אַ קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג

איבער דעם לעבען, פיהרונגען און מאנומענטען פון דיא פערשיעדענע פעלקער אין דער נייער וועלט ביז דעם אנקומען פון אויראָפּעער.

מיט 44 ערקלערענדע צייכנונגען,

פון

פיליפ קראַנץ,

פערפאסער פון דער "קולטור געשיכטע" און פון דער "געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציאָן".

צווייטע אויפלאַגע

ארויסגעגעבען פון דער

אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

ניו יאָרק. ווארשא

Copyright, 1904,
By The International Library Publishing Co.

אינהאלטס פערצייכניס:

קאפיטעל | זייטע

איינלייטונג, דיא ערשטע שפאניער אין אמעריקא..........5

1 דער אורשפרונג פון מענשען אין אמעריקא 10

2 דיא קיך הויפענס און הייהלען פון אמאליגע מענשען.........22

3 דיא מאונד-בויערס 32

4 דיא פועבלא-בויערס און פעלזען-איינוואהנער..............50

5 דיא חורבות פון צענטראל-אמעריקא און פון מעקסיקא......68

6 דיא אינדיאנער און דיא שפאניער..............................91

7 דיא אצטעק אימפעריע...101

8 דיא אצטעקען און זייער מענשענפרעסענדע רעליגיאן 113

9 דער מעקסיקאנער זונען גאט און משיח קוועצאלקאטל... 133

10 דיא אינקאס און זייער אימפעריע..............................143

אַמעריקא פאַר קאָלומבוס.

איינלייטונג.

דיא ערשטע שפּאַניער אין אַמעריקא.

ווען דיא שפּאַניער און נאָך זיי אנדערע אייראָפּעאישע שווערד־העלדען און גליק־זוכערס האָבען זיך א לאָז געטהאָן איינצונעהמען טהיילען פון דאָס גרויסע לאַנד, וואָס קאָלומבוס האָט ענטדעקט, זוכענדיג א וועג נאָך אינדיען (הודו) — דער ענד־ציעל פון זיין וועלט־בעגליקענדע און העכסט־געוואגטע רייזע — האָבען זיי זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דיא פּערשיעדענע מאָנומענטען און אַנדערע צייכענס פון דער קולטור־ארבייט פון דיא איינגעבאָרענע פעלקער אין דער נייער וועלט. זיי האָבען זיך נאָר געיאָגט נאָך גאָלד, אום וואָס שנעלער רייך צו ווערען, און האָבען בעטראַכטעט און בעהאנדעלט דיא איינגעבאָרענע אזוי וויא בהמות. זעהר וועניגע פון דיזע גליק־זוכערס, וועלכע האָבען אויף יעדען שריט ריזיקירט מיט זייער לעבען און האָבען עפּטערס געפונען דעם טויט אָנשטאָט גאָלד, האָבען זיך זעלטען אפילו א מינוט אבגעשטעלט אָנצוקוקען דיא אַמאָליגע געביידעס און מאָנומענטען, וועלכע זיי האָבען געטראָפען אויף'ן וועג.

נאָר דאָס וואָלט נאָך ניט אויסמאכען, דיא וויסענשאַפט וואָלט גאַנץ ווייניג פערלאָרען דורך דעם, וואָס דיא פאַנאטישע און רויבערישע שפּאַנישע שווערד־העלדען האָבען זיך גאָר ניט אינטערעסירט מיט דעם קולטור־צושטאַנד פון דיא איינגעבאָרענע אין דער

נייער וועלט. זיי זיינען געווען צו אונוויסענד פיר בעשרייבונגען. א גרויסער טהייל פון זיי האבען איינפאך ניט געקענט לעזען און שרייבען. פראנציסקא פיזארא, דער עראבערער פון דער מערק־ווירדיגער מלוכה אין פערו, האט אפילו ניט געקענט אונטערשריי־בען זיין נאמען. דער אונגליק איז געווען, וואס גראדע אזעלכע מענשען איז עס אויסגעקומען איינצונעהמען דיא ציוויליזירטעסטע לענדער פון אמעריקא. ווער עס האט געלעזען דיא געשיכטע, וויא אזוי מעקסיקא און אויך פערו זיינען פערכאפט געווארען פון הייפעלעך שפאנישע שווערד־העלדען, קען ניט אהן בעדויערן נאכ־דענקען, וויא פיעל מענשען זיינען גאנץ אומזיסט אומגעבראכט געווארען און וויא פיעל אלטע טעמפלען און מאנומענטען זיינען אהן שום גרונד צושטערט געווארען. אין דעם בלוטיגען קאמפף מיט דיא איינגעבארענע האבען דיא פערכאפערס נאטירליך געמוזט אונטערצינדען און צושטערען פיעלע שטעט; אבער זיי האבען אפט געשטאכען און געבראכען איינפאך, ווייל זיי זיינען געווען הערצלאזע מענשען, האלבע בארבארען. פערנאנדא קארטעז, דער עראבערער פון מעקסיקא, האט אין גאנצען חרוב געמאכט דיא הויפטשטאדט פון דער אצטעק מלוכה, א שטאדט מיט זעלטענע טעמפלען, גרויסע געביידעס, צאהלרייכע בעפעלקערונג און פיעלע אינדוסטריען. קוצקא, די הויפטשטאדט פון דער זאנדערבא־רער מלוכה פון דיא אינקאס, איז אויך צושטערט געווארען אין דער מלחמה צווישען פיזארא׳ס חברה מיט דיא פערואנער.

אבער נאך ערגער איז געווען, וואס דיא פאנאטישע קאטוילישע גלחים האבען פערברענט דיא מעקסיקאנער שריפטען און האבען איבערהויפט צושטערט אלע טעמפלען. וויא עס וועט ווייטער ערקלערט ווערען, האבען דיא אצטעקען, פערואנער און אנדערע האלב־ציוויליזירטע פעלקער פון דער נייער וועלט פערעהרט דעם קרייץ אלס א הייליגען צייכען. ביי זיי זיינען אויך איינגעפיהרט געווען געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס, וועלכע האבען געהאט א נאטירליכע עהנליכקייט צו דיא קריסטליכע. דיא מעקסיקאנער, צוםביישפיעל, האבען געהאט א׳ן אבגאט מיט דעם נאמען

קוועצאלקאָאטל וואָס איז פֿון זיי בעטראַכטעט געוואָרן אלס א'ן ערלייזער, א משיח, אזוי וויא בודא אָדער יעזוס קריסטוס. זיי האָבען געגלויבט, אז קוועצאלקאָאטל איז געבאָרן געוואָרען פֿון א בתולה און איז געקרייציגט געוואָרען, וויא עס וועט ערקלערט ווערען אין א בעזונדערען קאַפּיטעל פֿון דיזען בוך.

דיא קאַטוילישע גלחים זיינען ניט וויניג ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען געפֿונען קרייצען אין דיא טעמפּלען פֿון דיא מעקסיקאנער און אנדערע געצענדיענער. נאָך מעהר זיינען זיי ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערהערט דיא לעגענדען וועגען קוועצאלקאָאטל און דערזעהן געוויסע קריסטליכע צערעמאָניעס ביי דיא מעקסיקאנער און פּערואנער. ניט וויסענדיג, אז קרייצען זיינען פֿערעהרט געוואָרען ביי אלע פֿעלקער אויף דער ערד אלס א צייכען פֿון דיא 4 עקען וועלט און אז לעגענדען וועגען א'ן ערלייזער זיינען פֿערבונדען מיט דעם גלויבען אין זונענגעטער *), האָבען איינינע גלחים אויסגעטראַכט א מעשה וועגען א היילינען טהאָמאס, וועלכער איז על פּי נס פֿערטראַגען געוואָרען נאָך אמעריקא צו פּרעדיגען קריסטענטהום, נאָר דיא פֿערגרעבטע איינגעבאָרענע האָבען מיט דער צייט פֿערגעסען אָן דעם רעכטען עיקר פֿון דער קריסטליכער רעליגיאָן און האָבען נאָר אָנגעהאלטען עטליכע קריסטליכע מנהגים און געדאנקען, וועלכע זיינען פֿערבונדען געוואָרן מיט געוועהנליכע געצענדינעריי. אנדערע גלחים האָבען זיך גאָר ניט געוואָלט ברעכען זייערע פֿאנאטישע קעפּ וועגען דיזע גלויבענס און מנהגים און האָבען איינפֿאַך ערקלערט, אז דאָס איז דיא ארבייט פֿון דעם טייוועל, אום אראָפּצופֿיהרען מענשען פֿון דעם גלייכען קריסטליכען וועג און זיי צו מאטערן נאכהער אייביג אין גיהנם.

דער רעזולטאט פֿון דיזע בויך־סברות איז יעדענפֿאלס געוועזן,

---

*) א גרינדליכע ערקלערונג וועגען דעם וועט דער לעזער געפֿינען אין דיא לעצטע קאַפּיטלען פֿון דעם דריטען באנד פֿון מיין „קולטור־געשיכטע", בעזאָנדערס אין דעם קאַפּיטעל איבער מיטהאָלאָגיע.

אז מען האָט ניט נאָר פערניכטעט מעקסיקאנער קרייצען און אלעם, וואָס מען האָט געפונען אין דיא טעמפּלען, זאָנדערן מען האָט אויך פערברענט אלע מעקסיקאנער שריפטען. זומאראגא, דער ערשטער ארכי־ביסקאָפּ פון מעקסיקאָ, האָט צוזאמענגעקליבען מאסען שריפטען אין גאנצען לאנד און האָט זיי עפענטליך פערברענט אויף דעם מארק־פּלאץ אין דער שטאָדט טלאטעלאָלקאָ. אזוי וויא דער בעריהמטער ארכי־ביסקאָפּ קסימענעס האָט עס געטאָן מיט אראבישע מאנוסקריפּטען אין גראנאדא מיט 20 יאהר פריהער. א גאנצער בארג מיט זעהר וויכטיגע היסטאָרישע שריפטען איז אומגעוואנדעלט געוואָרען אין אש לשם שמים. דיא סאָלדאטען און גלחים האָבען געפאָלגט דעם ביישפּיעל פון זייער ארכיביסקופּ און האָבען צושטערט יעדע מעקסיקאנער שריפט, וועלכע איז אריינ־געפאלען אין זייערע הענד. ווען איינינע מעקסיקאנער וואָלטען ניט בעגראָבען זייערע שריפטען און ווען איינינע גלחים וואָלטען ניט איבערגעלאָזען זייערע בעשרייבונגען וועגען דיא מנהגים און גלויבענס פון דיא איינגעבאָרענע, וואָלטען מיר כמעט גאָר ניט געוואוסט וועגען דעם.

אין איינינע ארכיוועז און מוזעאומען זיינען פערבליבען מעקסיקאנער שריפטען, אָבער דער שליסעל צו זיי איז אויף אייביג פערלאָרען געוואָרען.

פיעלע פראגען פון גרויסער וויכטיגקייט פאר דער וויסענ־שאפט זיינען דארום געבליעבען דונקעל, בעזאָנדערס דיא פראגען וועגען דעם אורשפּרונג פון דער רויטהויטיגער ראסע און וועגען דיא ערשטע קולטור־פעלקער אין דער נייער וועלט.

נאָר גליקליכערווייזע זיינען נאָך פערבליעבען פיעלע מאָנו־מענטען און זאכען, וועלכע עפענען א פענסטער אין דער וייטער פערגאנגענהייט פון אמעריקא. טיעף אין דער ערד, וואָהין קיינע ווילדע פאנאטישע עראָבערערס און צושטערערס האָבען ניט גע־קענט צוקומען, ליעגען בעגראָבען פיעלע סודות פון דיא פערגאנ־גענע צייטען. דיא איבערגעבליעבענע חורבות פון דיא אמאָליגע טעמפּלען וואָרפען א העלען שיין אויף זייערע לאנג פערשוואונ־

דענע בויערס. מיט יעדען יאהר ווייטער דערגעהט מען אלץ מעהר, דורך אויסגראָבונגען און גרינדליכע נאפאָרשונגען פון געלעהרטע, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין אמעריקא מיט יאהרטויזענדע פאר דיא ענטדעקונג פון קאָלומבוס. דיא רעזולטאטען פון דיזע נאכ־פאָרשונגען וועלען מיר איבערגעבען אין דיזען בוך.

ערשטער קאַפּיטעל.

דער אורשפּרונג פון מענשען אין אַמעריקאַ.

אמעריקא איז געווען א נייע וועלט, ניט נאָר ווייל דיא אלטע וועלט האָט פון איהר ניט געוואוסט ביז קאָלאָמבוס׳עס רייזע אין 1492, זאָנדערן ווייל מען האָט דאָרטען געפונען פיעלע נייע פלאנצען און חיות און בעזאָנדערס א נייע ראסע מענשען.

דער אטלאנטישער אָקעאַן, אהן אינזלען אין מיטען, איז געבליבען דער גרענעץ, וועלכער האָט אָבגעטהיילט דיא איינוואָהנער פון איירָאָפּא און אמעריקא ביז איירָאָפּעער האָבען געקענט מאכען ווייטע ים־רייזען. עס איז אמת, אז דיא מוטהיגע נאָרמאנען האָבען אויף זייערע קליינע שיפלאך דערגרייכט ביז צו דיא נאָרד־ברעגעס פון אמעריקא מיט א יאָהר 900 צוריק. זיי זיינען אָבער געקומען צופעליג צו דיא אונבעקאנטע ברעגעס, זיינען דאָרטען ניט לאנג פערבליבען און יעדענפאלס האָט מען דערפון גאָר ניט געוואוסט ביז דיא נאכפאָרשונגען פון געלעהרטע אין אונזער צייט. דיא נאָרמאנען האָבען צוערשט ענטדעקט דעם אינזעל איילאנד, דעם ווייטעסטען פון נאָרד־אוירָאָפּא אין אטלאנטישען אָקעאַן. זיי האָבען זיך דאָרטען בעזעצט, און פון זייערע זאגען און לעגענדען איז מען עס צוערשט דערגאנגען וועגען זייערע רייזען ביז גרענלאנד און נאכהער ביז לאבראדאָר און ווייטער ביי דיא ברעגעס פון אמעריקא ביז מאסאטשוזעטס און רהאָד־איילענד און אפשר נאָך ווייטער צום זידען. פון איילאנד ביז גרענלאנד איז פערהעלטניס־מעסיג ניט ווייט, און דיא מוטהיגע ים־פאָהרערס און ים־רויבערס פון סקאנדינאוויען האָבען ניט מורא געהאט צו לאָזען זיך ווייט אין אָקעאן אריין. דער וועג פון נאָרוועגען דורך איילאנד און גרענלאנד ביז צו קאנאדא איז דער נעהנטסטער צווישען אוירָאָפּא און

אמעריקא, און דיזען וועג האבען די נארמאנען צופעליג דורכ־
געריזט.

אבער, וויא געזאגט, די וועלט האט דערפון גאר ניט גע־
וואוסט. די נארמאנען זעלבסט האבען קיין נוצען געהאט פון
זייער וויכטיגער ענטדעקונג; ווייל זיי האבען גראדע געלאנדעט
אויף די ברעגעס פון די טרויעריגסטע און וויסטעסטע געגענדען
פון אמעריקא. אויב עס איז ריכטיג, וויא מאנכע בעהויפטען עס,
אז קאלומבוס האט עפעס געהערט פון די רייזען פון די נאר־
מאנען, זיינען זיי ווענינסטענס ניט געמאכט געוואָרען אומזיסט.
קורץ, ביז דעם 16טען יאהר־הונדערט האט די אלטע וועלט
גאר קיין אהנונג ניט געהאט פון דער נייער וועלט.

דער גרויסער אָקעאן, וועלכער בעשווענקט די וועסטליכע
ברעגעס פון אמעריקא, איז אבער ניט געוועזן אזא אונאיבערגעננגלי־
כער גרענץ וויא דער אטלאנטישער. אין נארד טהיילט ער אָפּ
אמעריקא פון אזיען דורך א שמאלען וואסער־וועג, וואס דער
דענישער ים־פאהרער בעהרינג האט ענטדעקט אין 1728 יאהר און
וואס טראגט זיין נאמען. דיזער דורכגאנג, וועלכער פערבינדעט
דעם גרויסען אָקעאן מיט דעם נארדליכען אייז־ים, איז סך הכל
ברייט 48 ענגלישע מייל. דערצו איז ער נאך גאר ניט טיעף און אין
ווינטער איז ער פערפרארען. די עסקימאסען פון נארד־אמעריקא
און די האלב־ווילדע פעלקער אין נארד־סיביר האבען דארום
געהאט א פערקעהר ווער ווייסט מיט וויא פיעל יאהר־הונדערטע
פאר קאלומבוס'עס רייזע. דער בעהרינג־וואסערוועג איז געוועזן
דער שטענדיגער פערבינדונגס־פונקט צווישען די שטאמען אין
נארד־וועסט פון אמעריקא און נארד־אסט פון אזיען. מען האט
אין דער לעצטער צייט צוזאמענגעקליבען מאסען גרינדליכע בע־
ווייזע וועגען דיזען פערקעהר. מען האט געפונען עהנליכקייטען אין
די מנהגים, שפראכען און בילדער־שריפטען פון אייניגע פער־
וואָרפענע שטאמען אין סיביר און אינדיאנער פון אלאסקא און
קאנאדא.

דאס צייגט אונבעשטרייטבאר, אז די מענשען אין סאמ

נאָרד פוןביידע עקען פון דער נייער און אלטער וועלט האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען און צוזאמענגעמישט. דער נאָרד־וועסטליכער טהייל פון אמעריקא איז אלזאָ יעדענפאלס קיין מאָל ניט געווען אבגעטהיילט פון דער אלטער וועלט, נאָר אזוי וויא דער פערקעהר איז אָנגעגאנגען צווישען שטאמען אויף א זעהר ניעדריגע שטופע פון קולטור, האָט דערפון קיינער, אויסער זיי זעלבסט, גאָר ניט געוואוסט.

דיזער פערקעהר האָט אבער א גרויסע וויכטיגקייט אין דער פראגע וועגען דעם אורשפרונג פון דער איינגעבאָרענער אמעריקא־נער ראסע. וויא באלד ווילדע פעלקער האָבען געקענט אריבער־שווימען דעם בעהרינג וואסערוועג, זאָ האָט עס דאָך נאטירליך געקענט פאסירען, אז איינִיגע פעלקער פון אזיען זאָלען זיך אריינ־רייסען אין אמעריקא און מארשירען ווייטער אין אלע פרוכט־בארערע און ווארימערע געגענדען. אויב אזוי איז ווירקליך געווען דער פאל, דאן שטאמען דיא אינדיאנער פון אזיאטישע ראסען. וויינִיגסטענס אזוי קען מען דענקען וועגען דיא אינדיאנער פון נאָרד־וועסט פון אמעריקא, אריינרעכנענדיג זאָגאר דיא מעקסיקא־נער, דיא ציוויליזירטעסטע איינגעבאָרענע פעלקער אין נאָרד־אמעריקא.

פיעלע געהעלרטע זיינען יעצט שטארק פערנומען מיט דיזער זעהר וויכטיגער און אינטערעסאנטער פראגע, נאָר דערווייל קען מען נאָך לײדער גאָר ניט זאָגען פאָזיטיוועס אויסער וועגען דיא פערבינדונגען צווישען דיא אמעריקאנער און אזיאטישע שטאמען אין סאמע נאָרד ניט ווייט פון בעהרינג וואסערוועג.

א'ן אנדערער און פיעל וויכטיגערער וועג צווישען אמעריקא און אזיען ציהט זיך דורך דיא מאסען אינזלען אויף דעם גרויסען אָקעאן. דיזער וועג פיהרט ספעציעל נאָך פערו, דעם זידליכען צענטראל־פונקט פון אינדיאנער קולטור. דיא איינוואָהנער פון דיזע אינזלען האָבען נאָך אין דיא גאנץ אלטע צייטען געמאכט ווייטע רייזען אויף זייערע שיפען, וועלכע זיינען אויף פערזאָרגט געווען מיט א געוויסען סאָרט זעגלען. אלע גרעסערע און פרוכט־

בארע אינזלען צווישען זיד־אזיען, אויסטראליען און אמעריקא, וויא ווייט זיי זיינען ניט געווען אָבגעטהיילט איינע פון דיא אנדערע, זיינען געפונען געוואָרען בעזעצט פון מענשען, וועלכע געהערען צו עטליכע בעשטימטע ראסען, ספעציעל צו דער מאלאַיער. ביסלעכווייז האָבען זיך מענשען פערשפּרייט איבער אלע אינזלען דורך זייערע רייזען איבער'ן אָקעאן. מען קען דארום אָננעהמען, אז איינינע פון זיי זיינען פערטראָגען געוואָרען ביז צו דיא ברעגעס פון אמעריקא און האָבען זיך דאָרטען בעזעצט. אזוי גוט וויא דיא נאָרמאנען האָבען געקענט שליסליך צוקומען צו דיא מזרח־ברעגעס פון אמעריקא אויף זייערע קליינע שיפלעך, אזוי האָבען עס אויך דיא מוטהיגסטע פון דיא מאלאיער ים־פאָהרערס צווישען דיא אינזלען פון גרויסען אָקעאן געקענט צוקומען צו דיא מערב־ברעגעס פון אמעריקא.

דאָס איז אבער ניט בלויז א סברה, וועלכע לייגט זיך אויף'ן שכל. מען האָט שוין געפונען פיעלע זאכען, וועלכע צייגען אויף א'ן עהנליכקייט צווישען דיא פערואנער און מאלאיער. מיר קענען זיך דאָ ניט ארייגלאָזען אין איינצעלהייטען, דען דאָס וועט אונז פערפיהרען צו ווייט, און דער לעזער וועט פון דעם ווענינ נוצען האָבען, דען שליסליך מוז מען דאָך צוגעבען, אז דערווייל האָט מען נאָך ניט בעשטימט וויסענשאפטליך, פון וואנען דיא איינגעבאָרענע פון אמעריקא זיינען געקומען.

מען האָט אָנגעשריבען בערג מיט ביכער וועגען דיא אָבשטאַמונג פון אינדיאנער, מען האָט געמאכט אלערליי סברות. איינינע האָבען געזוכט צו בעווייזען, אז דיא אינדיאנער שטאמען אָפּ פון כינעזער אָדער יאפּאנעזער, אנדערע — פון מאלאיער, דריטע — פון אלטע עגיפּטער, פעניקיער, א. ז. וו. עס האָבען זיך אויך געפונען אזעלכע, וואָס האָבען זיך געמאטערט צו בעווייזען, אז דיא אינדיאנער זיינען ניט מעהר און ניט וועניגער וויא דיא קינדער פון דיא פערלאָרענע צעהן שבטים. לאָרד קינגסבאָראָ, וועלכער האָט פערעפענטליכט פיעלע וויכטיגע מעקסיקאנער שריפטען, האָט ניט וועניג צייט פערלאָרען צו צייגען, אז דיא מעקסיקאנער שטאַ־

מען פון אידען. ער איז אזוי ווייט געגאנגען אין זיינע גריבלערייען וועגען ווערטער פון דער אצטעק שפראך, אז דעם מעקסיקאנער וואָרט „טעאַמאָקסטלי“ האָט ער פערטייטש אזוי : „טעאַ“ מיינט געטליך, „אמאָטל“ — פּאפּיר אָדער בוך און „מאָקסטלי“ — משה. דארום הייסט עס, אז „טעאַמאָקסטלי“, איז „משה'ס געטליכער בוך!“ דיא וואנדערונגען פון דיא אצטעקען אין דעם טהאָל פון מעקסיקאָ, וואו זיי האָבען געגרינדעט זייער הויפּטשטאדט, האָט דיזער לאָרד און אנדערע, וועלכע האָבען זיך איינגערעדט אז דיא אצטעקען שטאמען פון אידען, פערגליכען מיט דיא וואנדערונגען פון דיא בני ישראל אין דער מדבר! ער האָט אויך בעהויפּטעט, אז מעקסי אָדער מעסי, וויא דיא אצטעקען האָבען גערופען זייער פיהרער, וועלכער האָט זיי געבראכט אין מעקסיקאָ, מיינט ניט אנדערם וויא משיח! מיט אזעלכע בויך־סברות האָט דער געלעהר־טער לאָרד אָנגעפילט א גרויסען בוך. איינער פון דיא קאטוילישע גלחים, וואָס האָט געזוכט זיך צו ערקלערען דיא מערקווירדיגע עהנליכקייטען צווישען דעם מעקסיקאנער און קריסטליכען גלויבען אין א משיח, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען פון א בתולה און איז געקרייציגט געוואָרען פאר דיא זינד פון דער מענשהייט, האָט אין איין שטעלע פון זיין בעשרייבונג בעמערקט : „דער טייוועל האָט אויך אויסגעקליבען נאָכצומאכען אין יעדער זאך יציאת מצרים און דיא וויטערע וואנדערונגען פון דיא אידען“..... וויא בע־וואוסט, איז דיא רעליגיאָן פון דיא מאָרמאָנען פערבונדען מיט דעם משונה'דיגען גלויבען, אז דיא אינדיאנער שטאמען פון דיא „רויטע אידען“, וועלכע זיינען מיט גרויסע נסים אָנגעקומען אין אמעריקא. דיא „ביבעל“ פון דיא מאָרמאָנען איז פול מיט דיא וואונדערבארע נסיעות פון דיא אויסגעטראכטע קינדער פון דיא צעהן שבטים.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז עס איז ניטאָ קיין ברעקיל וויס־סענשאפטליכער גרונד פאר אזא גלויבען און אז אלע בעהויפּטונגען וועגען דעם אידישען אורשפּרונג פון דיא אינדיאנער זיינען איינ־פאך פאנטאזיעס. דיא אָרימע צעהן שבטים — וואו האָט מען זיי

דען ניט ארייַנגעשמוגעלט? ווען מען בעהויפּטעט, אז זיי געפינען זיך צוזאַמענגעמישט מיט דיא אַפגאַניסטאַנער אָדער אַנדערע פעלקער אין אזיען, לייגט זיך עס נאָך אויף'ן שכל, אָבוואָהל ריכ־טיגע בעווייזע פעהלען נאָך דערצו; אָבער צו גלויבען, אז זיי זיינען פור־פלאט פערטראָגען געוואָרען נאָך אמעריקא, האָט אזוי פיעל זינען וויא צו גלויבען, אז זיי געפינען זיך ערגעץ הינטער דעם סמבטיון, א'ן אָרט וואָס עקזיסטירט ניט אויף אונזער ערד־קוגעל. נאָר דיא וואָס גלויבען אין נסים האָבען מיט דער אמת'ער וויסענ־שאפט גאָר ניט צו טאָן. זיי ווילען גאָר ניט הערען פון וויסענ־שאפטליכע בעווייזע און טרייסטען זיך מיט איינבילדונגען און פאנטאזיעס.

דיא ערד זעלבסט צייגט אונז יעדענפאלס, אז מענשען האָבען שוין געלעבט אין אמעריקא נאָך פאר דעם אייז־פעריאָד. דיא ערד ווייס ניט פון קיינע חקירות און איינבילדונגען. זיא דערצעהלט אונז אזוי פיעל, וויא פיעל מיר זיינען אין שטאנד צו דערגעהן דורך אויסגראָבונגען. אָבוואָהל אמעריקא איז ענטדעקט געוואָרען מיט 400 יאהר צוריק, איז זיא דאָך א גאנץ אלטע לאנד. אין איהר בוזים האָט מען געפונען דיא עלטעסטע סאָרטען שטיינער, פלאנצען און חיות.

עס איז מעגליך, אז זיא איז אמאָל געוועזען פערבונדען מיט אזיען אָדער זאָגאר מיט אייראָפּא. דיא געאָלאָגיע (וויסענשאפט איבער דער ערד) בעווייזט קלאָר, אז דיא אָבערפלעכע פון דער ערד האָט זיך ניט איינמאָל געענדערט, אז דאָרט וואו עס איז געווען יבשה איז געוואָרען ים און פערקעהרט. דיעזע ענדערונגען האָבען געדויערט מיליאָנען יאהרען, און טויזענדע סאָרטען פלאנצען און חיות זיינען פערשוואונדען געוואָרען ביז עס האָבען זיך געבילדעט דיא פלאנצען און חיות פון אונזער צייט.

וועגען דיא צייט פון דער ערשיינונג פון דיא ערשטע מענשען אויף דער ערד עקזיסטירען נאָך פערשידענע מיינונגען פון געלעהרטע. מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינעצלהייטען וועגען דיזען ענין. דער נייגיעריגער לעזער וועט אויפגעקלערט

ווערען וועגען דעם, ווען ער וועט שטודירען א בוך איבער געאָלאָגיע. זיכער איז עס יעדענפאלס, אז מענשען האָבען שוין געלעבט אין דער צייט, וואָס טראָגט אין דער געאָלאָגיע דעם נאָמען אייז־פעריאָדע. מיליאָנען יאהרען טהיילען אונז אָפּ פון דיזער צייט, ווען כמעט גאנץ אוירָאָפּא און נאָרד־אמעריקא זיינען בעדעקט געווען מיט אייז דורך געוויסע קלימאטישע ענדערונגען אויף דער ערד. אין דיא העהלען, וואו מענשען האָבען דאן געלעבט, האָט מען געפונען זייערע ביינער און געצייג צוזאמען מיט דיא ביינער פון אזעלכע פערשוואונדענע גרויסע חיות, וויא דער מאסטאָדאָן, מעגאטהעריום, (זעה פיגורע 1), מילאָדאָן, גליפטאָדאָן, (פיגורע 2)



פיג. 1. — דער מעגאָטהעריום.

א. ז. וו. דיזע חיות זיינען געווען גרעסער און געפעהרליכער פאר אונזערע. דער מענש, וועלכער איז געווען בעוואפענט מיט שטיי־נערנע געצייג, האָט געהאט צו פיהרען א שווערען קאמפף מיט זיי. וויא אזוי ער האָט דאן געקענט עקזיסטירען, איזווירקליך א וואונדער.

דער פאקט, אז מענשען האָבען דאָך געקענט אויסהאלטען אזא

שרעקליכען קאמפף, צייגט, אז זיי זיינען שוין געוועזן שכל'דיגע בעשעפעניסען, פיעל העכער וויא דיא ענטוויקעלטעסטע סאָרטען אפּען, וועלכע דיא וויסענשאפט רעכענט פאר זייערע אור־עלטערן. אויסגראָבונגען האָבען אונבעשטרייטבאר בעוויעזען, אז מענשען האָבען געלעבט אין אייראָפּא און אמעריקא אונטער דיא זעלבע אומשטענדען אין דער אייז־פעריאָדע. אין אמעריקא האָט מען נאָך געפונען עלטערע סמנים פון מענשליכער עקזיסטענץ וויא אין אייראָפּא.



פיג. 2. — דער מילאָדאָן.

דיא וויכטיגסטע פון דיא ענטדעקונגען, וואָס זיינען ביז יעצט געמאכט געוואָרען וועגען מענשען נאָך פאר דער אייז־פעריאָדע, איז דער זאָ־גענאנטער קאלוועראס שארבען (זעה פיגורע 3). דער אמעריקאנער פּראָפעסאָר וויטני האָט געפונען דיזען שארבען 130 פוס טיעף אין דער ערד לעבען דער וועסטליכער זייט פון דיא

בערג סיערא נעוואדא. דער שארבען איז געלעגען אין א שיכטע פון שטיינער, וועלכע ענטהאלטען איז זיך עטוואס גאָלד. אונטער דיזער שיכטע געפינט זיך א שיכטע פון לאווא (דיא צושמאָלצענע מאסע וואָס רייסט זיך ארויס פון וואולקאנען), און אויבען געפינען זיך שיכטען, וועלכע צייגען קלאָר, אז דאָרטען זיינען פאָרגעקומען לאנגע פעריאָדען פון וואולקאנישע טהעטיגקייט און פון פערפליי־



פיג. 3 — דער קאלווערא־ס־שאַרבען.

צונגען. ניט ווייט פון דער מינע, וואו מען האָט געפונען דעם שארבען, זיינען געלעגען שטיקלעך פון מענשליכע ביינער און פון אייניגע פערשוואונדענע סאָרטען חיות. נאָהענט דערביי ליעגט אויך בעגראָבען א פערשטיינערטער וואלד. נאָך געאָלאָגישע רעכ־נונגען האָבען דיזע מענשען געמוזט עקזיסטירען לאנג פאר דער אייז־פעריאָדע, דאָס הייסט, אז דיא ביינער זיינען דאָרט געלעגען מיליאָנען יאהרען.

אין 1857 האָט מען געפונען א טהייל פון א מענשליכען שאר־

בען צוזאמען מיט דיא ביינער פון א מאסטאדאָן אין דיא גאָלד־ברענגענדע שטיינער פון טייבל־מאונטען אין קאליפאָרניע. דיזע ביינער זיינען געלעגען 180 פוס טיעף אין דער ערד. דיא געאָלאָגישע צוזאמענשטעלונג פון דער ערד ארום צייגט ווידער אויף א פיעל גרעסערען אלטער פון מענשען וויא אין דער אייז־פעריאָדע. אין פיעלע אנדערע געגענדען פון קאליפאָרניא און אָרעגאָן האָט מען געפונען ביינער פון מענשען מיט מאסטאדאָנען, היפאָריאָנען (פער־שוואונדענער סאָרט פערד) און אנדערע זעהר אלטע סאָרטען חיות.

דיעזע ענטדעקונגען פיהרען צום שלוס, אז אין קאליפאָרניא און איבערהויפט ביי דיא ברעגעס פון גרויסען אָקעאן, האָבען נאָך מענשען געלעבט אין דער זאָ־גענאנטער פליאָצען־פעריאָדע, (דיזע פעריאָדע איז דיא לעצטע פון דער דריטער געאָלאָגישער עפּאָכע, נאָך וועלכער עס האָט זיך אָנגעפאנגען דיא אייז־פעריאָדע, ווען עס עקזיסטירט שוין קיין צווייפעל ניט וועגען דיא עקזיסטענץ פון מענשען). (*)

אין פערגלייך מיט אזא אלטער זיינען אפילו דיא מענשען, וואָס זייערע ביינער זיינען געפונען געוואָרען פון דאָקטאָר בענעט דאָולער לעבען ניו אָרלעאַן, נאָך יונגע. איין סקעלעט האָט ער דאָרטען אויסגעגראָבען אונטער שיכטען פון 4 אמאָליגע וועלדער איינע איבער דיא אנדערע. רעכנענדיג דיא צייט, וועלכע עס האָט בעדאַרפט נעהמען פאר דיא ענטשטעהונג פון דיזע וועלדער, איז ער געקומען צום שלוס, אז מענשען האָבען דאָרטען געלעבט מיט א יאָהר 50,000 צוריק.

אבער יעדענפאלס איז עס זיכער, אז מענשען האָבען זיך שוין געפונען אין אמעריקא גלייכצייטיג וויא אין דער אלטער וועלט. אייניגע געלעהרטע דענקען, אז אין אמעריקא האָבען זיך געפונען

(*) דער לעזער קען געפינען ערקלערונגען וועגען דיא פערשיעדענע געאָלאָגישע צייטען אין דעם ערשטען קאפיטעל פון מיין „קולטור־געשיכטע,“ ארויסגעגעבען פון דער „אינטערנאציאָנאלער ביבליאָטהעק פּאָבלישינג קאָמפּ“.

מענשען נאָך פריהער וויא אין אייראָפּא. זיי רעכנען אויך, אז אין דער צייט, ווען אין אייראָפּא האָבען זיך נאָך ארומגעשלעפּט ווילדע שטאמען, זיינען שוין אין אמעריקא געוועזן אזעלכע קולטור־פעלקער, וועלכע האָבען געבויט שטעדט און מאָנומענטען. צו דיזער מיינונג זיינען זיי געקומען, ווייל מען האָט געפונען אין איינינע ערטער פון צענטראל־אמעריקא חורבות פון גרויסע טעמפּ־לען וועלכע זיינען געבויט געוואָרען פון פערשוואונדענע פעלקער, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען. אבער עס איז נאָך א גרויסע פראגע, אויב דיזע טעמפּלען זיינען עלטער וויא דיא עגיפּטישע, מיט וועלכע זיי האָבען געוויסע עהנליכקייטען.

נאָר ווען מיר זאָלען אָננעהמען, אז אמעריקא איז פריהער בעזעצט געוועזן מיט מענשען וויא אייראָפּא, הייסט עס נאָך פון דעסטוועגען ניט, אז דאָרט איז געוועזן זייער וויגעלע. דיא ערשטע מענשען זיינען העכסט וואהרשיינליך אויפגעקומען אין אזיען. דיא ענטשטעהונג פון מענשען איז נאָך א דונקעלער פּונקט אין דער וויסענשאפט, ווייל מען האָט נאָך ניט געפונען דיא סאָרטען בעשעפעניסען, וועלכע זיינען געשטאנען אויף דער שטופע צווישען דיא ווילדע מענשען פון אייז־פּעריאָדע און דיא העכסטע סאָרטען אפען, וועלכע עקזיסטירען נאָך ביז יעצט אין אזיען און אפריקא. דיא מיינונג פון געלעהרטע איז, אז מענשען האָבען זיך ענטוויי־קעלט פון אפענארטיגע בעשעפעניסען ערגעץ אין איין אָרט אונטער זעהר גינסטיגע אומשטענדען. מען רעכענט, אז דיזער אָרט האָט זיך געפונען אין דיא ווארימע און פרוכטבארע געגענדען פון אזיען אָדער איבערהויפּט פון דער אלטער וועלט. פון דאָרטען האָבען זיי זיך ביסלעכווייז צושפּרייט איבער דעם גאנצען ערד־קוגעל. אין אמעריקא גופא, דענקט מען, האָבען זיך ניט געקענט ענט־וויקלען דיא ערשטע מענשען, ווייל מען האָט ניט געפונען ביי אלע אויסגראָבונגען, וואָס זיינען געמאכט געוואָרען, ביינער פון אזעלכע הויך־ענטוויקעלטע אפען, וויא אין אזיען אָדער אפריקא. דיא יעצטיגע אמעריקאנער אפען שטעהען אויך פיעל ניעדריגער פאר דיא אזיאטישע אָדער אפריקאנער. אין אפריקא און אויף איינינע

אינזלען אין זיד־אזיען, וועלכע זיינען בעזעצט מייסטענס פון מאלאיער, האט מען שוין געפונען ביינער פון אזעלכע בעשעפעני־סען, וועלכע קענען גערעכענט ווערען פאר מענשענארטיגע אפען. עס איז דארום גיכער אנצונעהמען, אז אין דיזע ערטער האבען זיך ביסלעכווייז ענטוויקעלט דיא ערשטע מענשען.

עס זיינען נאך דא אנדערע גרינדע, ווארום מען דענקט, אז אמעריקא איז ניט געווען דיא וויגעלע פון דער מענשהייט. נאר מיר קענען זיך ניט פערנעהמען מיט אזעלכע איינצעלהייטען, וועגען וועלכע ספעציאליסטען שטרייטען נאך. פאר אונז איז גענוג צו וויסען, אז מענשען האבען זיך שוין געפונען אין אמעריקא אין אזעלכע צייטען, ווען דיא ערד האט אנדערס אויסגעזעהן וויא יעצט, ווען דער קלימאט, דיא פפלאנצען און חיות זיינען געווען גאנץ אנדערע, וויא אין אונזער געאלאגישע עפאכע, וועלכע טראגט דעם נאמען דילואוויאלע אדער נאך־מבול'דיגע.

וואס עס האט דאן פאסירט מיט דיא מענשען, דאס קענען מיר נאר אויסגעפינען ביסלעכווייז דורך וויטערע אויסגראבונגען אין דער ערד. יעדענפאלס, ווען מען בעהויפטעט, אז מענשען האבען איינגעוואנדערט נאך אמעריקא פון אזיען, דארף מען עס פערשטעהן אין דעם זינען, אז דאס האט נאך געקענט פארקומען אין אזעלכע צייטען, ווען דיא ערד האט געהאט איהר יעצטיגע פארמע און ווען עס האבען זיך שוין געבילדעט דיא פערשידענע ראסען פון מענשען. אויף דיא מעגליכקייטען פון אזעלכע איינ־וואנדערונגען האבען מיר שוין אנגעוויזען אויבען. אויסגראבונגען און נאכפארשונגען האבען בעוויזען, אז אין אמעריקא האבען זיך געפונען פעלקער, וועלכע זיינען פאלשטענדיג פערשוואונדען געווארען נאך לאנג פאר קאלומבוס'עס רייזע. ווער דיזע פעלקער זיינען געווען, ווייסען מיר ניט; נאר וועגען זייער עקזיסטענץ האבען זיי איבערגעלאזען אונבעשטרייטבארע בעווייזע און מאנו־מענטען, וועלכע מיר וועלען בעשרייבען אין דיא נעכסטע קאפיטלעך.

צווייטער קאַפּיטעל.

דיא קיך־הויפענס און הייהלען פון אמאָליגע מענשען.

אין פיעלע ערטער פון אמעריקא, אזוי גוט וויא אין דער אלטער וועלט, האָט מען געפונען גאנצע בערג מיט שאָלעכץ פון ים־חיות און מיט אנדערע זאכען, וועלכע זיינען איבערגעבליעבען פון אמאָליגע מענשען. דיזע בערג, וועלכע טראָגען אין דער ארכעאָלאָגיע (וויסענשאפט איבער אלטע זאכען) דעם פראָסטען נאָמען קיך־הויפענס אָדער אָבפאַל־בערגלעך, ציינגען אָן, אז מענשען האָבען געלעבט צוזאמען אין פערלויף פון לאנגע יאהרען אויף בעשטימטע ערטער לעבען ים אין גרוי־אלטע צייטען. אויף זיכער קען מען ניט בעשטימען דיא צייט, ווען דיזע מענשען האָבען געלעבט, נאָר דיא זאכען, וועלכע מען האָט דאָרטען געפונען, בעווייזען דייטליך, אז דאָס איז געווען מיט פיעלע טויזענדע יאהרען צוריק.

דיזע קיך־הויפענס געפינען זיך מייסטענס לעבען דיא ברעגעס פון ים, וויל דאָרטען האָבען דיא מענשען געפונען לייכטער שפייז אין דיא סאָרטען וואסער־חיה׳לעך, וועלכע זיינען בעדעקט מיט א שאָלעכץ. אונגעהויערע בערג מיט אזעלכע שאָלעכץ ציהען זיך לעבען דיא ברעגעס פון ניו־פאונדלענד, קאנאדא, מאסאטשוזעטס, לואיזיאנא, טעקסאס, ניקאראגוא, גוויאנא, בראזיל, פאטאגאָניע, טשילי, פערו, א. ז. וו. דיא שאָלעכץ־בערג פון פייערלאנד און פון אלאסקא קען מען זעהען פון גאנץ ווייט אויף׳ן ים, וויל זיי זיינען בעוואקסען מיט דונקעלערע און העכערע גראז וויא דיא ערטער ארום.

פיעלע פון דיזע קיך־הויפענס פערנעהמען גרויסע שטרעקען. דער בעריהמטער ענגלישער געאָלאָג סער טשארלז לייעל האָט

געפונען אויף דעם סענט־סימאָן אינזעל, וועלכער ליעגט ביי דיא ברעגעס פון סטייט דזשאָרדזשיא, דאָרט וואו דער טייך אלטאַ־מאהא פאלט אריין אין אטלאנטישען ים, א שאָלעכץ־בארג, וועל־כער בעדעקט צעהן אקער לאנד און איז הויך פון 5 ביז 10 פוס.

עס פערשטעהט זיך, אז עס האָט געמוזט נעהמען א לאנגע צייט איידער דיא עסערס פון אָיסטערס, ראקעס און אנדערע אזעלכע ים־חיות האָבען געקענט אָנוואָרפען אזעלכע בערג. אין גרויסע צאָהלען האָבען זיי ניט געקענט וואָהנען אויף איין אָרט, ווייל עס איז ניט גענוג געווען שפייז פאר אלעמען. נור קליינע פאמאליען־גרופען האָבען געקענט עקזיסטירען לעבען דיא ברעגעס פון ים, וואו זייער הויפט־שפייז איז בעשטאנען פון דעם, וואָס דער ים פלעגט ארויסוואָרפען אויף דיא ברעגעס. דארום האָט עס געמוזט דויערן הונדערטע יאהרען ביז עס האָט געקענט זיך אָנקלייבען א שאָלעכץ־בארג וואָס זאָל פערנעהמען צעהנדליגע אקערס לאנד. פיעלע דורות האָבען דאָרטען געלעבט מיט דיא קלעגליכע מיטעל, וועלכע זיי האָבען זיך געקענט ערווערבען מיט זייערע שטיינערנע געצייג.

אויסגראבונגען אין דיזע קיך־הויפענס צייגען אויף א זעהר וויטע פערגאנגענהייט, אויף דיא עלטעסטע צייטען פון דער מענשהייט. מען האָט דאָרטען געפונען העקלעך, מעסערס און אנדערע געצייג פון ניט־פּאָלירטע שטיינער אָדער פון ביינער — דיא ערשטע אינסטרומענטע פון מענשען. אויך האָט מען געפונען שטיקלאך קויהלען, האלב־צוברענטע האָלץ און אש, וואָס עס צייגט, אז שוין דאן האָבען מענשען געוואוסט פון פייער. שטיק־לעך פון ליימענע געפעס אין דיא קיך־הויפענס צייגען נאָך, אז מענשען זיינען שוין דאן געווען אזוי פאָרטגעשריטען, דאָס זיי האָבען געקענט קנעטען געפעס פון ליים. וואהרשיינליך האָבען זיי אויך געוואוסט פון קאָכען. זייער איינפאכער און טרויעריגער לעבען ווערט דערציילט אין א שטומע שפראַך פון דיזע איבערגעבליבענע זאכען. אין די קיך־הויפענס האָט מען אויך געפונען ביינער פון פיש, פייגעלעך און פיעלע סאָרטען חיות פון דער יבשה. דאָס אלעס

צייגט, אז ניט נאָר מענשען האָבען דאָרט געלעבט, נאָר האָבען שוין אויך געקענט פאנגען אָדער טויטען פערשיעדענע חיות. דיזער צוזאמענלעבען איז וואהרשיינליך געווען דער אָנפאנג פון קולטור. יעדענפאלס איז דאָס געווען איינע פון דיא ערשטע קולטור־שטופען.

איינינגע פון דיא גרעסטע אמעריקאנער קיך־הויפענס געפינען זיך אין פלאָרידא און אלאבאמא. זיי פערנעהמען זאָגאר ביז 150 אקערס לאנד! עטליכע זיינען נאָך דערצו ביז 40 פוס הויך. 50 מייל ווייט פון דער שטאדט מאָביל, אלאבאמא סטייט, האָט מען געפונען א גרויסען קיך־הויפען, וועלכער בעשטעהט אויסשליסליך פון ים־שיסעלעך. דאָס צייגט, אז זייט דיא עססערס פון דיזע ים־חיה'לעך האָבען דאָרטען געוואָהנט, האָט זיך דיא ערד פיעל געענדערט. דער ים איז צוריקגעטראָטען אָדער דיא ערד האָט זיך אויפגעהויבען. עס פערשטעהט זיך, אז מענשען וואָלטען ניט געוואָהנט ווייט פון ים, וואו זיי האָבען געקראָגען שפייז, ווען זיי האָבען פיעל לייכטער און זיכערער געקענט אויפשטעלען זייערע געצעלטען לעבען דאָמע ברעג ים. דער קיך־הויפען, וואָס געפינט זיך יעצט 50 מייל פון מאָביל, האָט אלזאָ געמוזט ליגען פריהער לעבען ברעג ים. וויא לאנג דיזע ענדערונג פון דער געגענד האָט געדויערט, האָט מען נאָך ניט געקענט אויסרעכענען, נאָר עס איז קלאָר, אז דאָס האָט גענומען לאנגע יאָהרען.

אין דיא סטייטס מעין און מאסאטשוזעטס געפינען זיך פילע קיך־הויפענס, וואו מען האָט אויסגעגראָבען מייסטענס ביינערנע זאכען. שטיינערנע געצייג זיינען דאָרטען זעהר זעלטען. דיא ווייניגע שטיקלעך ליימענע געפעס, וואָס מען האָט דאָרטען געפונען געהערען צו דיא גאנץ ערשטע סאָרטען. דיא ביינער פון דיא חיות אין דיזע קיך־הויפענס, מיט אויסנאהמע פון א געוויסען סאָרט ים־פויגעל, וואָס עקזיסטירט שוין מעהר ניט, געהערען צו אונזער געאָלאָגישער פעריאָדע. פיעלע ביינער טראָגען צייכענס פון הינטעשע ציינער, וואָס עס איז א קלאָרער בעווייז, אז נאָך דאַן איז דער הונד געווען דעם מענשענס טרייער בעגלייטער. קיין

סימן פון אקערבוי האָט מען נאָך ביז יעצט ניט געפונען אין אירגענד וועלכען פון דיזע קיך־הויפענס. אלעס צייגט, אז דיא מענשען, וועלכע האָבען איבערגעלאָזען דיזע בערג מיט ים־שיסעלעך נאָך זיך, זיינען געשפייזט געוואָרען פון ים.

א מאסע קיך־הויפענס געפינען זיך ביי דיא ברעגעס פון גרויסען אָקעאַן, בעזאָנדערס אין קאליפאָרניא און אָרעגאָן. איינינע דיסטריקטען לעבען סאן־פראנציסקאָ זיינען איינפאך בעשאָטען מיט קיך־הויפענס. איינער פון זיי פערנעהמט מעהר וויא א מייל אין דער לענג און א האלבע מייל אין דער ברייט! כמעט אלע ים־שיסעלעך זיינען פריהער געבאקט געוואָרען אויף פייער. מען



פיג. 4 — שטיינערנע און ביינערנע געצייג (אויסגעגראָבען אין קאַליפאָרניאַ).

האָט זיי אלזאָ שוין ניט געגעסען רויערהייט. ביי אויסגראבונגען אויף א טיעפקייט פון 25 פוס אין עטליכע קיך־הויפענס האָט מען געפונען שטיינערנע פיילען און האמערס און א מאסע ביינערנע געצייג, איינינע 8 צאָלל לאנג. (זעה פיגורע 4.)

בעזאָנדערס אינטערעסאנט זיינען דיא זאכען וואָס דר. יעיטס

האָט אויסגעגראָבען אין דיא קיך־הויפענס פון אלאמעדא דיסטריקט אין קאליפאָרניא. צווישען דיזע זאכען געפינען זיך גרויסע שטיינערנע שטויסלעך (זעה פיגורע 5), אינסטרומענטען צו בויערן לעכער אין שטיינער און אויך א שטיקעל שטיין, וואָס שטעלט פאָר א פאללוס (דאָס איז דער גריכישער וואָרט פאר דעם מענליכען אָרגאן. וועגען דיא פערגעטערונג פון פאללוס און דיא בעדייטונג פון דיא פאללוס־צערעמאָניע ביי אללע קולטור־פעלקער אין דער וועלט, בעזאָנדערס ביי דיא גריכען און רוימער, זעה דעם



פיג. 5 — אַ שטיינערנע שטויסעל (אויסגעגראבען אין קאליפאָרניא).

דריטען באנד פון מיין „קולטור־געשיכטע.“) אין אנדערע ערטער האָט מען אויך געפונען פאללוסען, וואָס עס צייגט, אז דיא פערעהרונג פון דיא געשלעכטס־אָרגאנען האָט זיך אָנגעפאנגען לאנג, לאנג פאר דיא היסטאָרישע צייטען און איז ענטשטאנען דורך דיא זעלבע נאטירליכע אורזאכען איבעראל. דער פאללוס איז געווען איינפאך א גראָבער צייכען פון דער לעבענס־קראפט און פון

געבורט. דיזער צייכען איז פערגעטערט געוואָרען וויא אַלע אנדערע געצקעס.

לעבען אייניגע פון דיזע קיך־הויפענס האָט מען אויסגעגראָבען א סךביינער פון מענשען און א פּאָר גאַנצע סקעלעטען. איינעם פון דיזע סקעלעטען האָט מען געפונען מיט א בראסלעט פון ים־שיסעלעך אויף א האנד און מיט א שטיינערנע פייל אריינגעשטאָכען אין א ביין. אין איין טהייל פון וואנקואווער אינזעל האָט מען אויסגעגראָבען א שיסעל מיט 2 הענטלעך. איין הענטעל שטעלט פאָר דיא פיגורע פון א מאַן, דיא אנדערע שטעלט פּאָר א קאָפּ פון א חיה. עהנליכע זאכען האָט מען געפונען ביי אויסגראבונגען אין צענטראל־אמעריקא.

ווען דער אינזעל ניו פאונדלענד איז ענטדעקט געוואָרען פון דזשאהן קאבאָט, האָט מען ניט געטראָפען מענשען אויף דיא ברעגעס. מען רעכענט, אז דער גאנצער אינזעל איז דאַן ניט געווען בעוואָהנט פון מענשען. דיא קיך־הויפענס און אנדערע זאכען, וואָס מען האָט דאָרטען אויסגעגראָבען בעווייזען אבער, אז מענשען האָבען דאָרטען געוואָהנט אין גרוי־אלטע צייטען. וואָס עס איז מיט זיי געוואָרען, ווייס מען ניט.

דיא קיך־הויפענס פון בראזיליען צייגען אויך, אז דיא מענשען דאָרטען זיינען געווען קאניבאלען. מען האָט געפונען מענשליכע ביינער, וואָס זיינען צובראָכען געוואָרען, אום ארויסצוקריגען פון זיי דעם מארך. אייניגע ווילדע שטאממען פון בראזיליען זיינען נאָך ביז יעצט קאניבאלען. זיי וואנדערען ארום אין דיא געדיכטע וועלדער לעבען דעם ריעזיגען אמאזאָן־טייך. מען רעכענט, אז אין בראזיליען געפינען זיך נאָך ביז 80 טויזענד מענשענפרעסער. אייניגע פון דיא בראזיליער קיך־הויפענס דערגרייכען זאָגאר ביז 100 פוס הויך. אין דיזע הויפענס געפינען זיך אזוי פיעל מיליאָנען ים־שיסעלעך, אז איינער פון זיי האָט ניט נאָר צוגעשטעלט אין פערלויף פון 200 יאהר גענוג קאלך פאר א שטאדט דערביי, זאָנדערן ליפערט נאָך אויך גענוג פיר אנדערע ערטער.

אויך ביי דיא ברעגעס פון מיססיסיפּי און פון אנדערע טייכען

האָט מען געפונען קיך־הויפענס. זיי ענטהאלטען מייסטענס שיסעלעך פון טייך־חיות. אזעלכע הויפענס האָט מען ענטדעקט אין דיא סטייטס מינעזאָטא, אייאָווא, איללינאָאי, מיזורי און אינדיאנא. זיי זיינען פיעל קלענער, וויא דיא הויפענס לעבען ים. דער גרעסטער פון זיי פערנעהמט ניט מעהר וויא א הונדערט יארד אין דער לענג און פון 3 ביז 5 יארד אין דער ברייט. דערביי האָט מען געפונען גריבער מיט אש און קויהלען, וואָס עס צייגט, אז דאָרטען זיינען געוועזן פייער־פלעצער. דיא אויסגעגראָבענע שטיינערנע, ביינערנע און ליימענע זאכען — קיינע אנדערע געצייג האָבען דיזע מענשען ניט געהאט — זיינען עהנליך צו דיא זאכען, וואָס מען האָט אויסגעגראָבען אין דיא קיך־הויפענס לעבען ים.

מיר וואָלטען געקענט אָנפילען א בוך מיט בעשרייבונגען פון דיזע סמנים פון אמאָליגע מענשען, וועלכע זיינען געצוואונגען געוועזן זיך צו ערנעהרען מיט אזעלכע ים־חיה'לעך, וועלכע דיא ווילדעסטע פון דיא אינדיאנער פלעגען שוין ניט געברויכען. דיא געבראכטע ביישפיעלען זיינען גענוג צו געבען דעם לעזער א בעגריף וועגען דיא מענשען פון יענע צייטען, וועלכע זיינען געוועזן געוויס מיט פיעלע טויזענדער יאהרען צוריק.

מיר וועלען נאָר זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען א זעלטענעם קיך־הויפען, וואָס דער אמעריקאנער נאכפאָרשער דזשעפריס וויימאן האָט געפונען אין פלאָרידא לעבען א'ן אָזערע. ער פערנעהמט 20 אקער לאנד און דערגרייכט אין אייניגע ערטער ביז 20 פוס הויך. דיא מייסטע שיסעלעך קומען פון אזעלכע וואסער־חיות, וועלכע זיינען יעצט א זעלטענהייט אין דיא וואסערן ארום. דאָס צייגט, אז דער הויפען איז אזוי אלט, דאָס אייניגע סאָרטען פון דיא חיות אין וואסער זיינען שוין פערשוואונדענע געוואָרען. אין אייניגע אנדערע קיך־הויפענס, אין אייראָפּא אזוי גוט וויא אין אמעריקא, האָט מען אויך געפונען ים־שיסעלעך פון פערשוואונדענע סאָרטען אָיסטערס. דיא אמאָליגע אָיסטערס זיינען געוועזן פיעל גרעסער וויא דיא היינטיגע און האָבען זיך אויך געפונען אין גרעסערע מאסען. דאָס מוז מען אויך שליסען פון דיא קיך־

הויפענס לעבען באלטישען ים, וואו עס זיינען יעצט דאָ זעהר ווענינ אָיסטערס.

סמנים, אז דיא מענשען פון יענע צייטען זיינען געווען מענ־שענפרעסער, האָט מען געפונען אין פיעלע קיך־הויפענס. מיר דארפען זיך ניט ווּאונדערן, דאָס דיזע מענשען, וועלכע האָבען זיך געפונען אויף אזא ניעדריגע שטופע פון קולטור און האָבען נאטיר־ליך זעהר אָפט געמוזט הונגערן, זיינען געווען קאניבאלען, ווען פיעלע ווילדע שטאמען, וועלכע האָבען גוטע פלאנץ־שפייז און קענען פאנגען חיות, מאכען דאָך סעודות פון מענשליכע פלייש. מיר וועלען שפעטער זעהען, אז קאניבאליזמוס האָט עקזיסטירט ביי פיעלע אינדיאנער שטאמען, ווען דיא אויראָפּעער זיינען געקו־מען, און אז גראדע דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער פון נאָרד־אמעריקא, וועלכע האָבען געגרינדעט דיא מעקסיקאנער מלוכה, זיינען געווען דיא שרעקליכסטע מענשענפרעסערס.

דיא צייט, ווען דיזע הויפענס זיינען צוזאמענגעקליבען גע־וואָרען, איז, וויא שוין בעמערקט, אונבעשטימט. מען ווייס נור, אז מאנכע הויפענס זיינען עלטער וויא אנדערע. אייניגע הויפענס זיינען אָנגעפאנגען געוואָרען פון דיא אמאָליגע מענשען און זיינען נאכהער פערגרעסערט געוואָרען פון אינדיאנער שטאמען. אין קיינעם פון דיזע הויפענס האָט מען ניט געפונען דיא מינדעסטע שטיקעל מעטאל, אפילו ניט גאָלד און קופער, וועלכע געפינען זיך אין אייניגע ערטער אין זייער נאטירליכען צושטאנד, ניט בעהעפט מיט אנדערע יסודות. אויף אייניגע פון דיעזע הויפענס זיינען אויפגעוואקסען ריעזיגע בוימער, וועלכע דארפען זיין אלט ביז טויזענד יאָהר, אָבער נאטירליך, מען קען ניט וויסען, וויא לאנג דיא הויפענס זיינען געלעגען איידער אזעלכע ריעזיגע בוימער האָבען אָנגעפאנגען אויף זיי צו וואקסען.

אין אמעריקא האָט מען אויך געפונען הייהלען אזוי וויא אין אויראָפּא, בעזאָנדערס אין זיד־פראנקרייך, וואו מענשען האָבען געלעבט אין דער שרעקליכער צייט פון דער אייז־פעריאָדע. עס

איז שווער צו זאָגען, אויב דיזע הייהלען זיינען בעוואָהנט געוואָרען פון מענשען אין דער זעלבער צייט, ווען אנדערע האָבען זיך ארומ־געשלעפּט לעבען דיא ברעגעס פון ים צו שטילען זייער שטענדיגען הונגער.

דיא אינדיאנער האָבען גאָר ניט געוואוסט וועגען דיא מענ־שען, וועלכע האָבען זיך געטולעט אין דיזע הייהלען, אזוי וויא פון דיא מענשען, וואָס האָבען איבערגעלאָזען נאָך זיך דיא בערג מיט ים־שיסעלעך. אויף דיא פראגען פון רייזענדע און נאכפאָרשער וועגען דיא קיך־הויפענס, האָבען דיא אינדיאנער שטענדיג געענט־פערט, אז דאָס איז דיא ארבייט פון מענשען, וועלכע זיינען אויך אונבעקאנט געוועזען זייערע אור־עלטערן.

דיא מייסטע פון דיא ענטדעקטע און נאָכגעפאָרשטע הייהלען האָבען געדיענט אלס בעגרעבונגס־ערטער. אין איין הייהל אין מעקסיקאָ האָט מען געפונען מומיעס, וואָס האָבען אויסגעזעהן גאנץ אנדערס וויא דיא איינגעבאָרענע אין דער צייט, ווען דיא שפּאניער האָבען זיך בעוויזען. לעבען דיזע מומיעס זיינען געלעגען שטיינערנע העקלעך, פיילען און וואזען מיט געוויסע פאר־בען און בעפּוצונגען. איניגע געלעהרטע האָבען בעהויפּטעט, אז דיזע וואזען זיינען עהנליך צו אלט־עגיפּטישע, אבער דאָס איז נאכהער אָבגעשטריטען געוואָרען.

אין דיא קאלך־שטיינערנע בערג לעבען דעם גאסקאָנאדע טייך אין מיזורי סטייט האָט מען געפונען א סך נאטירליכע הייהלען, וועלכע זיינען פערגרעסערט געוואָרען פון זייערע אמאָליגע איינוואָה־נער. דער ארייננאנג צו דיזע הייהלען איז זעהר א שווערער. מען האָט דאָרטען אויסגעגראָבען מענשליכע ביינער צוזאמען מיט ביינער פון בערען, הירשען, טשערעפּאכעס און ווילדע אינדיקעס. דיא מייסטע ביינער זיינען צובראָכען געוואָרען, אום ארויסצוקריגען פון זיי דעם מארך. עטליכע אינטערעסאנטע הייהלען זיינען ענטדעקט געוואָרן אין אָהייאָ. נאָך דיא זאכען, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעגראָבען, דארף מען שליסען, אז פיעלע דורות האָבען דאָרט געלעבט. דיא שטיינערנע געצייג זיינען גאָר ניט פּאָלירט און געהערען צו דיא

עלטעסטע פארטען, מיט וועלכע מענשען האבען זיך בענוצט אין זייער קאמפף פיר עקזיסטענץ.

אין פענסילווייניא, א מייל 80 פון פילאדעלפיא, האט מען ענטדעקט לעבען דיא ברעגעס פון סוסקעהאנא טייך א נאטירליכען הייהל, וועלכער האט ענטהאלטען א סך מענשליכע ביינער און עטליכע הונדערט פיילען פון דיא הארטעסטע שטיינער אין דיא ארומיגע בערג. עטליכע פון דיא אויסגעגראבענע העק זיינען דורכגעלעכערט, וואס עס צייגט, אז דיא איינוואהנער פון דיזען הייהל זיינען שוין דערגאנגען צו דער קונסט פון בויערן שטיינער.

א בעשרייבונג פון אנדערע הייהלען, וועלכע זיינען ענטדעקט געווארען אין פערשידענע ערטער פון אמעריקא, וואלט נאר פערנומען אומזיסט פלאץ אין דיזען בוך, וועלכער האט דעם צוועק צו געבען דעם איינפאכען לעזער א'ן אלגעמיינען בליק אויף דעם צושטאנד פון דיא מענשען אין אמעריקא פאר די ענטדעקונג פון קאלומבוס. עס איז פאר אונז גענוג צו וויסען, אז דיא זאכען, וואס מען האט געפונען אין אלע הייהלען, צייגען אן אויף אזא ניעדריגע קולטור וויא דיא זאכען אין דיא קיך־הויפענס. דיא מענשען, וואס האבען געוואהנט אין דיזע הייהלען, זיינען געווען ווילדער וויא דיא ווילדעסטע שטאמען, וואס אייראפעער האבען געפונען אין דער נייער וועלט.

ווען זיי האבען געלעבט און ווען זיי זיינען פערשוואונדען, דאס איז מען נאך ניט דערגאנגען. מען רעכענט, אז זיי זיינען געווען דיא אור־עלטערן פון וועניגסטענס עטליכע אינדיאנער שטאמען.

דריטער קאַפּיטעל.

דיא מאונד־בויערס.

נאָך אינטערעסאנטער זיינען דיא צייכענס, וואָס דיא זאָגענאנטע מאונד־בויערס האָבען איבערגעלאָזען אין זעהר פיעלע ערטער, בעזאָנדערס אין דיא געגענדען, וועלכע ווערען בעוואסערט פון מיסיסיפּי און דיא טייכען, וואָס פאלען אין איהם אריין. „מאונד" הייסט אָנשיטונג פון ערד, אַן ערד־וואנד, א בערגעל פון אָנגעשאָטענע ערד.

דיעזע מאונדס, וועלכע זיינען יעצט אלע בעוואקסען מיט גראָז און בוימער און זעהען מייסטענס אויס, וויא נאטירליכע בערגלעך, זיינען ענטדעקט געוואָרען צו ענדע פון 18טען יאהר־הונדערט. דיא שפּאניער און אנדערע אייראָפּעער, וועלכע האָבען צוערשט בעזוכט יענע געגענדען, האָבען זיך ניט געקימערט וועגען דיעזע זאָנדערבארע מאָנומענטען פון מענשען, וועלכע זיינען שוין לאנג פריהער פערשוואונדען געוואָרען. זיי האָבען זיך ניט אינטערעסירט מיט אזעלכע זאכען און האָבען אויך קיין צייט און מיטעל ניט געהאט צו מאכען אונטערזוכונגען. אין א פּאָאָר שפּאנישע שריפטען פון 16טען יאהרהונדערט ווערט פארבייגעהענדיג דערמאָהנט וועגען קינסטליכע בערגלעך, וועלכע דיא גאָלד־זוכענדע שווערד־העלדען אונטער דער קאָמאנדע פון הערנאנדעץ דע־סאָטאָ האָבען געזעהען אין זייערע וואנדערונגען פון פלאָרידא ביז מיסיסיפּי.

ערשט אין אונזער צייט, ווען געלעהרטע האָבען זיך גענומען שטארק בעשעפטיגען מיט ארכעאָלאָגישע נאכפאָרשונגען, האָט מען אויך גרינדליך נאָכגעפאָרשט דיזע מאָנומענטען וועלכע זיינען אזוי וואונדערבאר וויא דיא עגיפּטישע פּיראמידען און וועלכע פערבליי־

בען א רעטעניס פאר דיא וויסענשאפט. אין 1845, ווען מען האָט געמאכט דיא ערשטע גרינדליכע אויסגראָבונגען אין דעם טהאל פון מיסיסיפּי, האָט מען ענטדעקט ניט ווייניגער וויא 200 אזעלכע סמנים פון אלטע צייטען. זייט דאן האָט מען געשיקט פיעלע וויסענשאפטליכע עקספּעדיציאָנען צו זוכען און נאכפאָרשען מאונדס און מען האָט געפונען צעהנדליגע טויזענדער אזעלכע. זיי זיינען אלע אויספיהרליך בעשריעבען אין ספּעציעלע ביכער און בעריכטען.

זיי זיינען צושפּרייט איבער דיא צענטראל־טהיילען פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אויך אין קאנאדא לעבען סענט־לאָרענס־טייך, אין וועסטליכען טהייל פון סטייט ניו יאָרק, אין פלאָרידא, טעקסעס, אין צענטראל און זיד־אמעריקא. דיא בויערס פון דיזע זאָנדערבארע ערד־אָנשיטונגען זיינען אלזאָ צושפּרייט געווען כמעט איבער גאנץ אמעריקא. דיא גרויסקייט פון פיעלע מאונדס בעווייזט קלאָר, אז מענשען האָבען דאָרט געלעבט דורות און דורות. ווער דיזע בויערס זיינען געווען, ווייס מען נאָך ניט, נאָר זייערע ערד־בויאונגען צייגען, אז זיי זיינען שוין געשטאנען אויף א ציעמליך הויכער שטופע פון קולטור, יעדענפאלס פיעל העכער וויא דיא מענשען, וואָס האָבען איבערגעלאָזען א'ן אנדענקען אָן זיך אין דיא קיך־הויפענס.

פון דיא מאסע בעשרייבונגען פון דיא מאונדס וועלען מיר דאָ איבערגעבען עטליכעביישפּיעלע.

דער סטייט אָהייאָ איז הפּנים געווען דער צענטער פון דיא מאונד־בויערס. דאָרט האָט מען ענטדעקט ניט װעניגער וויא 10,000 מאונדס. מען האָט אויסגרעכענט, אז זייער לענג איז ניט וועניגער וויא 306 מייל. אין סטייט ניו יאָרק האָט מען געפונען 250 מאונדס, וועלכע זעהען אוים וויא פעסטונגען. פיעלע פון דיא מאונדס זיינען צושטערט געוואָרען פון פארמערס, וועלכע האָבען אָנפאנגס גאָר ניט געוואוסט, אז זייערע אקערס פערניכטען דיא מערקווירדיגע מאָנומענטען פון פערשוואונדענע ראסען. מיט יעדען יאהר, וואָס מעהר לאַנד עס ווערט בעארבייט, ווערען אלץ

מעהר מאונדס פערניכטעט. נאָר דיא וויכטיגסטע זיינען שוין וועניגסטענס פאָטאָגראפירט און נאָכגעפאָרשט.

דיא מאונדס האָבען פערשידענע פאָרמען און האָבען אויך געווים געהאט פערשידענע צוועקען. מאנכע האָבען געדיענט אלס פעסטונגען; אנדערע אלס טעמפלען און בעגרעבונגס-פלעצער; אייניגע מאונדס שטעלען פאָר חיות. זיי זיינען סאָרטירט געוואָרען פון געלעהרטע נאָך זייער אויסזעהען און נאָך דעם געברויך, וואָס



פיג. 6 — דער מאָונד אין פאָרט הילל, אָהייאָ.

דיא בויערס האָבען וואהרשיינליך געמאכט פון זיי. עטליכע מאונדס האָבען א גרויסע עהנליכקייט צו דיא ביז־היסטאָרישע פעסטונגען, וועלכע מען האָט ענטדעקט אין בעלגיען און נאָרד־פראנקרייך. נאָר דיעזע עהנליכקייט איז אָדער א צופעליגע, אָדער זיא איז דער רעזולטאט פון עהנליכע צוועקען און עהנליכע מיטעל צום בויען.

דיא פיגורע 6 שטעלט פאָר איינעם פון דיא מאסען מאונדס אין אָהייאָ. פון ערשטען בליק זעהט מען, אז דאָס איז א פעסטונג. זיא ליעגט אויף א הויכען אָרט לעבען דעם טייכעל פעינט־קריק און טראָגט דעם נאָמען פאָרט־היל. דיא וועגט רינגלען ארום א

שטרעקע פון 111 אקערס לאנד און זיינען פערזאָרגט מיט סטראטע־גישע עפנונגען. אינעווייניג און נעבען דיא אריינגענגע האָבען זיך וואהרשיינליך געפונען דיא געצעלטען פון דיא בויערס. אין פאל פון געפאהר האָבען זיך אלע דאָרט געקענט בעהאלטען און זיך בעשיטצען. דער קרייז און דער האלבער קרייז אין דיעזער אָב־צאמונג האָבען וואהרשיינליך געדיענט פאר רעליגיעזע צערעמאָניעס אָדער דאָרטען האָבען זיך געפונען דיא וואָהנונגען פון דיא עלטסטע און דיא געוועהר.

פאָלגענדער מאונד, וועלכער האָט אויך געדיענט אלס א פעס־



פיג. 7 — דער מאָונד אין ליבערטי, אָהייאָ.

טונג, איז געבויט געוואָרען נאָך אַ'ן אנדער פלאן (זעה פיגורע 7). ער ליעגט לעבען א מייכעל ניט ווייט פון ליבערטי, אָהייאָ. דער גרע־סערער קרייז פערנעהמט 40 אקער לאנד. דיזער קרייז איז פער־

בונדען מיט א פיער־עקיגען פּלאַץ, וואָס פערנעהמט 27 אקער לאנד.

אזעלכע מאונדס, וויא דער קאָנוס מיט א׳ן אָפּגעצאמטען פּלאַץ אויבען, וועלכער געפינט זיך אין מאריעטא, אָהייאָ, (זעה פיגורע 8), האָבען שוין ניט געקענט זיין פעסטונגען. געלעהרטע דענקען, אז דאָס זיינען געווען טעמפּלען. אייניגע פון אזעלכע מאונדס האָבען געהאט טרעפּלעך ביז צום שפּיץ. דאָרטען האָט מען וואהרשיינליך געפּראוועט רעליגיעזע צערעמאָניעס. אזוי דאַרף מען רעכענען,



פיג. 8 — דער פּיראַמידען־מאַונד אין מאַריעטאַ, אָהייאָ.

ווייל ניט נאָר האָט מען געברויכט פּיראמידען אין געצענדיענסט ביי פּיעלע פעלקער אין דער אלטער וועלט, זאָנדערן דיא טעאָ־קאלים אָדער טעמפּלען פון דיא מעקסיקאנער און אנדערע פעלקער אין צענטראל אמעריקא האָבען געהאט דיא פאָרמע פון פּיראמידען מידען מיט טרעפּ ארום, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

אין פלאָרענס, אלאבאמא, איז נאָך פערבליעבען א פּיראמידע וועלכע איז 88 פוס הויך און וועלכע צייכענט זיך אויס מיט איהר

רעגעלמעסיגקייט. אלע נאכפאָרשערם האָבען זיך געוואונדערט, וויא אזוי דיא דאמאָלסדיגע איינוואָהנער האָבען געקענט אויפ־בויען אזא פּיראמידע מיט זייערע קלעגליכע שטיינערנע געצייג.

דיא מאונדס, וועלכע האָבען געדיענט פיר רעליגיעזע צוועקען, זיינען אויך אָפט פיער־עקיגע, דריי־עקיגע און קיילעכדיגע. געוועהנ־ליך זיינען זיי ארומגעצאמט און זיינען געבויט געוואָרען ניט העכער וויא דיא ערד ארום. זיי זיינען געמאכט געוואָרען פון שטיינער און קאלך, וועלכע איז פערהארטעוועט געוואָרען פון דיא זונען־



פיג. 9 — דער מאָונד לעבען קיקאַפּו מייך אין סטייט וויסקאָנסין.

שטראהלען אָדער פון פייער. זיי טראָגען אלע סמנים פון גרויסע פייערס. הפנים דיא קרבנות, וועלכע מען פלעגט דאָרטען ברענגען, פלעגען פערברענט ווערען. אונטער איינעם פון דיזע מזבחות האָט מען געפונען טויזענדע פיין־אויסגעארבייטע פיילען פון פערשי־דענע הארטע סאָרטען שטיינער, אבער זיי זיינען אלע פערדאָרבען געוואָרען פון פייער. נאָך לאנגע זוכענעס האָט מען קוים געפונען 3 גאנצע פיילען. אונטער א'ן אנדער מזבח־מאונד האָט מען געפונען עטליכע הונדערט לולקעס, אייניגע קופּערנע זאכען, פון וועלכע

איינִיגע זיינען געווען בעדעקט מיט א ביסעלע זילבער, א סך שטיק־לעך לײמענע געפעס, נאָדלען פון עלפענביין און פון אנדערע ביי־נער. אלעס איז געווען צושעדיגט און צודרעהט פון זעהר שטארקע היץ. מען רעכענט אז דיזע זאכען פלעגט מען פערברענען צוזאמען מיט דיא טויטע, אום זיי אויסצוליײטערן פיר יענער וועלט, וויא דאָס איז געווען דער מנהג ביי זעהר פיעלע ווילדע און האלב־ווילדע פעלקער.

לעבען קיקאפו־טייך אין וויסקאָנסין האָט מען ענטדעקט א מזבח פון דיא מאונד־בויערס, וועלכער זעהט אויס וויא אויף דער פיגורע 9. דער אינערליכער קרייז, וואו מען האָט געפּראוועט דיא



פיג. 10 — אַ גרופּע מאָונדס אין וויסקאָנסין.

רעליגיעזע צערעמאָניעס, איז קוים 3 פוס העכער וויא דיא פלאכע ערד ארום. זיין דיאמעטער (דורכמעסער) איז 60 פוס. ניט ווייט פון דיזען אָרט האָט מען ענטדעקט א מאונד וויא אויף דער פיגורע 10. דער קלענערער פון דיא אינעוויינִיגסטע 2 קרייזען איז געווען דער מזבח.

מאונדס, וועלכע האָבען געדיענט אלס בעגרעבניס־ערטער,

זיינען אויך ענטדעקט געוואָרען אין פערשידענע ערטער פון דיא פעראייניגטע שטאאטען. זיי זעהען געוועהנליך אוים ווי די פיגורע 11. מען האָט דאָרטען געפונען פיעלע סקעלעטען, נאָר עס איז שווער צו אונטערשיידען, אויב דאָס זיינען דיא ביינער פון דיא מאונד־בויערס אָדער פון דיא פיעלע אינדיאנער־שטאמען, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דיזע מאונדס, אום דאָרט צו בעערדיגען זייערע טוידטע. עס איז בעוואוסט, אז אויך ווייסע מענשען זיינען דאָרטען בעערדיגט געוואָרען. דיא אינדיאנער דערצעהלען פיעלע לעגענדען וועגען דיזע מאונדס, אבער זיי גיבען אלע צו, אז ניט זיי זיינען געווען דיא ערשטע בויערס.

פיג. 11 — אַ גרופּע פון בעערדיגונגס־מאָונדס.

אין איינעגע ערטער האָט מען ענטדעקט קאמערן אין דיא בע־ערדיגונגס־מאונדס. שטיקער קלעצער און איינגעפאלענע דעכער צייגען דייטליך, וואו עס זיינען געווען דיזע צימערן. זעהר פיעל מענשליכע ביינער פון אלטע און יונגע לייט האָט מען געפונען אין דיזע פערבאָרגענע פלעצער.

ביז 1869 איז איינע פון דיא מערקווירדיגקייטען פון סענט־לואי, מיזורי, געווען א מאונד, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען

גרויסער מאונד (זעה פיגורע 12). ביי אויסגראָבונגען האָט מען די וועגט זיינען אויסגעקלעפּט געוועזען מיט ליים, און אויבען איז געוועזען א דאך, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אויף שטארקע קלעצער. מען האָט דאָרטען געפונען אויסגעלעגט אויף דער ערד סקעלעטען מיט די קעפּ צו מזרח־זייט, דערביי זיינען געלעגען פערשידענע זאכען, בעזאָנדערס שיסעלעך פון די שאָלעכץ־חיות אין די וואסערן ארום וויא אויך פּאטשערקעס פון ים־שיסעלעך, וועלכע געפינען זיך אין מעקסיקאנער ים.



פיג. 12 — דער גרויסער מאָונד אין סענט־לואי.

מען האָט אויך ענטדעקט עטליכע מאונדס, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען ספּעציעל פאר די געשטאָרבענע עלטסטע. איינער פון זיי זעהט אויס וויא אויף פיגורע 13. ער טראָגט דעם נאָמען „שווארצע טשערעפּאכע“, ווייל דער מיטעלסטער טהייל, וואו דער עלטסטער איז בעערדיגט געוואָרען האָט די פאָרמע פון א טשערעפּאכע. זיא איז 40 פוס לאנג, 27 פוס ברייט און 12 פוס הויך. וואהרשיינליך האָט דער עלטסטער געטראָגען דעם נאָמען טשערע־פּאכע אָדער דאָס איז געוועזען דער טאָטעם (שטאם־צייכען) פון זיין פאָלק. די פערשפּיצטע מאונדס אויבען און אונטען, וועלכע זעהען אויס וויא קלינעס, ווערען פון נאכפאָרשער אָנגענומען אלס צייכענס דאָס דער פערשטאָרבענער איז געוועזען דער לעצטער פון זיין פאמי־

ליע אָדער שטאם. צוזאמען זיינען דאָ 26 מאונדס אין דיזער גרופּע. דער צוועק פון דיזע פערשידענע מאונדס איז אונבעקאנט. איינינע געלעהרטע האָבען פּרובירט געבען א'ן ערקלעהרונג, אבער ריכטיגע בעווייזע האָבען זיי ניט געבראכט. עס איז יעדענפאלס זיכער, אז עס האָט געקאָסט זעהר פיעל צייט און ארבייט איידער מען האָט דיזע מאונדס צוזאמענגעשטעלט, דען אייניגע מאטעריאלען האָט מען געמוזט ברענגען פון גאנץ ווייט.



פיג. 13 — דער בעערדיגונגס-פּלאַץ פון דער שווארצער טשערעפּאכע.

זעהר אינטערעסאנט זיינען אויך דיא מאונדס, וועלכע שטעלען פּאָר פיגורען פון חיות. דיא מייסטע פון אזעלכע מאונדס זיינען געפונען געוואָרען אין וויסקאָנסין. לעבען מיוואָקי, וויסקאָנסין, געפינט זיך א גרופּע מאונדס פון 7 טשערעפּאכעס, 2 יאסטשערקעס און 4 קרייזען. אייגע פון דיא טשערעפּאכעס פערנעהמט ניט ווייניגער פון 450 פוס אין דער לענג. אין אנדערע ערטער האָט מען ענטדעקט פיגורען פון בופעל־אָקסען, הירשען, בערען, א. ז. וו. עס איז אָפט זעהר שווער צו דערקענען, וואָס פאר א חיה דיא מאונד־בויערס האָבען געוואָלט פאָרשטעלען. דער מאונד, וויא אויף דער פיגורע 14, ווערט אָנגענומען אלס א גראָבע פאָרשטעלונג פון א מענשען. דיא אינדיאנער ארום האָבען דערצעהלט, אז דיזען

מאונד האָט מען אָנגעשאָטען לכבוד א קריעגס־פיהרער, וואָס איז געטויטעט געוואָרען אין א שלאכט.



פיג. 14 — אַ מאָונד וואָס זאָל פאָרשטעלען אַ מענשען.

לעבען גרענוויל, אָהייאָ, האָט מען ענטדעקט א מאונד (זעה פיגורע 15) וואָס זעהט אוים וויא א קראָקאָדיל אָדער א יאַסטשער־קע. דיא גאנצע לענג פון דער פיגורע איז 205 פוס.

דער מערקווירדיגסטער פון דיזע פיגורען־מאונדס איז וויא אויף דער צייכנונג 16. ער טראָגט דעם נאָמען „מאַן און עלק (א מין הירש)". מען האָט איהם ענטדעקט לעבען דעם ברעג פון טייך וויסקאָנסין. דער האָריזאָנטאלער טהייל פערנעהמט 180 פוס, דער ווערטיקאלער — 160.ביידע זיינען פערבונדען מיט א קרייז, וועל־כער זאָל פאָרשטעלען אן אויג, און מיט דיא הענד. עס איז הפנים געווען א מאָנומענט צו בעצייכנען, אז צוויי שטאמען האָבען געשלאָסען שלום נאָך א לאנגען קאמפף. געלעהרטע רעכנען, אז דיא פיגורען זיינען טאָטעמס פון 2 שטאמען. צו וואָס דיא עטליכע קליינע און קיילעכדיגע מאונדס זיינען אָנגעשאָטען געוואָרען, וויזט

מען גאָר ניט. אויף איינעם פון דיזע מאונדס איז אויסגעוואקסען א ריעזיגער בוים, וועלכער האָט 424 רינגען. דיא 2 מאונדס לעבען דעם מיטען (וואהרשיינליך דיא הארץ) פון עלק זיינען הפנים געווען מזבחות, וויל מען האָט דאָרט אויסגעגראָבען צוברענטע שטיקלעך האָלץ און אש.



פיג. 15 — אַ מאַונד, וואָס זאָל פאָרשטעלען א יאסטשערקע.

מען האָט אויך ענטדעקט מאונדס, וועלכע האָבען דיא פאָרמע פון א קרייץ. דער צוועק פון דיזע קרייצען, ווי פון אנדערע פיגורען, איז הפנים געווען א רעליגיעזער. מיר וייסען שוין, אז דער קרייץ איז פערעהרט געוואָרען אין גרוי־אַלטע צייטען און איז געברויכט געוואָרען אין רעליגיעזע צערעמאָניעס ביי פילע פעלקער. מיר וועלען איהם נאָך טרעפען אין דיא איבערגעבליבענע טעמפלען פון דיא האלב־ציוויליזירטע פעלקער פון צענטראל־אמעריקא.

ווען מען בעטראכט דיזע מערקווירדיגע מאָנומענטען פון אמאָ־ליגע פעלקער, מוז מען זיך ניט ווילענדיג וואונדערן, וויא אזוי זיי האָבען געקענט אויפטאָן אזעלכע ריעזיגע און שווערע ארבייט מיט איינפאכע שטיינערנע אינסטרומענטען. אויסער עטליכע שטיקלעך קופער, האָט מען קיינע אנדערע מעטאלען ניט געפונען ביי אויס־גראָבונגען אין דיא מאסען מאונדס. אלעס צייגט, אז דיא מאונד־בויערס האָבען נאָך גאָר ניט געוואוסט וויא צו שמעלצען מעטאלען.



פיג. 16 — אַ מאַונד וואָס זאָל פאָרשטעלען אַ מענש און אַ'ן עלק.

נאָך מעהר מוז מען זיך וואונדערן, ווען מען טרעפט סמנים, אז דיא מאונד־בויערס האָבען אויך געגראָבען קאנאלען. דאָס צייגט אויף א העכערע קולטור און אויף א גרויסע בעפעלקערונג. דיא אינדיאנער שטאמען, וועלכע האָבען זיך ארומגעשלעפט אין דיא געגענדען פון מיסיסיפי טייך, ווען דיא ערשטע אייראָפעער האָבען זיי געטראָפען, זיינען געווען צו ווילד אפילו זיך צו בעשעפטיגען רעגעלמעסיג מיט אקערבוי. זיי האָבען ניט בעדארפט האָבען קאנאלען, און עס האָט זיי גאָר ניט געקענט קומען אויף דיא געדאנ־קען צו גראָבען קאנאלען. אין מיזורי האָט מען געפונען סליאדען פון א פארצייטיגען קאנאל, וועלכער איז געווען 12 פוס טיעף און ביז 50 פוס ברייט. עס איז קענטיג, אז מען האָט געגראָבען דיא קאנאלען נאָך בעשטימטע פּלענער. אין אייניגע פונקטען זיינען

דיזע קאנאלען צושטערט געוואָרען דורך ערדציטערניסען. אין איין אָרט האָט מען ענטדעקט סמנים פון א קאנאל 70 מייל לאנג. דיזער קאנאל האָט פערבונדען דעם מיסיסיפּי טייך מיט 3 אָזערעס.

אלזאָ, אין דיא זעלבע ערטער, וואו דיא אויראָפּעער האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען נאָר מיט ווילדע און גרויזאמע אינדיאנער יעגערס, האָבען אמאָל געלעבט פעלקער, וועלכע זיינען געווען אזוי

פיג. 17 — אָ וואזע וואָס מען האָט געפונען אין אַ מאָונד אין אָהייאָ.

פאָרטגעשריטען און צאהלרייך, אז זיי האָבען געפונען פאר נעטהיג צו גראָבען קאנאלען. ווער עס זיינען געווען דיא פעלקער און וואו זיי זיינען אהינגעקומען — דאָס, וויא געזאגט, איז מען נאָך ניט דערגאנגען. עס איז מעגליך, אז דיזע בויערס פון מאונדס און קאנאלען האָבען אריבערגעוואנדערט נאָך מעקסיקאָ און וויטער

נאָך צענטראל־אמעריקא, וואו מען האָט שוין געבויט גרויסע טעמפּ־לען און פּאלאצען און וואו עס האָבען זיך ענטוויקעלט האלב־ציוויליזירטע מלוכות, וויא מיר וועלען עס באלד זעהען.

געלעהרטע האָבען געפיהרט און פיהרען נאָך יעצט ויכוחים וועגען דעם, אויב דיא מאונד־בויערס האָבען געהערט צו א גאנץ אנדערע ראסע וויא דיא אינדיאנער, אָדער זיינען אייגענטליך געוועזען עטוואס מעהר ענטוויקעלטע אינדיאנער־שטאמען. דיא מייסטע געלעהרטע דענקען, אז זאָגאר עטליכע אינדיאנער־שטאמען אין

פיג. 18 — וואַזען פון אַ בעערדיגונגס־מאונד אין אַרקאנזאַס.

נאָרד־אמעריקא האָבען געקענט אויפטאָן דיזעלבע ארבייט וויא דיא מאונד־בויערס. וואָס גרינדליכערע נאכפאָרשונגען מען מאכט, קומט מען אלץ מעהר צום שלוס, אז דיא מאונדס זיינען אייגענטליך דיא ארבייט פון דיא פאָרפאָטערס פון דיא אינדיאנער.

דיא אינטערעסאנטעסטע זאכען, וואָס מען האָט אויסגעגראָבען אין דיא מאונדס, זיינען ליימענע געפעס, ספּעציעל וואזען. דיזע געפעס האָבען גאנץ פערשידענע פאָרמען און בעפּוצונגען (זעה פיגורע 17). דיא ארבייט איז א גאנץ פּראָסטע, אבער מאנכע פון

דיא צייכנונגען זיינען גאנץ שעהנע און צייגען א'ן ארטיסטישען געשמאק. דיא קאָלירען זיינען מייסטענס רויט, שווארץ און ווייס.

דיא וואזען פלעגט מען געוועהנליך בענוצען ביי בעערדיגונגען, ספעציעל צו האלטען דיא אש פון דיא פערברענטע טויטע. דיא וואזען (זעה פיגורע 18), וועלכע מען האָט געפונען אין א בעערדי־גונגס־מאונד אין ארקאנזאס, זיינען בעפוצט מיט צייכנונגען פון ביינער. אייניגע פון דיא וואזען און צייכנונגען האָבען אזא עהנ־



פיג. 19 — אַ וואסער־פלאַש וואס מען האָט אויסגעגראָבען אין א מאונד אין סטייט מיזורי

ליכקייט צו עגיפטישע און עטרוסקאנער (דיא עטרוסקען האָבען געלעבט אין איטאליען פאר דעם אויפקומען פון דיא רוימער), אז געלעהרטע וואונדערן זיך, וויא דאָס קומט.

אויך האָט מען אויסגעגראָבען פיעלע לולקעס מיט זעהר קוריעזע פיגורען, טרינק־געפעס און פלעשער. מיר וועלען דאָ ברענגען א פּאָאר צייכנונגען פון דיזע פארצייטיגע קונסט־ווערק (זעה פיגורען 19, 20 און 21).



פיג. 20 — אַ לולקע וואָס שטעלט פאָר אַ געוויסען פויגעל וועלכער האָט געפאַנגען אַ פיש. (אויסגעגראָבען אין א מאונד אין אָהייאָ).



פיג. 21 — לולקעס וואָס מען האָט אויסגעגראָבען אין מאונד־סיטי.

דיזע לולקעס בעווייזען, אז אין אמעריקא האָט מען שוין גע־רויכערט אין גרוי־אַלטע צייטען.

די וועניגע קופּערנע אינסטרומענטען, וואָס מען האָט געפונען אין די מאונדס, זעהען אויס זעהר איינפאַך און פּראָסט. די שטיקער קופּער, וועלכע מען האָט געפונען אין נאַטירליכען צו־שטאנד, האָט מען אביסעל בעארבייט מיט שטיינערנע האמערס. די מייסטע פון די קופּערנע זאכען אין נאָרד־אמעריקא זיינען גענומען געוואָרען פון די בעריהמטע קופּער־מינען לעבען לייק־סופּיריאָר. דאָס איז מען דערגאנגען דורך כעמישע אנאליזען פון דיזע שטיקלעך קופּער.

פיערטער קאַפּיטעל.

דיא פּועבלאָ־בויערס און פּעלזען־איינוואָהנער.

נאָך מיט א יאהר 50 צוריק איז דיא ריעזיגע געגענד צווישען דיא קאָרדעליערען אָדער, וויא מען רופט זיי אין דיא פעראייניגטע שטאאטען, ראָקי (פּעלזען)־בערג, און דעם גרויסען אָקעאן געוועזען כמעט אין גאנצען אונבעקאַנט. דיעזע געגענד איז יעצט צוטהיילט אין פאָלגענדע סטייטס און טעריטאָריען: קאַליפאָרניא, אריזאָנא, נעוואדא, ניו־מעקסיקאָ, יוטאה און קאָלאָראדאָ. איהר גרעסטער טהייל איז נאָך יעצט א וויסטעניס. אָהן קינסטליכע בעוואסערונג איז אַקערבוי דאָרט אונמעגליך מיט אויסנאהמע פון טהאָלען לעבען טייכען. רעגענס זיינען דאָרטען א זעלטענהייט, אין איינינע ערטער א'ן אונמעגליכקייט. דיא טייכען וואָס שניידען דורך דיזע נאָרד־אמעריקאנער זאהארא, שטראָמען פון דיא בערג, וואָס זיינען בעדעקט מיט אייביגע אייז.

דיזע וויסטעניס נויטהיגט זיך נאָר אין וואסער, אום צו ווערן איינע פון דיא פרוכטבארסטע לענדער אין דער וועלט, דען דער באָדען איז זעהר רייך מיט דיא סאָרטען ערד, וועלכע טויגען אם בעסטען פאר אַקערבוי. דאָס וועט מיט דער צייט אויסגעפיהט ווערן דורך איררינאציאָן (קינסטליכע בעוואסערונג). דיא רעגיערונג פון דיא פעראייניגטע שטאאטען גיט יעצט אוים מיליאָנען יעהרליך פיר קינסטליכע בעוואסערונג; נאָר דערווייל איז נאָך דיא וויסטע־ניס כמעט אזוי גרוים וויא אין דיא צייטען, ווען דיא שפּאנישע שווערד־העלדען האָבען איהר געזעהען אין זייער יאָגענעס נאָך גאָלד און עראָבערונגען.

דיא ווילדעסטע פון דיא אינדיאנער־שטאמען פלעגען זיך דאָרט ארומשלעפען און האָבען געפיהרט א זעהר קלעגליכען לעבען, דען



פיג. 22 — אַ קאַניאָן אין קאָלאָראַדאָ.

אפילו חיות האָבען פערלאָזען דיזען מדבר. זיי האָבען מייסטענס ארומגעוואנדערט לעבען דיא טייכען, וועלכע רייסען זיך אין פיקע ערטער דורך ריעזיגע בערג, בילדענדיג דיא זאָ־גענאנטע קאניאָנס (דער שפּאנישער נאָמען פאר דיא מיילען־טיעפע בערג־טהאָלען, אָפט איינפאכע אָבגרונדען, וואו אונטען שטראָמען דיא טייכען). דיא פיגורע 22 שטעלט פאָר איינעם פון אזעלכע קאניאָנס, מיט וועלכע דער קאָלאָראדאָ־טייך איז בעזאָנדערס בעריהמט.

דאָך האָט מען אין דיזער וויסטעניס געפונען מאסען רואינען פון גאנצע שטעדט מיט רעזערוואוארען און פעסטונגען. אין אלע זייטען ליגען שטומע צייכענס פון אמאָליגען לעבען און קאמפּף אין דיזע טרויעריגע וויסטעניסען. אין פיעלע ערטער טראגען דיא פעלזען זעלבסט סמנים פון פעלקער, וועלכע האָבען דערגרייכט א ציעמליך הויכע קולטור־שטופע. דיא אמאָליגע מענשען האָבען ניט נאָר געהאקט זייערע מערקווירדיגע הייזער אין דיא שטיינער, זאָנדערן האָבען אויך בעפּוצט דיא פעלזען מיט זייערע צייכנונגען.

דיזע הייזער און שטעדט טראָגען דעם נאָמען פּועבלאָ. דיא איינוואָהנער פון דיזע הייזער ווערן דארום גערופען פּועבלאָ־בויערס אָדער איינפאך פּועבלאָ. מען רופט זיי אויך פעלזען־איינוואָהנער, ווייל זייערע הייזער האָבען זיי געהאקט אין פעלזען. עס איז קלאָר, אז דיא וויסטע געגענדען זיינען געוועזען בעוואָהנט פון א סך האלב־ציוויליזירטע מענשען, ווען מען האָט געקענט אויפבויען אזעלכע שטעדט אין דיא בערג, וויא אויף דער פיגורע 23. עס איז אויך קלאָר, אז דיזע איינוואָהנער האָבען געמוזט לעבען אין שטענדיגער געפאהר בעפאלען צו ווערען פון אנדערע פעלקער און שטאממען. דיא מאסען שטיקלעך שטיינער, וועלכער האָבען געדיענט אלס פיילען און וועלכע ליגען ארום דיא פּועבלאָס, צייגען אָן אויף בלוטיגע שטרייטען און מלחמות. דיא הייזער זיינען געוועזען אויסגעהאקט אין דיא שטיינער אזוי וויא טרעפּ. איין שטאָק האָט זיך געצויגען איבער דעם אנדערן. צו דיא אויבערשטע שטאָקען האָט מען נאָר געקענט צוקומען מיט לייטערס. אין פאל פון א'ן אטאקע האָבע, דיא איינוואָהנער געקענט לייכט צונעהמען דיא לייטערס און זיך

פערטהיידיגען אזוי לאנג ביז זיי האָבען געהאט שפייז. אין דיא אונטערשטע רייהען האָבען זיך געפונען דיא סקלאַדען פון שפייז און געוועהר.

געוועהנליך פלעגט מען בויען דיא פועבלאָס אין סטראַטעגישע פונקטען לעבען דיא טהאָלען פון דיא טייכען. אייניגע פועבלאָס זיינען געווען ארומגערינגעלט מיט ווענט אין דיא פונקטען, וואו מען האָט געקענט לייכטער צוקומען צו זיי. מאנכע פועבלאָס זיינען געלעגען אזוי הויך אין דיא בערג און אין אזעלכע פונקטען, אז עס איז געווען זעהר שווער צוצוקומען צו זיי אפילו פיר דיא איינוואָהנער זעלבסט.



פיג. 23 — אַ פועבלאָ אין ניו־מעקסיקאָ.

קאבעסא דע־וואקא און אנדערע ערשטע שפאניער, קומענדיג אין דיזע וויסטעניסען, זיינען ניט וועניג פערוואונדערט געווען צו געפינען שטיינערנע געביידעס אויפ׳ן וועג. „שטעלט זיך פאָר, שרייבט איינער פון דיא שפאנישע רייזענדע, א׳ן אויסגעטריקענטען טייך צווישען ריעזיגע פעלזען, צו וועלכען עס איז שווער צוצוקומען, און פוןביידע זייטען זיינען צוזייעט און צושפרייט הייזער אין דיזע בערג“. דיזע וואָהנונגען פון אמאָליגע פעלקער זעהען אויס וואונדערבאר אין דער וויסטענים ארום.

דיא אורזאכע, ווארום מען האָט געבויט דיא פועבלאָס, וועלכע

איבערראשען אלע רייזענדע און נאכפארשער, איז פערשטענדליך. דיא בויערס האבען איינפאך געוואלט האבען זיכערע וואהנונגען געגען זייערע פיינד. אבער ווארום זיי האבען פערלאזען דיזע זיכערע ערטער און וואו זיי זיינען אהינגעקומען, דאס ווייס מען נאך ניט. מען רעכענט, אז זיי זיינען ביסלעכווייז אומגעקומען אדער האבען געמוזט אויסוואנדערן, וואהרשיינליך צום זידען אויפ'ן וועג נאך מעקסיקא, ווייל דער קלימאט האט זיך געענדערט. עס האט אלץ ווייניגער גערעגענט, און דאס לאנד איז נאטירליך ווייסטער געווארען. דיא טריקענעס איז דארטען אין זומער אזוי גרויס, אז גרויסע שטראמען ווערען פערשוואונדען. אויסער אין פריהלינג רעגענט עס דארטען גאר ניט. מען רעכענט אויך אז דיא טריקענעס איז געקומען דורך דעם, וואס דיא צאהלרייכע פועבלא־בעפעלקערונג האט אויסגעהאקט דיא וועלדער.

צייכענס פון אמאליגע דערפער האט מען אויך געפונען אין דיא טהאלען לעבען דיא ברעגעס פון דיא טייכען. דארטען האבען געלעבט דיא אקערבויער. מען רעכענט, אז דיא פועבלאס אויף דיא הויכע בערג האט מען נאר בענוצט אין צייטען פון אטאקעס און מלחמות. אין געוועהנליכע צייטען איז עס שווער געווען דארטען צו פערבלייבען. אין פיעלע ערטער האט מען געפונען הייהלען, וועלכע זיינען פערגרעסערט געווארען פון דיא איינוואהנער. דיא לעכער און שפאלטען זיינען פערלעגט געווארען מיט זאַ־גענאנטע אדאבען (דאס הייסט ציגעל וואס זיינען אויסגעטריקענט געווארען אונטער דער זון). אזעלכע ציגעל ווערען נאך יעצט געברויכט פון דיא אינדיאנער פאר זייערע הייזלעך.

דיא פועבלאס אויף הויכע פעלזען זיינען געווען דיא פעסטונגען פון דיא אמאליגע איינוואהנער. אויך האבען זיי געדיענט אלס מיליטערישע סקלאדען.

דיא וואהנונגען אין דיא טהאלען זיינען געבויט געווארען זעהר רעגעלמעסיג, געוועהנליך אין רייהען איינע איבער דיא אנדערע. אין איינינע פונקטען זיינען געשטאנען גרויסע קיילעכ־דיגע טהורמען, וועלכע זיינען אויך געווען פעסטונגען. ארום האבען

זיך געפונען פיעלע קליינע צימערן און קעלערן. דיזע קעלערן אין רעכטען צענטער פון דעם טהורם טראָגען דעם שפּאַנישען נאָמען „עסטופאס“, וואָס בעדייטעט שוויץ־צימער. דאָרטען, רעכענט מען, זיינען געווען די שוויץ־בעדער פון דיא איינוואָהנער. איינינע געלעהרטע דענקען, אז דיזע קעלערן האָבען גערינט פאר רעליגיעזע צוועקען, ספּעציעל אָנצוהאַלטען דיא געטליכע פייערם. יעדענפאלס, איז עס זיכער, אז אין אלע פועבלאָס געפינט מען אויך עסטופאס, וואָס עס בעוויזט, אז זיי זיינען געווען א נויטווענדיגע זאך פאר דיא בעפעלקערונג.



פיג. 24 — דער פּלאַן פון אַ פּועבלאָ מיט עסטופאַס אין דעם טהאָל פון דעם מאק־עלמאָ טייך.

די איבערגעבליבענע פועבלאָס געפינען זיך לעבען דיא טייכען אין א געגענד, וועלכע פערנעהמט איבער 200 טויזענד סקוועער מייל. מיר וועלען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען דיא

פערשיעדענע פועבלאָס. מיר וועלען דאָ ברייגנען עטליכע צייכ־
נונגען, אום דער לעזער זאָל קענען האָבען א בעגריף פון דיזע
זאָנדערבארע געביידעס פון פארשוואונדענע שטאממען אין דער
נייער וועלט.

מיר וועלען צוערשט ברייגנען דעם גרונד פּלאן פון א פועבלאָ
אין דעם מאק־עלמאָ טהאָל (זעה פיגורע 24). די גרויסע קרייזען צו
דער רעכטער האנד זיינען דיא פונדאמענטען פון טהורם אָדער
עסטופא. דער מיטעלסטער טהורם איז געבויט פון גרויסע שטיקער
שטיינער און איז ארומגערינגעלט מיט דריי ווענט. דיא ברייט־
קייט צווישען דיא צוויי אויסערע ווענט איז 5 פוס, און דער רוים
איז צוטהיילט אין 14 צימערן. דער קרייז צו דער לינקער זייט פון
דעם פּלאן איז אן אנדער עסטופא. דיא געגענד ארום דיזע פועבלאָ
איז יעצט א ווילדע וויסטענעס. דער טייך מאק־עלמאָ ווערט אויס־
געטריקענט אין זומער. אונטער דיא יעצטיגע קלימאטישע אומ־
שטענדען איז אקערבוי דאָרטען גאנץ אונמעגליך אָהן דער קינסט־
ליכער בעוואסערונג פון א טייך, וועלכער ציהט זיך 15 מייל ווייט
פון דיא רואינען פון דער פועבלאָ. דער גאנצער טהאָל פון מאק־
עלמאָ טייך איז פול מיט פערלאָזענע שטיינערנע וואָהנונגען. פון
דיא אמאָליגע בעפעלקערונג, וועלכע האט געמוזט זיין זעהר צאָהל־
רייך, אום צו קענען אויספיהרען אזעלכע שווערע ארבייט.

נאָך גרעסער און מערקווירדיגער איז דער פּלאן פון דער
פועבלאָ, וועלכער ליעגט לעבען דעם זאָ־גענאנטען אצטעק־קוואל
אין סטייט קאָלאָראדאָ. (זעהע פיגורע 25). דיא הויפּט געביידע
(A אויף דעם פּלאן) איז 100 פוס לאנג און 80 פוס ברייט. זיא
איז ארומגערינגעלט מיט 2 ווענט, וועלכע זיינען צוטהיילט אין
3 צימערן. דיא ווענט זיינען 26 צאָל דיק. צווישען זיי געפינען זיך
20 קאמערן. דער צוועק פון דיזע קאמערן איז אונבעקאנט. דיא
3 עסטופאס (B, C און D אויפ'ן פּלאן) האָבען וואהרשיינליך
אויך געדיענט אלס רעזערוואארען. דיא רואינען פון דיזער פועבלאָ
ליעגען אויף דעם מעזא־ווערדע בארג און פארנעהמען צוזאמען
480 טויזענד סקווער פוס. דיא מויערן ענטהאלטען אָנדערהאלבען

מיליאָן קוביק פוס שטיינער, ציגעל און קאלך. דאָס איז אלזאָ גע־
ווען א גאנצע שטאָט.



פיג. 25 — דער פּ׳אַן פון דער פּועבלאָ אין אַצטעק ספּרינג.

וויא דיא הייזער אויף דיא הויכע בערג זעהען אויס, צייגט
דיא פיגורע 26. אזעלכע הייזער געפינען זיך אויף דיא הויכע ברע־
געס פון טייכלעך, וועלכע זיינען יעצט אין גאנצען אויסגעטרי־
קענט. אויף איין זייט בארג לעבען דיא קוואלען פון א געוועזענעם

טייך האָט מען געפונען 40 פערשיעדענע הייזער, צו וועלכע עס איז אויך דאן געוועזן זעהר שווער צוצוקומען.

ריאָ (טייך) מאנקאָס, צום ביי־שפיעל, פליסט צווישען קאלכאר־טיגע פעלזען, וועלכע זיינען אין פיעלע ערטער אָבגעריבען געוואָרען פון דיא שטראָמען וואסער. עס האָבען זיך אזוי געבילדעט נאטיר־ליכע הייהלען און גריבער, און דאר־טען האָבען דיא פעלזען־איינוואָה־נער איינגעריכטעט זייערע הייזער. אין איינער פון דיזע גריבער, וועל־כע זיינען יעצט איבער דעם גרונט פון דעם טייכעל, זיינען נאָך פער־בליבען 7 אזעלכע הייזער, א פּאָאר אזוי וויא דיא איינוואָהנער וואָל־טען זיי ערשט פערלאָזען. דיא לע־כער אין דיא נאטירליכע שטיינער־נע וועגט זיינען פערקלעפּט מיט קאלך, צוזאמענגעמישט מיט אש און צוריבענע האָלץ־קוילען, ווייל אין דיזער געגענד איז ניטאָ קיין ליים. די עפענונגען פאר דיא טירען זיינען זעהר שמאָלע. אין דיזער גרוב האָט מען אויך געפונען א קע־לער, וואָס האָט געדיענט אלס א שפייז־מאגאזין.

פיג. 26 — אַ הויז אויף אַ פעלז לעבען ברעג פון ריאָ מאַנקאָ.

דער מאָנטעזומא טהאָל, וועלכער איז אין איינינע פונקטען

10 מייל דיא ברייט, איז בעדעקט מיט חורבות פון פועבלאָס. אין דיא פעלזען ארום געפינען זיך א סך נאטירליכע היילען, וועלכע זיינען אלע בענוצט געוואָרען פון דיא דאמאָלסדיגע מענשען. זיי



פיג. 27 — אַ הויז אין אַ פעלז פון דעם מאָנטעזומא קאַניאָן.

זיינען מעהר נעסטען, וויא מענשליכע וואָהנונגען. מען האָט גע־מוזט לאנג קלעטערן, אום אהין צוצוקומען. וויא מאנכע פון דיזע נעסטען זעהען אוים, צייגט דיא פיגורע 27.



פיג. 28 — אַ הויז אויף אַ פעלז פון שעלי־קאַניאָן.

מאנכע פון דיזע הייזער געפינען זיך אויף אזא הויך אין דיא וויסטע בערג און עס איז אזוי שווער צו זיי צוצוקומען אז עס שיינט אונגלויבליך, דאָס מענשען האָבען דאָרטען געקענט וואָהנען.

דיא פיגורע 28 שטעלט פאָר איינע פון אזעלכע הייזער אין דעם טהאָל פון טייך שעלי. דיזע הויז איז 18 פוס לאנג און 10 פוס ברייט. מען קען נאָר ארויפקלעטערן אהין דורך אויסגעבויער־טע לעכער אין דיא שטיינער. דער בארג, וואָס הייגנט איבער דיזע הויז דיענט אָנשטאָט א דאך.

דיא פעלזען ארום איינינע טהאָלען האָבען אזוי פיעל היילען און לעכער, אז דיא פועבלאָ־בויערס האָבען דאָרט געגרינדעט גאנ־צע שטעט. מיר ברייננען דאָ א צייכנונג פון איינע פון אזעלכע שטעט אין דעם טהאָל פון עפּסאָם טייך. (זעהע פיגורע 29). דיא

פיג. 29 — א שטאָדט פון הייהלען לעבען סאַן־זשואַן.

לעכער אין דיא בערג זעהען אוים, וויא קוימענס. דיא וואָהנונגען בעשטעהען מייסטענס פון איין צימער. זיי זיינען אָבער אזוי גוט פערשטאָפּט געוואָרען, אז נאָך יעצט איז ניטאָ אין זיי א שפּעלטעל. דער אריינגאנג אין דעם טהאָל איז פערטהיידיגט געוועזען פון א טהורם אויף א הויכען אָרט, צו וועלכען עס איז שווער צוצוקומען. אויף דער אנדער זייט טייך איז געשטאנען א טהורם 40 פוס אין דיאמעטער. דיא אייגעפאלענע ווענט פון דיזען טהורם זיינען בע־דעקט מיט מאָך און עטליכע דארע פלאנצען פון דיזער וויסטער גענענד.

דיא פועבלאָ־בויערס און פעלזען־איינוואָהנער האָבען אויך, וויא שוין בעמערקט, איבערגעלאָזען צייכענס פון זיך אויף פערשיע־דענע שטיינער און בילדער. געלעהרטע רעכענען, אז דאָס איז געוועזן דיא בילדער־שריפט פון דיזע פערשוואונדענע פעלקער. עס איז אָבער אויך מעגליך אז דיא בילדער זיינען סתם געמאָלען געוואָרען פון דיא איינגעבאָרענע קינסטלער נאָך זייער פאנטאזיע. אלס ביישפיעל פון דיזער קונסט ברייננגען מיר דאָ (זעהע פיגורע 30)



פיג. 30 — שטיינער מיט צייכנונגען אין אריזאָנא.

א פאָטאָגראפיע פון א פלאץ אין אריזאָנא. דיא שטיינער זיינען בעדעקט מיט פיגורען פון חיות. אין אייניגע ערטער זיינען דיא

צייכנונגען אויסגעקריצט אויף הויכע פעלזען ביז א האלב־צאל טיעף. אין אנדערע ערטער זיינען דיא בילדער געמאלען מיט רויטע און ווייסע שטריכען. א פעלז לעבען מאק־עלמא טייך איז בעדעקט מיט פערשיעדענע פיגורען פון מענשען און חיות אויף א שטרעקע פון 60 סקווער פוס. אייניגע צייכענס ווערן אנגענומען אלס היעראגליפען. זייער מיינונג בלייבט נאטירליך אונבעקאנט.



פיג. 31 — בילדער־שריפטען אויף דיא ברעגעס פון טייך סאן־זשואן.

דיא פעלזען ארום סאלט לייק סיטי, דיא הויפטשטאט פון דיא מארמאנען אין יוטאה, זיינען בעדעקט מיט אזעלכע היעראגלי־פישע בילדער, וועלכע דערמאנען אן דיא עגיפטישע. דיא פעלזען פון דיא ברעגעס פון סאן־זשואן טייך זיינען בעדעקט מיט אזעלכע בילדער, וויא אויף דער פיגורע 31.

דיזע בילדער האָבען וואהרשיינליך געהאט עפּעס א צוועק און א בעדייטונג, זאָנסט וואָלטען דיא מאלערס ניט געקראָכען אזוי הויך אויף געפעהרליכע פעלזען צו צייגען זייער קונסט. אייניגע פון דיזע קריצונגען און בילדער ליעגען אזוי הויך, אז געלעהרטע דענקען, דאָס זייט דאן זיינען פאָרגעקומען געאָלאָגישע ענדערונגען אין דער געגענד, זאָנסט איז עס גאָר ניט פערשטענדליך וויא מענשען האָבען געקענט צוקומען אהין און קריצען אָדער מאָלען מיט זייערע קלעגליכע מיטעל דערצו.

זיינען דיא קריצערס און מאלערס פון דיזע בילדער געוועזען דיא זעלבע מענשען וועלכע האָבען געבויט דיא וואונדערבארע פּועבלאָס און דיא הייזער אין דיא פעלזען? דאָס איז וואהרשיינליך; אָבער פּאָזיטיוו ווייס מען עס ניט.

אזעלכע און עהנליכע בילדער טרעפט מען אין גאנץ צענטראל־אמעריקא, וואָס עס צייגט, אז דיא פעלקער דאָרטען זיינען פון איין אָבשטאמונג. מעהר איז מען דערווייליע ניט דערגאנגען, און עס איז א פראגע, אויב מען וועט אויפדעקען דעם סוד נאָך וויטערע פאָרשונגען.

לעבען אייניגע פּועבלאָס האָט מען ענטדעקט גריבער און קאַנאלען, וועלכע האָבען אָהנע צווייפעל געדינט צו בעוואסערן דיא פעלדער. דיא איינוואָהנער פון דיא פּועבלאָס האָבען זיך געמוזט בעשעפטיגען גאנץ פלייסיג מיט אקערבוי, זאָנסט וואָלטען זיי ניט געקענט לעבען צוזאמען אין אזעלכע שטעט. מען האָט אויסגערעכענט, אז אין אייניגע פון דיא פּועבלאָס האָבען געלעבט ניט ווייניגער וויא 5000 נפשות.

דער צענטר פון דיזער בעפעלקערונג איז געוועזען אין ניו־מעקסיקאָ. וויא דיא פערשוואונדענע פעלזען־איינוואָהנער האָבען געלעבט, קענען מיר זיך פאָרשטעלען ניט נאָר נאָך דיא מערקוויר־דיגע געביידעס און זאכען, וועלכע זיינען נאָך זיי איבערגעבליבען, זאָנדערן אויך נאָך דיא פיהרונגען פון אייניגע אינדיאנער שטאַמען, וועלכע לעבען נאָך דאָרטען אונגעפעהר וויא א מאָל זייערע פאָרפאטערס. מען רופט זיי פּועבלאָ־אינדיאנער. זיי געפינען זיך

מייסטענס אין דיא נאָרד־טהיילען פון מעקסיקאָ. זיי בעשעפטיגען זיך מיט אקערבוי און לעבען אין קאָמונעס. דאָס לאנד געהערט צו אלעמען. נאָר יעדען יאָהר ווערט געמאכט א חלוקה פון דיא פעלדער. דיא פּראָדוקטען פון דער ארבייט פון יעדער פאמיליע געהערט צו איהרע מיטגליעדער.

ווען דיא שפּאניער זיינען געקומען אין מעקסיקאָ האָבען זיי דאָרטען געפונען דיא זעלבע פערטהיילונגען פון לאנד צווישען דיא אקערבויער. פּריוואט־אייגענטהום אויף לאנד האָט ניט עקזיסטירט אין גאנץ אמעריקא. דאָס לאנד האָט געהערט צו גע־מיינדעס. אין מעקסיקאָ זיינען דיא געמיינדעס געווען אונטער דער קאָמאנדע פון זאָ־גענאנטע קאסיקס (עלטסטע). דיא קאסיקס זיינען געווען דיא אריסטאָקראטיע.

נאָר וועגען דעם ווען מיר נאָך האָבען צו ריידען, ווען מיר וועלען בעשרייבען דיא מלוכות פון מעקסיקאָ און פּערו, וועלכע דיא שפּאניער האָבען פערניכטעט.

ביי אויסגראָבונגען אין דיא אלטע פּועבלאָס האָט מען געפונען מאסען צבראָכענע ליימענע געפעס. אויך האָבען זיך ארום און ארום געוואלגערט שטיקלעך פון צובראָכענע וואזען. אין דעם טהאָל פון דעם טייך פּעקאָס האָט מען געקענט צוזאמענקלייבען גאנצע וואָגענס מיט אזעלכע שטיקלעך. רייזענדע האָבען זיך אי־בעראל אָנגעשטויסען אויף'ן וועג אָן דיזע שטומע עדות פון אמאָ־ליגען לעבען. געלעהרטע נאָכפאָרשער האָבען זיך געבראָכען דעם קאָפּ, ווארום מען געפינט אין דיא אמאָליגע פּובלאָ־געגענדען אזוי פיעל צובראָכענע געפעס, וועלכע צייגען יעדענפאלס אויף א לאנגע בעזעצונג פון דיזע לענדער. אייניגע געלעהרטע האָבען ערקלעהרט, אז דיא איינוואָהנער זיינען געווען געצוואונגען צו אנטלויפען אין היילענעס און האָבען צובראָכען זייערע געפעס, אום דער שונא זאָל זיך דערמיט ניט בענוצען. אנדערע האָבען בעהויפּטעט, אז דיא פעלזען־איינוואָהנער האָבען געהאט א געוויי־סען אבערגלויבען, וועלכער האָט זיי געפיהרט צו צוברעכען זייער געפעס. נאטירליך, מען קען גאָר ניט וויסען פּאָזיטיוועס וועגען דעם.

יעדענפאלס איז עס זיכער, אז דיא פועבלאָ־בויערס האָבען גע־
האט ניט נאָר פיעל מעהר געפעס וויא דיא מאונד־בויערס, זאָנ־
דערן אז דיזע געפעס זיינען אויך בעסער געמאכט געוואָרן און
שעהנער געפארבט און בעפוצט געוואָרן. מען האָט זיי פארברי־
צירט מיט דער הילפע פון פייער, און זיי זיינען אזוי הארט, אז
זיי האָבען א מעטאלענעם קלאנג. א מערקווירדיגער פאקט. איז
אויך, וואָס מען האָט אין דיא פועבלאָ־געגענדען געפונען אזוי ווייך־
ניג לולקעס, ווערהענד אין דיא מאונדס האָט מען זיי אויסגע־
גראָבען גאנצע מאסען.

דיא מאָקים און צונים אין נאָרד־מעקסיקאָ וואָהנען נאָך יעצט
אין פועבלאָס. דיזע אינדיאנער־שטאממען האָבען אויך אָנגעהאלטען
פיעלע אלטע מנהגים און לעבען אין קאָמונעס. אין דער צייט פון
קאָלומבוס און יאָהרען שפּעטער זיינען נאָך פיעלע פועבלאָס בע־
וואָהנט געווען. מיט יעדען יאָהר אָבער זיינען דיא פועבלאָס אלץ
מעהר פערלאָרען געוואָרן. מיר האָבען שוין אויבען בעמערקט, אז
דאָס איז געקומען דורך ענדערונגען אין קלימאט; אָבער די פעלזען־
איינוואָהנער האָבען אויך געהאט צו פערטהיידיגען זיך געגען דיא
שטענדיגע אטאקעס פון דיא אפּאטשעס, וועלכע געהערען צו דיא
ווילדעסטע און גרויזאמסטע אינדיאנער שטאממען. דער פאקט, אז
דיא פועבלאָ־בויערס האָבען געמוזט זוכען בעהאלטונגס־ערטער אויף
הויכע בערג, וואו עס איז געווען געפעהרליך אפילו צוצוקומען,
צייגט שוין גענוג, וואָס פאר א ביטערן קאמפּף זיי האָבען געהאט
אויסצוהאלטען געגען דיא ווילדע שטאממען ארום. דיא פרידליכע
אקערבויער פון דיא פועבלאָס זיינען וואהרשיינליך אטאקירט געווען
אין פערלויף פון יאהרהונדערטע ביז מען האָט זיי ענדליך בע־
זיעגט און פערטריבען. דיא פועבלאָ־בויערס האָבען געמוזט אָפּ־
טרעטען אלץ ווייטער צום זידען, וואו זיי האָבען זיך הפנים צו־
מישט מיט דיא איינוואָהנער פון מעקסיקאָ אָדער האָבען זיי פי־
לייכט בעזיעגט. דען עס איז בעוואוסט, אז אין מעקסיקאָ זיינען
אלץ אָנגעקומען נייע פעלקער פון נאָרד.

נאָר וואָס עס האָט דאָרטען ניט געטראָפען, דיא אמאָליגע

צאָהלרייכע פּועבלאָ־בעפעלקערונג איז פערשוואונדען, און דיא טהאָלען, וועלכע זיינען נאָך יעצט בעשאָטען מיט חורבות פון אמאָליגע פּועבלאָס און פעסטונגען אין דיא בערג, זיינען יעצט וויסטענעסען.

פינפטער קאַפּיטעל.

דיא חורבות פון צענטראל אמעריקא און פון מעקסיקאָ.

אויף דער גאנצער לענג פון דיא קאָרדעליערען־בערג, אָנפאַנגענדיג פון מעקסיקאָ און ענדיגענדיג אין טשילי, האָבען זיך געפונען דיא ציוויליזירטעסטע פעלקער פון דער נייער וועלט. וויא עס איז שוין אויבען בעמערקט געווען, האָבען דיא שפּאניער דאָרטען געטראָפען צוויי גרויסע און רייכע מלוכות, איינע אין מעקסיקאָ, דיא צווייטע אין פּערו; אָבער דיא מלוכות זיינען אָבגעטהיילט געווען אזוי ווייט דורך געדיכטע טראָפּישע וועלדער און הויכע בערג, אז דיא איינוואָהנער פון דיזע מלוכות האָבען גאָר ניט געוואוסט איינע פון דיא אנדערע. עס איז א מערקווירדיגער פאקט, אז דיא אצטעקען, וועלכע האָבען בעהערשט מעקסיקאָ פון דיא ברעגעס פון אטלאנטישען אָקעאן ביז צו דיא ברעגעס פון גרויסען אָקעאן אויף דער גאנצער לענג ביז ניקאראגוא, האָבען גאָר קיין אהנונג ניט געהאט פון א גרויסע מלוכה, וועלכע האָט זיך פערשפּרייטעט אויף טויזענדער מיילען אין דער לענג ביי דיא ברעגעס פון שטילען אָקעאן אין זיד־אמעריקא אונטער דער הערשאפט פון דיא זאָ־גענאנטע אינקאס. דער בעסטער און קלאָרסטער בעוויז, אז דיזע מלוכות האָבען קיין שום פערקעהר ניט געהאט צווישען זיך, איז וואָס דיא מעקסיקאנער האָבען געהאט היעראָגליפישע שריפטען און דיא פּערואנער האָבען גאָר קיינע שריפטען ניט געהאט, אָבוואָהל אין פיעלע אנדערע זאכען האָבען זיי איבערשטייגט אלע פעלקער פון דער נייער וועלט. עס איז איבריג צו זאָגען, אז דיא פּערואנער וואָלטען גלייך איבערגענומען אזא ניצליכע קונסט וויא שריפטען, ווען זיי וואָלטען נאָר עפּעס געהערט פון זייערע ווייטע שכנים אין נאָרד.

נאָר איידער מיר געהען בעשרייבען דיזע האלב־ציוויליזירטע פעלקער, וועלען מיר איבערגעבען דיא וויכטיגסטע פאקטען וועגען דיא פעלקער פון צענטראל־אמעריקא, פון וועלכע מיר וואָלטען גאָר ניט געוואוסט, ווען זיי וואָלטען ניט איבערגעלאָזען אלס אנדענקען מערקווירדיגע טעמפלען, פאלאסטען און אנדערע מאָנומענטען.

דיזע מאָנומענטען זיינען צושפרייט איבער א גאנץ גרויסער געגענד אין צענטראל־אמעריקא, ספעציעל אויף דעם האלב־אינזעל יוקאטאן, אין גוואטעמאלא און האָנדוראס. זיי זיינען א וואונדער און א רעטענים פאר נאָכפאָרשער. מען קען זיי פערגלייכען מיט דיא גרעסטע מאָנומענטען פון מצרים, אשור און אינדיען. פיעלע פון דיזע מאָנומענטען זיינען בעדעקט מיט היעראָגליפישע שריפטען, וויא אויף דער פיגורע 32, נאָר דער שליסעל צו זיי איז נאָך ניט ענטדעקט געוואָרן. עס איז א גרויסע פראגע, אויב עס וועט זיך א מאָל געפינען א מאן, וואָס זאָל אויפלייזען דיזע געהיימנים, וויא דער פראנצויזישער געניאלער געלעהרטער שאמפאָליאָן האָט עס געטאָן מיט דיא עגיפטישע היעראָגליפען, וועלכע זיינען שוין יעצט אן אָפענער בוך פאר אונז.

דיא בויערס פון דיזע מאָנומענטען און דיא שרייבערס פון דיזע היעראָגליפען זיינען פערשוואונדען לאנג פאר דעם אָנקומען פון דיא שפאניער. מען רעכענט, אז זיי האָבען געהערט צו דער זאָ־גענאנטער נאהואטל־ראסע, וועלכע האָט זיך צושפרייט איבער מעקסיקאָ און נאכהער אלץ ווייטער ביז צו דיא געגענד פון פאנאמא. נאָך גרינדליכע נאָכפאָרשונגען האָט מען בעשטימט, אז דיא טאָלטעקען, אלמעקען, אצטעקען, זאפאָטעקען א. ז. וו. האָבען געהערט צו איין ראסע. דיא ערשטע פון דיזע נאהואטל־שטאמען, וועלכע האָבען זיך אריינגעריסען אין צענטראל אמעריקא, וואהרשיינליך ערגעץ פון נאָרד־אמעריקא, זיינען געווען, רעכענט מען, דיא מאיאס, וועלכע מען האלט יעדענפאלס פאר דיא בויערס פון דיא טעמפלען און מאָנומענטען, וואָס ווערן אזוי בעוואונדערט פון רייזענדע און נאָכפאָרשער. מען נעהמט אָן, אז דיא מאיאס האָבען

פיג. 32 — היעראָגליפען פון צענטראַל-אַמעריקאַ.

געלעבט ערגעץ לעבען דיא ברעגעס פון אטלאנטישען אָקעאן און אז זיי האָבען אויסגעוואנדערט, וואהרשיינליך נאָך א נידערלאגע, ביז צו דיא ברעגעס פון אוסומאנסינטא טייך אין טשיאפּאס און נאכהער ווייטער ביז יוקאקטאן און גוואטעמאלא. זייער הויפּט־שטאָט האָט געהייסען נאטשאן, וואָס עס בעדייטעט „דיא שטאָט פון שלאנגען". פון דיזער שטאָט זיינען נאָר געבליבען דיא בער־רימהמטע חורבות פון דעם פּלאץ, וועלכער טראָגט יעצט דעם שפּאנישען נאָמען פּאלענקע. זייערע אנדערע גרויסע שטעט, פון וועלכע עס זיינען געבליבען אייניגע חורבות, האָבען געהייסען מאיאפּאן, טולאן און קאָפּאן. נאָך דיא לעגענדען, וואָס זיינען דערצעהלט געוואָרען פון דיא איינגעבאָרענע אין יענע ערטער — דיזע לעגענדען זיינען די איינציגע קוועלען וועגען דיזע פּער־שוואונדענע הערשער פון צענטראל־אמעריקא — האָבען דיא מאיאס־שטאמען זיך פערבונדען אין א גרויסען שטאאט נאָך מיט יאהרהונדערטע פאר דיא קריסטליכע ציטרעכנונג. דיא עלטעסטע פון דיזע לעגענדען שילדערן, אז דיא מאיאס זיינען געקומען פון א שאָטענלאנד הינטער דעם אָקעאן און נאָך א לאנגען קאמפּף מיט ווילדע ריעזען, וועלכע האָבען געלעבט אין היילען און געפרעסען רויהע פלייש, האָבען זיי זיך בעזעצט און אָרגאניזירט אין א מלוכה אונטער דער פיהרונג פון א פערגעטערטען העלד מיט דעם נאָמען וואָטאן.

נאָר וויא עס ווייזט אויס, זיינען דאָן ניט אלע איינגעבאָרענע פון צענטראל־אמעריקא געווען אזעלכע ווילדע, וויא דיא לעגענדען וועגען דיא מאיאס שטעלען עס פאָר, דען מען האָט געפונען אין גוואטעמאלא חורבות פון געוויסע געביידעס, וועלכע זיינען נאָר ניט ענהליך צו דיא מאָנומענטען פון דיא מאיאס. עס איז זעהר מעגליך, אז אייניגע פעלקער האָבען דערגרייכט צו א געוויסע שטופע פון קולטור לאנג איידער דיא מאיאס האָבען זיך אהין אריינגעריסען און זיינען געוואָרן דיא הערשער נאָך דיא לאנגע בלוטיגע מלחמות, פון וועלכע דיא לעגענדעס דערצעהלען.

נאָר מיט דער צייט זיינען דיא מאיאס אָבגעשוואכט גע־

וואָרן, און אנדערע פעלקער פון דער נאהואטל־ראסע האָבען פערנו־מען זייער פּלאץ. פון זיעגערס זיינען די מאיאס געוואָרן די בעזיעגטע. אייניגע מאיאס־שטאמען האָבען זיך אונטערגעגעבען, אנדערע האָבען אויסגעוואנדערט נאָך יוקאקטאן און גוואטעמאלא, וואו זייערע קינדער האָבען לאנג און העלדיש געקעמפפט געגען די לעצטע עראָבערער, די שפאנישע שווערד־העלדען.

וועגען די רעליגיאָן און פיהרונגען פון די מאיאס האָט מען דערווייל גאנץ ווייניג פאקטען. זייער רעליגיאָן האָט וואהרשיינ־ליך געהאט אן עהנליכקייט צו דער רעליגיאָן פון די אצטעקען און אנדערע נאהואטל־שטאמען, אָבער זיא איז, רעכענט מען, געוועזען ווייניגער בלוטיג. מענשליכע קרבנות פלעגען געבראכט ווערן צו די געטער, אָבער געוועהנליך זיינען קריעגס־געפאנגענע געוועזן די אָפּפער. עלטערן פלעגען אָפּפערן זייערע קינדער צו די בלוטיגע אָבגעטער. אין טשיטשען־איצא, די הויפטשטאָט פון דעם מאיאס־שטאם מיט דעם נאָמען איצא, האָט מען געפונען דעם פּלאץ, וואו מען פלעגט אָפּפערן מענשען צו די אָבגעטער. ווען עס זיינען ניט געוועזן גענוג רעגענס, פלעגט מען אויסקלייבען עטליכע אָפּפער, געוועהנליך יונגע בתולות, וועלכע מען פלעגט פיהרען צום מזבח מיט גרויסע צערעמאָניעס. מען פלעגט זיי ארונטערשליידערן אין אן אָבגרונד אין דער צייט, ווען דער עולם פלעגט שטעהן אויף די קניע און בעטען די געטער צו שיקען רעגענס. דער הויפּט־פּריסטער פלעגט פריהער האלטען א דרשה פאר די אָפּפער, וויא זיי זאָלען זיין פאָרשפּרעכער פאר זייער פאָלק ביי די געטער. אין ניקאראגוא פלעגט זיך דער נייער יאָהר (דאָס איז געשעהן אונגעפעהר יעדע 18 מאָנאט) אָנפאנגען מיט מענשליכע קרבנות. דער הויפּט־פּריסט פלעגט אָנזאָגען וויא פיעל אָפּפער די געטער פערלאנגען און וועלכע אָפּפער ער האָט אויסגעקליבען. די אונ־גליקליכע פלעגט מען באלד כאפּען און נאָך געוויסע צערעמאָניעס אומברייגנען. די פּריסטער פלעגען 3 מאָל ארומגעהן ארום יעדען קרבן, זינגענדיג לויה־ליעדער, און נאכהער פלעגט איינער פון זיי, דער אָפּפער־ברייגנער, זיך א וואָרף טאָן אויף דעם קרבן, ביי וועמען

ער פלעגט שנעל עפענען דיא ברוסט, אויסרייסען דיא הארץ און זיך נאכהער בעשמירען דאס געזיכט מיט דיא נאך ווארימע בלוט.... ווען דער קרבן איז געווען א קריעגס־געפאנגענער, פלעגט מען זיין קערפער צוטהיילען צווישען פאלק, און דעם קאפ פלעגט מען אויפהענגען אויף א בוים פאר דיא געטער.

אזעלכע שוידערליכע רעליגיעזע צערעמאניעס זיינען געפראוועט געוואָרן ביי אלע פעלקער פון דער נאהואטל־ראסע אין דער צייט פון נאציאנאלע פעסטליכקייטען און ביי געוויסע געלעגענהייטען, ווען מען האט געזוכט איינצושטילען דעם צאָרן פון דיא אָבגעטער. נאָר אזוי וויא דיא אצטעקען האבען זיך בעזאָנדערס אויסגעצייכענט מיט דיזען מענשענפרעסענדען געצענדיענסט, וועלען מיר אויספיהרליכערריידען וועגען דעם, ווען מיר וועלען בעשרייבען דיא מעקסיקאנער מלוכה. אין אלגעמיינעם קענען מיר דאָ בעמערקען, אז אין קיין לאנד אויף דער וועלט האט מען ניט געשאָכטען אזוי פיעל מענשען פאר דיא געטער, וויא אין מעקסיקאָ און צענטראל־אמעריקא ביז דיא שפאניער האבען זיך בעוויזען און געמאכט א קורצען סוף פון דיזער בלוטיגער רעליגיאָן.

דיא נעמען פון דיא געטער פון דיא מאיאס זיינען אונבעקאנט. דיא געצקעס, וועלכע מען האט געפונען אין דיא חורבות פון זייערע טעמפלען, שטעלען פאר אי מענשען, אי חיות. עס איז בעקאנט, אז ווען דיא איצאס האבען צום ערשטען מאל דערזעהען דיא פערד פון דיא שפאנישע קאוואליערען, האבען זיי גלייך אויסגעהאקט פון א שטיין א פיגורע פון א פערד און עס אריינגעשטעלט צווישען אנדערע געצקעס אין זייערן א טעמפעל. פון אלע חיות האבען זיי בעזאָנדערס פערעהרט שלאנגען. אויך איז עס זיכער, אז ביי זיי איז געווען איינגעפיהרט דער פאללוס־געצענדיענסט. וועגען זייער פערעהרונג פון קרייצען האבען מיר זיכערע בעווייזען אין אייניגע טעמפלען, בעזאָנדערס אין דיא חורבות פון פאלענקע, מיט וועלכע מיר וועלען דאָ אָנהויבען דיא בעשרייבונג פון דיא פיעלע מאָנומענטען פון דיא מאיאס אָדער אנדערע פערשוואונדענע פעלקער אין צענטראל־אמעריקא.

נאָך אין דער צייט, ווען קאָרטעז מיט זיין קליינע באנדע שווערד־העלדען האָט איינגענומען מעקסיקאָ נאָך א שרעקליך־בלוטיגען קאמפף, זיינען דיא חורבות פון פּאלענקע געווען אזוי ארומגעוואקסען מיט טראָפּישע פלאנצען אין א געדיכטען וואלד, אז קיינער האָט שוין פון זיי ניט געוואוסט. עס איז בעוואוסט, אז אין זיין מארש נאָך האָנדוראס איז קאָרטעז געווען בלויז עט־ליכע מייל פון דעם אָרט, וואו דיזע חורבות פון אן אמאָליגער גרוי־סער מלוכה זיינען געלעגען בעהאלטען. מענשען האָבען פערלאָזען דיא געדיכטע וועלדער ארום, וואו מען האָט נור געקענט מאכען א וועג מיט העק אין דיא הענד. ווען קאָרטעז וואָלט עפּעס גע־הערט פון דיזע אלטע טעמפּלען און פּאלאצען, וואָלט ער וואהר־שיינליך זיך אָבגעשטעלט דאָרטען זיי צו זעהען און צו מעלדען וועגען דעם אין זיינע בעריכטען צום קייזער קארל דעם פינפטען. ערשט אין 1746טען יאָהר האָט מען צופעליג ענטדעקט דיזע חורבות, וועלכע זיינען געלעגען אין דיא וועלדער פון טשיאַפּאס ווער ווייסט וויפעל יאָהרהונדערטע. דער ערשטער, וואָס האָט זיי בעשריעבען איז געווען קאלדעראָן, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון דער שפּאנישער רעגיערונג אין 1764 זיי צו עקזאמינירען און אָבצוגעבען א בעריכט.

זייט דאן האָבען פיעלע רייזענדע און געלעהרטע בעזוכט און בעשריעבען דיזע פערוואָרפענע ערטער, וועלכע זיינען בעזאָנדערס גרינדליך אויסגעפאָרשט געוואָרן פון דעם אמעריקאנער רייזענ־דען סטיווענס. איינע פון דיא לעצטע און וויכטיגסטע רייזען האָט געמאכט דער פראנצויז שארנעי, וועלכער האָט אראָבגענומען קאָפּיעס פון דיא איבערגעבליבענע היעראָגליפען און בעפאָר־צונגען און האָט זיי געבראכט נאָך פּאריז, וואו זיי זיינען יעצט אויסגעשטעלט אין דעם מוזעאום פון טראָקאדעראָ.

וויא וויית מען קען סאָרטירען דיא חורבות פון פּאלענקע, זיינען דאָרט א מאָל געשטאנען א דוצענד גרויסע געביידעס. פון דיזע געביידעס האָבען זיך אָנגעהאלטען אם בעסטען 5, וועלכע ווערן בעצייכענט פון נאָכפאָרשער אונטער דיא נעמען: דער

פאלאץ, דער טעמפעל פון דריי טאפעל (טאבליצעס), דער טעמ־פעל פון בארעליעפען (סקולפטורען אויף ווענט), דער טעמפעל פון קרייץ און דער טעמפעל פון דער זון.

דער פאלאץ, דיא גרעסטע געביידע פון פאלענקע, איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אויף א פיראמידע אונגעפעהר 40 פוס הויך. דער פונדאמענט פון דיזער פיראמידע איז 310 פוס לאנג און 260 פוס ברייט. דיא פיראמידע איז אָנגעשאָטען געוואָרן מיט געוועהנ־ליכע ערד, נאָר מען האָט געלאָזען פלאץ פאר גאלערעען און דורכ־גענגע אין דער ערד. דיא זייטען פון דער פיראמידע זיינען בע־דעקט געווען מיט פלאכע שטיינער. א רייהע טרעפ האָט געפיהרט צו דער הויפטגעביידע, וועלכע איז 228 פוס לאנג און 180 פוס ברייט. דיא ווענט זיינען פון שטיינער 3 פוס דיק. אינעווייניג איז אלעס געווען אויסגעפלאסטערט און געפארבט. דער הויפט־פראָנט האָט 14 ארייגגענגע 9 פוס ברייט. זיי זיינען אָבגעטהיילט דורך זיילען, וואָס זיינען בעפוצט מיט פיגורען 6 פוס הויך און מיט היעראָגליפען אויבען. די פיגורען זיינען געמאכט זעהר פיין און איינ־דרוקספאָל (זעהע פיגורע 33) און זיינען וואהרשיינליך פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דיא בויערס. אינעווייניג זיינען דאָ זאאלען בעפוצט מיט סקולפטורען מייסטענס פון ווילד־אויסזעהענדע מענשליכע פיגורען.

זעהר זאָנדערבאר איז דער פאקט, אז דיא טרעפ פון דיזען פאלאץ זיינען וויא גאָר נייע. עס איז ניט צו בעמערקען, אז מען האָט אויף זיי לאנג געטראָטען. דיא ברעגעס פון דיא טרעפ זיינען שארף, וויא מען וואָלט זיי ערשט געמאכט. מען רעכענט דארום, אז דיא שטאָט איז פערלאָזען געוואָרן א קורצע צייט נאכדעם, ווי דער פאלאץ איז פערטיג געוואָרן.

פון דיא איבערגעבליבענע טעמפלען איז דער אינטערעסאנ־טעסטער דיזער, וואו מען האָט ענטדעקט דעם בעריהמטען קרייץ. דיזער קרייץ איז פון גרויסער וויכטיקייט פאר דיא געשיכטע פון רעליגיאָנען. דער קרייץ־טעמפעל איז אויך אויפגעבויט געוואָרן אויף א פיראמידע און איז בעפוצט מיט פילע מענשליכע פיגורען

און היעראָגליפען. אין דעם מיטעלסטען זאאל געפינט זיך א מזבח, וועלכער שטעלט פאָר אן אָפענעם קאסטען. ביי ביידע זייטען גע־פינען זיך פליגלען, אונגעפעהר אזעלכע ווי איבער די טירען פון עגיפּטישע מאָנומענטען. איבער דיזען אלטאר האָט מען עס גע־פונען דעם קרייץ מיט דיא פיגורען ארום. (זעהע פיגורע 34).

פיג. 33 — א באַרעליעף פון פּאַלענקע.

דיזע פּלאַטע איז אראָפּגעריסען געוואָרן פון א פאַנאַטישען שפּאַניער, וועלכער האָט געגלויבט, אז דאָס איז א הייליגער צייכען פון דיא קריסטען, וואָס איז על פי נס פערבליבען ביי דיא געצענדיענערס פון דעם טעמפּעל. נאָר צוליעב אורזאכען, וועלכע זיינען אונבע־קאנט, האָט ער דיזען מערקווירדיגען קרייץ איבערגעלאָזען אין דעם

וואלד דערביי, וועלכער איז פול מיט אנדערע חורבות. גליקליכער־
ווייזע האָבען אמעריקאנער נאָכפאָרשער געפונען דיזען צייכען פון
געצענדיענסט צום קרייץ און האָבען דיא פלאטע געבראכט נאָך



פיג. 34 — דער קרייץ פון פאַלענקע.

וואשינגטאָן, וואו מען האָט איהר אויסגעשטעלט אין נאציאָנאלען
מוזעאום.

בעטראכט גוט דיא פיגורע 34. אין מיטען שטעהט א קרייץ
מיט פערשיעדענע בעפוצונגען און היעראָגליפען, וואָס זייער בע־

דייטונג איז נאָך אונבעקאנט. ער האלט זיך אויף א העסליכע פיגורע, און אויבען שוועבט א פאנטאסטישע פויגעל, וועלכע איז וואהרשיינליך אויך געווען א געצקע. בייביידע זייטען שטעהען 2 מענשליכע פיגורען אין קאָסטיומען, וועלכע שטעלען וואהר־שיינליך פאָר דיא קליידער פון דיא העכערע קלאסען אין דער פער־שוואונדענער מלוכה. דיא מענשליכע פיגורע צו דער רעכטער זייט דערלאנגט דעם קרייץ א געשאנק און בעט דיזען אָבגאָט. דיא פיגורע צו דער לינקער זייט טראָגט א קרייץ און איז ארומגעריג־נעלט מיט היעראָגליפען. לעבען קאָפּ פון דער פיגורע אין דער רעכטער זייט געפינען זיך עטליכע היעראָגליפען, וועלכע מען טרעפט אויך אויף אנדערע מאָנומענטען.

אין אן אנדער טעמפּעל פון פאלענקע האט מען מיט עטליכע יאָהר צוריק ענטדעקט א בארעליעף, וועלכע האט א גרויסע עהנ־ליכקייט צו דער קרייץ־פלאטע. דער מיטען (זעהע פיגורע 35) האט אייגענטליך אויך דיא פאָרמע פון א קרייץ, נור ער איז צו־זאמענגעשטעלט פון 2 קעפּ פון געצקעס, איינע איבער דער אנ־דערער און פון בעפוצונגען ביי דיא זייטען. אויבען שוועבט ווידער א פאנטאסטישער פויגעל. דיא מענשליכע פיגורען זיינען כמעט דיא זעלבע וויא אויף דער קרייץ־פלאטע, נאָר ביי זייערע זייטען געפינען זיך א סך היעראָגליפען. דיזער בארעליעף וואָלט אונז ערקלערט פיעלע סודות פון אמאָליגע צייטען אין אמעריקא, ווען מיר וואָלטען געקענט פארשטיין דיא מיינונג פון דיא היעראָ־גליפען און פון דיא סימבאָלען (זינען־בילד), מיט וועלכע ער איז בעשאָטען.

קרייצען זיינען געפונען געוואָרן אין אנדערע ערטער פון צענטראל־אמעריקא, אין מעקסיקא, פערו, פאראגוואי א. ז. וו. וויא מיר האָבען שוין אין פאָריגען קאפּיטעל געזאָגט, איז דער קרייץ פערבונדען געוועזען מיט דער פערגעטערונג פון דער זון און פון פאלום און האט געוועהנליך געדיענט אלס סימבאָל פון דיא פיער עקען פון דער וועלט און פון דער שעפּפענדער קראפט פון דער נאטור. אין דיא מאָנומענטען פון מצרים האט מען געפונען קרייצען,



פיג. 35 — אַ באַרעליעף פון פּאַלענקע וואָס האָט אויך דיא פאָרמע פון אַ קרייץ.

וועלכע זיינען געברויכט געוועזן אין געצענדיענסט. אין פיעלע ער־טער פלעגט מען פערעהרען קרייצען מיט ווייראך, טויף־וואסער און קרבנות. דער קרייץ פון פאלאנקע איז אויך אָהן צווייפעל אזוי פערעהרט געוואָרן.

מיר דארפען זיך ניט וואונדערן, וואָס מיר געפינען אין דער נייער וועלט, וועלכע איז אין גאנצען אָבגעזונדערט געוועזן פון דער אלטער, אז נאָך לאנג פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג האָט מען פערהערט דעם קרייץ, דעם פאללוס און דעם נחש גראדע אויף דער זעלבער ארט און צוליעב דיא זעלבע גרינדע, וויא ביי אלע קולטור־פעלקער פון אזיען און אייראָפא. דאָס צייגט נאָר, אז דער מענשליכער גייסט ארבייט און ענטוויקעלט זיך איבעראל אויף דער זעלבער ארט אונטער עהנליכע אומשטענדען. דער וויכטיג־סטער פערדיענסט און דיא וויכטיגסטע אויפגאבע פון דער קול־טור־געשיכטע איז צו צייגען דיא אלגעמיינע געזעצע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג.

ווייטער, ווען מיר וועלען איבערגעבען דיא לעגענדען וועגען דעם מעקסיקאנער משיח קוועצאלקאָאטל און אנדערע ערלייזער און געקרייציגטע זונען־געטער, וועלען מיר נאָך האָבען צו ריידען וועגען דיזע עהנליכקייטען אין געצענדיענסט פון קולטור־פעלקער אין דער נייער און אלטער וועלט. דערווייל וועלען מיר זיך אומ־קעהרען צו דיא חורבות אין צענטראל־אמעריקא.

דיא היעראָגליפען און כטאטוען פון פאלענקע האָט מען פער־גליכען מיט דיא עגיפטישע און אסירישע און מען האָט געפונען אייניגע עהנליכקייטען; אָבער דערפון קען מען נאָך פאָרלויפיג גאָר ניט שליסען. דאָס בלייבט נאָך אלץ א געהיימניס, וועלכע דיא צוקינפטיגע דורות וועלען פיעלייכט א מאָל אויפדעקען, אויב מען וועט צוזאמענקלייבען פיעל מעהר פאקטען, וויא מיר וויסען עס יעצט.

לעבען א בארג, אויף דעם גרענעץ פון גוואטעמאלא און האָנ־דוראס איז א מאָל געוועזן א גרויסע שטאָט מיט דעם נאָמען קאָפּאן.

יעצט זיינען פון איהר איבערגעבליבען עטליכע חורבות, וועלכע זיינען גערעכט בעוואקסען מיט טראָפּישע פלאַנצען. מען האָט נאָר געקענט צוקומען אהין מיט א האק אין דער האנד. דיא ווענד פון דיא געביידעס זיינען זעהר מערקווירדיג. דיא געזיכטען פון דיא צווישען וועלכע עס רייסען זיך דורך קריכענדע טראָפּישען פלאַנ־צען. דער פונדאמענט פון דיא ווענט איז 25 פוס דיק. דיא טעמפּ־לען זיינען געבויט אויף פּיראמידען, וויא אין פּאלענקע און אנ־דערע ערטער. דיא פּיראמידען זיינען געבויט געוואָרן צו עהרע פון דיא געטער, און אויף זייערע שפּיצען פלעגט מען עס ברייננען דיא קרבנות, אָפט מענשליכע.

צווישען דיא חורבות פון קאָפּאן האָט מען געפונען א סך סטאַ־טוען, אָבעליסקען און זיילען בעדעקט מיט היעראָגליפען און צייכ־נונגען. אלס א ביישפּיעל קען דיענען דיא פיגורע 36.

דער גאנצער האלב־אינזעל יוקאטאן איז פול מיט אינטערע־סאנטע חורבות פון אמאָליגע שטעט און טעמפּלען. ניט אלע חורבות האָט מען ביז יעצט ענטדעקט. עס איז זיכער, אז ווען מען וועט גרינדליכער זוכען און מאכען אויסגראָבונגען אין פערשיעדענע פונקטען, וועט מען געפינען נאָך חורבות און אינטערעסאנטע זאכען. מיט א יאָהר 14 צוריק האָט דער דערמאָנטער פראנצויזישער נאָכפאָרשער שארנעי ענטדעקט דיא חורבות פון א גאנץ אונבעקאנטע שטאָט, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען לאָרילארד.

ספּעציאליסטען אין ארכיטעקטור געפינען געוויסע אונטער־שיעדען אין דיא געביידעס פון פּאלענקע און פון קאָפּאן. דיזע געביידעס זיינען וואהרשיינליך געבויט געוואָרען פון אנדערע שטאמען פון איין ראסע אויף דער זעלבער קולטור־שטופע. מען רעכענט, אז דיא גרינדערס פון דיא שטעט אין יוקאטאן זיינען געווען דיא קינדער פון דיא בויערס פון פּאלענקע.

ניט ווייניגער אינטערעסאנט און וויכטיג זיינען דיא חורבות פון דיא שטעט טשיטשען־איצא און אוקסמאל. טשיטשען־איצא איז געווען דיא הויפּט־שטאָט פון א מאיאס־שטאם מיט דעם נאָמען איצא אין דער צייט פון קאָלומבוס'עס ענטדעקונג. דיא



פיג. 36 — אַ זייל מיט סטאַטועו און היעראָגליפען, געפונען אין דיא חורבות פון קאָפּאַן.

איינוואָהנער האָבען מוטהיג געקעמפפט געגען דיא שפּאניער 200 יאָהר; אָבער שליסליך זיינען זיי בעזיעגט געוואָרן און זייער הויפּט־שטאָט איז צושטערט געוואָרן. זייט דאן זיינען נור פון איהר געבליבען חורבות, וועלכע ווערן יעצט בעוואונדערט פון רייזענדע. דיא חורבות, מאנכע פון וועלכע זיינען נאָך אין א צימליך גוטען צושטאנד, ציהען זיך מייללענלאנג. דיא שטאָט איז

פיג. 37 — אַ באַרעליעף אויף אַ טהיר פון דעם פּאַלאַץ אין טשיטשען־איצא.

געווען גערעכענט פאר א הייליגע אין דער גאנצער געגענד. דארום האָט זיא ענטהאלטען א סך טעמפּלען און אויך קלייסטערס פאר נאָנען אָדער געטליכע כלות. דיא טעמפּלען זיינען מערקווירדיג שטארק געבויט געווען אויף פּיראמידען. דיא באַרעליעפען אויף דיא געביידעס זיינען געמאכט געוואָרן פון גרויסע שטיינער, מענשליכע פיגורען זיינען עהנליך צו דיא יעצטיגע איינגעבאָרענע

פון יוקאטאן און אונטערשיידען זיך זעהר שטארק פון דיא פי־גורען אין פאלענקע, וועלכע האבען שפיציגע קעפּ. דיא ווענט פון דיא טעמפּלען זיינען אויך בעפוצט מיט געמאָלענע בילדער, וועלכע שטעלען פאָר פּראָצעסיאָנען פון פּריעסטער און קריעגערס מיט שווארצע בערד און זאָנדערבארע בעפּוצונגען אויף דיא קעפּ. דיא פיגורע 37 שטעלט פאָר איינעם פון דיא בארעליעפען אויף דיא חורבות פון טשיטשען־איצא. דיא בעפּוצונג אויף'ן קאָפּ איז א זעהר זאָנדערבארע, נאָר בעזאָנדערס מערקווירדיג איז דיא ציערונג, וואָס הענגט אראָפּ פון נאָז.

עס וואָלט גענומען צו־לאנג צו בעשרייבען אפילו א הונדער־טעל פון דיא ענטדעקטע מאָנומענטען אין צענטראל־אמעריקא. זייער צאָהל און בעזאָנדערס דיא קונסט־ארבייט ערשטוינען אלע רייזענדע. אלעס צייגט, אז דאָרטען האָבען געלעבט פעלקער אין האלב־ציוויליזירטע שטאאטען. מאנכע פון דיזע פעלקער זיינען זאָגאר געשטאנען העכער פאר דיא שפּאניער אין אייניגע הינזיכטען; אָבער אָהן אייזען, פולווער און פערד האָבען זיי גע־מוזט פאלען אין קאמפּף מיט דיא שווערד־העלדען, וועלכע האָבען זיך א לאָז געטאָן אויף דיא רייכע געגענדען אזוי וויא היישעריקען און האָבען אלעס חרוב געמאכט.

אין מעקסיקאָ געפינען זיך אויך פיעלע חורבות פון אמאָליגע שטעט און טעמפּלען, וועלכע זיינען צושטערט אָדער פערלאָזען געוואָרן נאָך פאר דעם אָנקומען פון דיא שפּאניער. מען נעהמט אָן, אז זיי זיינען געבויט געוואָרן פון דיא זאָ־גענאנטע טאָלטעקען, א נאהואטל־שטאם, וועגען וועלכען מען ווייס גאנץ ווייניג, ווייל דיא מייסטע מאנוסקריפּטען און מאָנומענטען פון דיא מעקסיקא־נער זיינען פערניכטעט געוואָרן פון דיא פאנאטישע שפּאנישע גלחים און שווערד־העלדען.

דיא מערקווירדיגסטע פון דיזע אלטע מאָנומענטען געפינען זיך אין קסאָטשילקאלקאָ, 75 מייל פון דער יעצטיגער שטאָט מעקסיקאָ. אין מיטען פון א פלאכען אָרט שטעהט א קייל־ערדיגער בארג. דער

אונטערשטער קרייז פערנעהמט 2 מייל. זיין הויכקייט איז איבער 300 פוס. דיא זייטען פון דיזען בארג זיינען דורכגעבויערט געוואָרן פאר 2 טונעלען. אין אייניגע ערטער זיינען דיא זייטען פון דיזען בארג פערשטארקט געוואָרן קינסטליך מיט שטיינער און פלאסטער. דיא הויפט-גאלערעע פיהרט צו א גרויסען זאל מיט 2



פיג. 38 — דיא חורבות פון דעם טעמפעל אין קסאָטשיקאלאָ, מעקסיקאָ.

זיילען אין מיטען. אויף דעם שפּיץ פון בארג איז אויפגעבויט געוואָרן א טעמפעל (זעהע פיגורע 38) צו עהרע פון אן אונבעקאַנטען גאָט. דער טעמפעל, וועלכער איז 65 פוס לאנג און 58 פוס ברייט, איז געבויט פון שטיקער הארטע גראניט, וועלכע זיינען צוזאמענגעלייגט געוואָרן אָהן קאלך אָדער אירגענד וועלכען פלאסטער. זיי זיינען אָבער אזוי גוט פּאָלירט, אז מען זעהט קוים דיא שפּאלטען צווישען. עס איז א וואונדער, וויא מען האָט ארויפ-

געשלעפּט אזעלכע שווערע שטיקער גראניט, און מען קען זיך קוים פאָרשטעלען, וויא פיעל ארבייט עס האָט געקאָסט איידער מען האָט פערטיג געמאכט דעם טעמפּעל. וואָס דיא קריצונגען אויף דעם גראניט בעדייטען, ווייס מען ניט.

חורבות פון דיא געביידעס, וואָס דיא טאָלטעקען האָבען גע־בויט אין מעקסיקאָ, געפינט מען אין דיא שטעט טולא און טשאָלולא, וועלכע איז טהיילווייז פּערוויסטעט געוואָרן פון קאָר־טעץ'ן. נאָך מיט 500 יאָהר פאר דעם אָנפאל פון דיא שפּאניער איז טולא אזוי צושטערט געוואָרן, אז נור איינינגע חורבות זיינען פערבליבען. ביי אויסגראָבונגען האָט מען געפונען עטליכע געטש־קעס און זיילען. דיא מאכט פון דיא טאָלטעקען איז דאן געבראָ־כען געוואָרן פון אנדערע שטאמען פון דער נאהואטל־ראסע, וועלכע האָט בעהערשט מעקסיקאָ און כמעט גאנץ צענטראל־אמעריקא. דיא טאָלטעקען האָבען זיך טהיילווייז צומישט מיט דיא זיעגערס און טהיילווייז אויסגעוואנדערט נאָך צענטראל־אמעריקא.

אין אָאקסאקא, א פּראָווינץ פון מעקסיקאָ לעבען גרויסען אָקעאן, האָבען געוואָהנט דיא זאפּאָטעקען, וועלכע האָבען אויך געהערט צו דער נאהואטל־ראסע, נאָר זייער שפּראך האָט געהאט אן עהנליכקייט צו דער שפּראך פון דיא מאיאס. זייער רעליגיאָן איז געווען אזא בלוטיגע און מענשענפרעסענדע וויא ביי דיא הער־שענדע אצטעקען. מענער פלעגט מען אָפּפערן צו דיא געטער און פרויען צו דיא געטינען. דיא זאפּאָטעקען האָבען געהאט א כהן־גדול, גענאנט „וועיעטאאָ", וועלכער האָט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין דער מלוכה. זיינע פיס האָבען ניט געטאָרט אָנריהרען דיא ערד. מען פלעגט איהם שטענדיג טראָגען אויף דיא פּלייצעס, און אלע האָבען זיך געבוקט צו איהם, אפילו דיא עלטסטע, און מען האָט ניט געטאָרט קוקען אויף איהם. ער האָט געמוזט לעבען אין איינזאמקייט, ניט חתונה האָבען און פאסטען. נאָר איין טאָג אין יאָהר האָט ער געהאט דאָס רעכט זיך אָנצו'שכור'ן און צו הוליען. דאן פלעגט מען איהם אויך ברענגען א יונגע און שעהנע בתולה. דער עלטסטער פון דיא זיהן, וואָס פלעגט געבאָרן ווערן פון אזא

פערבינדונג, פלעגט ירש׳ענען דעם אמט פון א וועי־עטאָאָ.

פיעלע חורבות זיינען געבליבען פון דיא געביידעס און טעמפּלען פון דיא זאפּאָטעקען. דיא מייסטע פון דיזע חורבות גע־פינען זיך אין זייער אמאָליגער הייליגער שטאָט מילטא. א לע־גענדע דערצעהלט, אז דיזע שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן פון קוועצאלקאָאטל׳ס שילער. זיכער ווייס מען, אז צו דער צייט פון קאָלומבוס׳עס רייזע איז זיא צושטערט געוואָרען פון דיא זיעג־רייכע אצטעקען, מיט וועלכע דיא זאפּאָטעקען האָבען געפיהרט א קאמפּף אין פערלויף פון יאָהרהונדערטע. דיא געפאנגענע גייסט־ליכע פון דיא טעמפּלען אין מילטא זיינען געבראכט געוואָרן נאָך דער הויפּטשטאָט פון דיא אצטעקען און דאָרטען געשאָכטען גע־וואָרן אלס אָפּפער צו דעם שרעקליכען מלחמה־גאָט הויציל־אָ־פּאָטשטלי.

דיא ארכיטעקטור פון דיא זאפּאָטעקען ווערט בעוואונדערט פון קענערס און רייזענדע. דיא גרעסטע אָטאָריטעטען ווענען בוי־קונסט גיבען צו, אז אייניגע פון דיא געביידעס פון דיא זאפּאָ־טעקען, בעזאָנדערס דער פּאלאץ אין מילטא, קענען געגליכען ווערן צו דיא שעהנסטע געביידעס פון דיא גריכען און רוימער. דיזער שטאם איז א מאָל געווען מעכטיג און האָט איינגענומען פיעלע פּלעצער. מען רעכענט, אז דיא פּיראמידען, וואָס מען געפינט נאָך אין יענע געגענדען, זיינען געבויט געוואָרן פון דיא זאפּאָטעקען. ביי אויסגראָבונגען האָט מען געפונען עטליכע גאָלדענע זאכען און צירונגען, וועלכע צייגען, אז דיא זאפּאָטעקען האָבען פערשטאנען צו בעארבייטען דיא עדלע מעטאלען.

ארום דעם דאָרף סאנטא־לוטשיא אין גוואטעמאלא, ניט ווייט פון א וואולקאן, האָט דער דייטשער רייזענדער באסטיאן ענט־דעקט א סך חורבות, וועלכע זיינען געלעגען בעוואקסען אין דיא געדיכטע טראָפּישע וועלדער. מען האָט דאָרטען אויסגעגראָבען סקולפּטורען און סטאטוען, וועלכע זיינען קינסטליכער געמאכט וויא אין אלע אמאָליגע צענטערס פון דער אמעריקאנער ציוויליזא־ציאָן. אייניגע פון דיזע סטאטוען טראָגען בעפּוצונגען אויפ׳ן

פיג. 39 — א באַרעליעף פון סאנטא לוטשיא, וואָס שטעלט פאָר וויא
מען האָט מקריב געווען מענשען.

קאָפּ אזוי ווי אזיאַטישע טורבאַנען. די באַרעליעפען זיינען ענליך צו די יעניגע, וואָס מען האָט געפונען אין די חורבות פון די מאַיאַס אין יוקאַטאַן. מאַנכע פון דיזע באַרעליעפען שטעלען פאָר, ווי מען בוקט זיך צו דער זון און צו דער לבנה, וועלכע זיינען פאָרגעשטעלט אין דער פאָרמע פון מענשען. די פריעסטער און אלע געצענדינער זיינען פאָרגעשטעלט נאַקעט, בלויז בעפוצט מיט אינטערעסאַנטע צירונגען. דער מערקווירדיגסטער פון דיזע באַרעליעפען איז איבערגעגעבען אויף דער פיגורע 39, וועלכע צייגט ווי מען פלעגט ברייגגען מענשליכע קרבנות צו די בלוטזוכענדע אָבגעטער. דער נאַקעטער פריעסט מיט א זאָנדערבאַרע קאָפּ־בעפּוצונג האַלט מיט איין האַנט דעם קאָפּ פון דעם מענשליכען קרבן און אין דער אַנדערער א מעסער פון האַרטע שטיין. מיט דיזען מעסער האָט דער פריעסט וואַהרשיינליך געעפענט די ברוסט פון דעם קרבן און אַרויסגעריסען זיין האַרץ, ווי כמעט אלע פעלקער און שטאַמען פון מעקסיקאָ און צענטראַל־אַמעריקאַ פלעגען עס טאָן. די צוויי אונטערשטע פיגורען, וועלכע טראָגען אויף מענשליכע קעפּ, שטעלען וואַהרשיינליך פאָר די פינסטערע געטער פון טויט. דער קאָפּ פון איין פיגורע איז ווי פון א סקעלעט.

די סטאַטוען פון מענשען, וואָס מען האָט ביז יעצט ענטדעקט אין צענטראַל־אַמעריקאַ, זיינען געוועהנליך פּראָפּאָרציאָנעל געמאַכט, אָבער גאָר ניט שעהן און איינפאַך ווידערווערטיג. די פאָרצייטיגע אַמעריקאַנער אַרטיסטען האָבען א ביסעל געקענט די אַנאַטאָמיע פון מענשליכען קערפּער, אָבער זיי האָבען ניט געזוכט פאָרצושטעלען שעהנהייט, ווי די גריכישע אַרטיסטען. די געזיכטען זיינען מייסטענס העסליך און אָבשרעקענד, ווי געצקעס זיינען געוועהנליך. פון די בעפּוצונגען קען מען אורטהיילען, ווי די מענשען זיינען דאַן געווען געקליידעט.

ווען מען נעהמט אין אַנבעטראַכט די קולטור־שטופע פון די פעלקער, וועלכע האָבען איבערגעלאָזען זייערע געביידעס צום אַנדענקען, דאַרף מען זיך ניט וואונדערן, וואָס זיי האָבען געקענט

אויסהאקען סטאטועס פון שטיינער און אויך קריצען אָדער מאָלען בילדער. פיעלע אנדערע פעלקער האָבען בעוויזען דיא זעלבע קונסט, שוין ניט ריידענדיג פון דיא אלטע גריכען, וועלכע מען קען אפילו אין אונזער צייט ניט נאָכמאכען. וואונדערן מוז מען זיך נאָר, וויא אזוי דיא איינגעבאָרענע פון צענטראל־אמעריקא האָבען געקענט מיט זייערע שטיינערנע און קופערנע אינסטרומענטען אויסהאקען אזעלכע גרויסע שטיקער גראניט, מארמער און נאָך הארטערע שטיינער און צוזאמענשטע־לען אזעלכע ריזיגע פאלאצען און טעמפלען. האקען שטיינער מיט דער הילפע פון שטיינער איז איינע פון דיא שווערסטע און לאַנג־זאמסטע ארבייטען. אזעלכע ארבייט האָט מען נאָר געקענט אויפ־טאָן מיט דיא הענט פון מאסען שקלאווען, אזוי וויא אין מצרים און אין אנדערע קולטור־לענדער פון דער אלטער וועלט.

דיא פערשיעדענע הויז־זאכען, וואָס מען האָט געפונען אונ־טער דיא חורבות, צייגען, אז דער רייכער טהייל פון דער בעפעל־קערונג אין דיא גרויסע שטעט, דיא אריסטאָקראטען פון דיזע מלוכות, האָבען געלעבט אין גרויס לוקסוס. שטולען זיינען געווען בעפוצט מיט זילבער און גאָלד. דיא ווענט זיינען געווען בעהאנגען מיט פעל, פיין־געפארבטע שטאָפען און מיט פאָרהאנגען פון קונ־ציג צוזאמענגעבונדענע פעדערן, אפילו געפעס פון גאָלד האָט מען געפונען. ארטיקלען פון גאָלד, זילבער, קופער, בליי און צין, וויא אויך א סך טהייערע מינעראלען, פלעגט מען פערקויפען אויף מארק־פלעצער. שטיקלעך מעטאלען האָבען אויך געדיענט אלס געלט. נאָר מייסטענס פלעגט דער האנדעל געפיהרט ווערן דורך אויסטויש.

דיא וואזען און אנדערע ליימענע זאכען, וויא אויך דיא גע־וועבטע און געשטריקטע שטאָפען, צייגען אויף א גרויסען פאָרט־שריט אין קונסט און קולטור ביי אלע פעלקער אין צענטראל־אמעריקא. עס איז קלאָר, אז אויב דאָרטען איז ניט געווען דיא וויגעלע פון דער ציוויליזאציאָן אין דער נייער וועלט, האָט זיא דאָרטען געפונען דעם בעסטען פלאַץ פאר ווייטערע ענטוויקלונג.

זעקסטער קאַפּיטעל.

דיא אינדיאַנער און דיא שפּאַניער.

ארום דער צייט פון קאָלומבוס'עס רייזע האָבען דיא אצטעקען, א קריעגערישער און גרויזאמער שטאם פון דער נאַהואַטל-ראַסע, בע־הערשט לענדער, וועלכע זיינען געוועזען 4 מאָל אזוי גרויס וויא שפּאַניען און וועלכע געהערען יעצט צו דער רעפּובליק מעקסיקאָ. דעם ערשטען בעריכט וועגען א שטאַרקע און גרויסע מלוכה אין דער נייער וועלט האָבען דיא שפּאַניער געקראָגען נאַכדעם וויא זיי האָבען איינגענומען און אָנגעפאַנגען צו קאָלאָניזירען דעם אינ־זעל קובא, וואָס ווערט מיט רעכט גערופען „פּערל פון דיא אַנטי־לען אָדער פון וועסט-אינדיען". ווען קאָלאָמבוס'עס זוהן און יורש דיעגאָ האָט אין 1511 געשיקט דאָן דיעגאָ וועלאַסקעץ צו בעזעצען קובא, האָבען דיא שפּאַניער כמעט קיין ווידערשטאַנד געטראָפען ביי דיא אָרימע און שוואַכע איינגעבאָרענע. דיא אינדי־אַנער שטאַמען אויף דיא אינזלען, וועלכע ליגען צווישען נאָרד־און זיד-אמעריקא אין דעם מעקסיקאַנער ים און אַטלאַנטישען אָקעאַן, זיינען געוועזען זעהר שוואַכע, פוילע און פריעדליכע. דיא שפּאַנישע שווערד-העלדען האָבען קיינע שוועריגקייטען געהאַט זיי צו בעהערשען און גלייך צו פערשקלאַווען. דיא שפּאַניער האָבען אזוי גרויזאם בעהאַנדעלט דיזע שטילע און נאַקעטע ווילדע מענ־שען, וועלכע האָבען זיך געלעבט אין נאַטירליכער פרייהייט אונ־טער דער טראָפּישער זון, אז אין א קורצער צייט זיינען זיי אויס־געשטאָרבען. זיי זיינען ניט צוגעוואָהנט געוועזען צו רעגעלמעסיגע ארבייט און אָנשטרענגונגען אויף דיא אינזלען, וואו דיא נאַטור האָט זיי דערלאַנגט שפּייז מיט א פולער האַנד, און זיי זיינען גע־פאַלען וויא פליגען אונטער דיא בייטשען פון דיא שפּאַנישע קאַ־

לאַניסטען, וועלכע זיינען געקומען אום שנעל רייך צו ווערן מיט דעם שווייס און בלוט פון דיא אינדיאנער.

אלע איינגעבאָרענע פון דער נייער וועלט, ווי שטארק און מוטהיג פיעלע פון זייערע שטאמען זיינען ניט געוועו, האָבען איבערהויפּט ניט געטויגט צו שווערע און רעגעלמעסיגע ארבייט. אפילו דיא פּערואנער, וועלכע זיינען געוועזן זעהר פלייסיגע אקערבויער און האָבען רעגעלמעסיג געארבייט אונטער דער פּאַטערליכער אויפזיכט פון זייערע פערגעטערטע אינקאס, האָבען ניט געקענט אויסהאלטען דיא ארבייט, וועלכע דיא שפּאניער האָבען זיי געצוואונגען צו טאָן. אלע אויראָפּעער האָבען שנעל איינגעזעהען, אז אפילו מיט דיא אינדיאנער, וועלכע האָבען געדולדיג געליטען אונטער דעם שקלאווען־יאָך — דיא אינדיאנער צייכנען זיך אויך אויס מיט א מערקווירדיגע פעהיגקייט צו פערטראָגען שמערצען און פּייניגונגען — האָט מען גאָר ניט געקענט אויפטאָן. דיא אינדיאנער האָבען איינפאך פיזיש ניט געטויגט פאר שקלאווען, און דארום האָט מען באלד גענומען זוכען אנדערע ווילדע מענשען, וואָס זאָלען קענען זיין גוטע שקלאווען. וויא בעוואוסט, האָט מען אזעלכע געפונען אין דיא נעגערן פון אפריקא, וועלכע מען האָט גענומען אלץ מעהר פאנגען און קויפען אין אפריקא און אריבערפיהרען נאָך אמעריקא.

נאָר איידער דיא ווייסע הערשער אין דער נייער וועלט האָבען געקראָגען גענוג שווארצע שקלאווען, האָבען זיי ארויסגעדריקט דיא נשמות פון דיא רויטע איינגעבאָרענע. אויף דיא אינזלען זיינען דיא אינדיאנער, וויא געזאָגט, שנעל אויסגעשטאָרבען אונטער דער שווערער לאסט, אָבער אויך אין מעקסיקאָ, פּערו און אנדערע האלב־ציוויליזירטע לענדער, וואָס זיינען פערהעלטניסמעסיג גוט בעפעלקערט געוועזן, איז געוואָרן אזא חורבן, אז דיא שפּאנישע רעגירונג האָט זיך געמוזט אריינמישען צו רעטען דיא איינגעבאָרענע פון אויסראָטונג און צו פערביטען זיי צו פערשקלאווען.

דיא קאַטוילישע גייסטליכע, וועלכע האָבען געפאָלגט נאָך דיא שווערד־העלדען, דיא זאָ־גענאנטע קאָנקוויזאדאָרעס (ערָאבערערס),

האָבען זיך נאָר געקימערט וועגען דיא נשמות פון דיא אינדיאַנער. זיי האָבען געשטרעבט צו רעטען זיי פון דיא פלאמען פון גיהנם דורך בעקעהרונג צום קריסטענטהום. ווען עס איז ניט געגאנגען מיט גוטען, האָט מען דיא איינגעבאָרענע געברענט און געבראָטען און איבערהויפּט זיי שנעל געשיקט אויף יענער וועלט. אפילו דיא גלחים, וועלכע זיינען ניט געווען אזעלכע פינסטערע און גרויזאמע פאנאטיקער, וויא טאָרקוועמאדא און אנדערע אינקוויזיטאָרען, האָבען געקוקט צווישען דיא פינגער אויף דיא שוידערליכע גרויזאמקייטען פון דיא באנדעס שווערד־העלדען, וועלכע האָבען אָפט געהאנדעלט ערגער וויא ווילדע בארבארען.

זעהענדיג וואָס פאר גרויזאמע ברואים דיא ווייסע זיעגערס זיינען, האָבען דיא אינדיאנער נאטירליך קיין חשק געהאט אָנצונעהמען מיט גוטען דיא רעליגיאָן פון זייערע אונטערדריקער. מען דערציילט וועגען דעם אזא געשיכטע: איינער פון דיא עלטסטע פון א שטאם אין קובא, וועלכער האָט פערצווייפעלט געקעמפפט געגען דיא שפאניער, איז געפאנגען געוואָרן און איז פעראורטהיילט געוואָרן פון דעם גובערנאטאָר וועלאסקעז צום טויט דורך פערברענען (דיזע שרעקליכע טויט־שטראָף פלעגען דיא שפאניער געוועהנליך געברויכען געגען דיא אונגליקליכע אינדיאנער, וועלכע פלעגען זיך ניט אונטערגעבען פרייווילליג). פאר'ן טויט, ווען דער הויפען האָלץ האָט זיך פאנאנדערגעפלאקערט, און א גלח איז צוגעשטאנען צום אינדיאנער פיהרער, אז ער זאָל זיך בעקעהרען צום קריסטענטהום, אום צו רעטען זיין נשמה און צו פערבלייבען אין גן־עדן, האָט דער אינדיאנער געפרעגט, אויב דיא ווייסע מענשען וועלען זיך דאָרט אויך געפינען. ווען דער גלח האָט געענטפערט: יא, האָט דער אינדיאנער אויסגערופען: „אויב אזוי, וועל איך ניט ווערן א קריסט, דען איך וויל ניט ווידער קומען אין א פּלאַץ, וואו איך וועל טרעפען אזעלכע גרויזאמע מענשען".

ווען אזא געשיכטע איז אפילו פערפאסט געוואָרן, איז זיא אויך כאראקטעריסטיש וועגען דיא ווילדע רציחות און צושטערונגען פון דיא שפאנישע שווערד־העלדען. נאָר צווישען דיא מיסיאָ־

נערן־גלחים, וואָס האָבען ניט געזוכט רייכטהימער און הויכע שטע־
לען אין דער קאטוילישער קירכע, האָבען זיך געפונען עטליכע,
וואָס האָבען העפטיג פראָטעסטירט געגען דיזע רציחות און האָ־
בען געפאָרדערט, אז מען זאָל רעטען דיא אונגליקליכע אינדיאנער
פון אונטערגאנג און זיי ניט מאטערן ביז'ן טויט. איינער פון זיי,
דער עדעלער לאס־קאזאס, האָט זיך בעזאָנדערס בעריהמט גע־
מאכט מיט זיינע פראָטעסטען און ווארימע אויפרופען צום שפאַ־
נישען פאָלק און צו דער רעגיערונג. ער האָט שליסליך אזוי ווייט
געבראכט, אז דיא שפאנישע רעגיערונג האָט פערבאָטען דיא
שקלאווערייַ פון אינדיאנער און האָט אויך אָנגענומען פרעשיע־
דענע מיטעל צו בעשרענקען דיא האבזוכט און דיא רציחות פון דיא
שפאנישע קאָלאָניסטען. מען מוז צוגעבען, אז דיא שטרעבונגען
פון דער שפאנישער רעגיערונג צו בעשיצען דיא אינדיאנער
זיינען געווען גאנץ עהרליכע; אָבער אין דער ווירקליכקייט זיינען
איהרע בעפעהלע געבליבען טויטע בוכשטאבען, ווייל דיא קאָ־
לאָניעס זיינען געלעגען צו ווייט און עס איז צו יענער צייט געווען
שווער זיי צו קאָנטראָלירען. דיא שווערד־העלדען און האבזיכ־
טיגע געלד־זוכערס האָבען געקענט טאָן, וואָס זיי האָבען געוואָלט.
דיא שפאנישע רעגירונג האָט דערצו נאָך געהאט גענוג שטריי־
טען און דיפלאָמאטישע פערדרעהעניסען אין אייראָפּא און זיא
האָט דארום ניט געקענט אָפּגעבען פיעל צייט צו איהרע ווייטע
און ריזיגע קאָלאָניעס אין דער נייער וועלט. זיא איז געווען צופריי־
דען, אז דיא עהרגייציגע שווערד־העלדען, וועלכע פלעגען מייסטענס
אויף זייער איינענער רעכנונג און ריסק פיהרען שלאכטען מיט
אינדיאנער און פערכאפּען לענדער און רייכטהימער, זאָלען זיך
ניט בונטעווען געגען איהר און ניט פּרובירען גרינדען אן אייגענע
מלוכה, וויא עס איז געווען דער פאל מיט גאָנזאלאָ פּיזאראָ אין
פּערו.

נאָר לאָמיר זיך אומקערען צו אונזער ענין. דיא ערשטע אויס־
קונפט וועגען נייע לענדער, וואו עס וואָהנען קריעגערישע און
האלב־ציוויליזירטע פעלקער, האָט וועלאסקעז, דער גוּבערנאטאָר

פון קובא, געקראָגען נאָך דער אונגליקליכער עקספעדיציאָן פון א געוויסען קאָרדאָווא. דיזער שווערד־העלד איז ארויס מיט 3 שיפען נאָך דיא באהאַמא־אינזלען, אום דאָרט צו קריגען שקלאַווען, אין וועלכע דיא נייע קובאנער קאָלאָניע האָט זיך שטארק גענייטיגט. נאָר אויפ'ן וועג האָט ער געטראָפען אזעלכע שטארקע שטורמען, אז זיינע שיפען זיינען פערטראָגען געוואָרן אין אן אנדער ריכטונג און ער האָט געלאנדעט אויף א גאנץ אונבעקאנטען ברעג. ווען ער האָט געפרעגט דיא איינגעבאָרענע, וויא רופט מען זייער לאנד, האָבען זיי געענטפערט: „טעקטעטאן", וואָס עס בעדייטעט: „איך פערשטעה ניט". נאָר דיא שפּאניער האָבען געמיינט, אז דאָס איז דער נאָמען פון לאנד, און אזוי וויא זיי האָבען דעם וואָרט ניט ריכטיג אויסגעשפּראָכען, איז דערפון געוואָרען יוקאטאן. דאָס איז יעצט דער נאָמען פון דעם האלב־אינזעל אין צענטראל־אמעריקא, וואו מען האָט געפונען דיא אינטערעסאנטע חורבות פון דיא מאיאס, וועגען וועלכע עס איז גערעט געוואָרען אין פאָריגען קאפּיטעל.

קאָרדאָווא איז ארומגעפאָהרען דעם גאנצען האלב־אינזעל. אלעס, וואָס ער האָט דאָרטען געזעהען, האָט איהם ניט ווייניג ערשטוינט. דיא איינוואָהנער פון יוקאטאן האָט מען גאָר ניט געקענט פערגלייכען אין קולטור מיט דיא ווילדע אינדיאנער אויף דיא אינזלען. אַנשטאָט הייזלאַך פון צווייגען און נאקעטע מענשען, האָט ער געטראָפען גרויסע געביידעס און רייך־געקליידעטע איינוואָהנער פון שטעט. אויך האָט ער זיך באלד איבערצייגט, אז דיזע איינגעבאָרענע קענען זיך מוטהיג פערטהיידיגען מיט זייערע געוועהר. עס איז מעגליך, אז זיי האָבען שוין געקראָגען נאכריכטען וועגען דיא ווייסע מענשען און זייערע רציחות. יעדענפאלס האָט מען איבעראל אויפגענומען דיא שפּאניער אזוי פיינדליך, אז נאָר א העלפט פון דיא 110 מאן, וועלכע זיינען ארויסגעפאָהרען צוזאמען מיט קאָרדאָווא, האָבען זיך אומגעקעהרט לעבעדיגע, טראָגענדיג סמנים פון וואונדען, וועלכע זיי האָבען געקראָגען פון דיא פיילען. קאָרדאָווא האָט געקראָגען אזוי פיעל וואונדען, דאָס

א קורצע צייט נאָך זיין צוריקקומען אין קובא, איז ער געשטאָרבען.

דיא בעריכטען פון דיא לעבעדיג־געבליעבענע וועגען א רייכע לאנד האָבען אָבער געגעבען מוטה אנדערע שווערד־העלדען צו פּרובירען זייער גליק. וועלאסקעז האָט גלייך צוזאמענגעקליבען א באנדע שפּאניער און האָט זיי ארויסגעשיקט נאָך דיא ניי־ענט־דעקטע לענדער אונטער דער קאָמאנדע פון זיין פּלימעניק גריכאל־וואַ, וועלכער איז אין 1518 יאָהר צוגעקומען צו דיא ברעגעס, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון דיא אצטעקען. אין איין אָרט האָבען דיא שפּאניער זיך צוזאמענגעטראָפען מיט דעם קאַסיק אָדער עלטסטען פון דיא מעקסיקאנער פּראָווינץ. מען האָט זיך נאָר געקענט פערשטענדליך מאכען דורך זשעסטען, אָבער דיא שפּאניער האָבען גענוג געזעהען, אז זיי האָבען צו טהאָן מיט א שטארקע און רייכע מלוכה. דיא פּרעזענטען, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון דעם קאסיק, זיינען מייסטענס בעשטאנען אין גאָלד. דיא שפּאניער, וועלכע האָבען נאָר געזוכט גאָלד, זיינען געווען העכסט צופריעדען, וואָס זיי האָבען געקענט אומבייטען זייערע פּאטשערקעס און צאצקעס אויף עכטע גאָלדענע ארטיקלען און טהייערע צירונגען. גריכאלוואַ האָט גלייך אוועקגעשיקט נאָך קובא איינע פון זיינע שיפען מיט דיא גאָלדענע געשאנקען אונטער דער קאָמאנדע פון פּעדראָ דע אלווארא͏דאָ, וועלכער האָט זיך שפּעטער בעריהמט געמאכט אין דער אטאקע אויף מעקסיקאָ און מיט זיינע עקספּעדיציאָנען אין צענטראל־אמעריקא. ער אליין האָט א קורצע צייט געדרייזט לעבען דיא ברעגעס פון מעקסיקאָ. אויף אן אינזעל לעבען דיא ברעגעס, האָט ער צום ערשטען מאָל געזעהן מענשליכע קרבנות אין א טעמפּעל. ער האָט דארום אָנגערופען דיעזען אָרט „קרבנות־אינזעל“. באלד נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקעהרט נאָך קובא, האָפענדיג צו פיהרען האנדעל מיט דיא מעקסיקאנער און דיא שטאמען אונטער זייער הערשאפט.

נאָר ניט איהם איז בעשערט געווען צו פיהרען א נייע עקספּע־דיציאָן נאָך מעקסיקאָ. נאָך איידער ער איז געקומען צוריק, האָט שוין וועלאסקעז אָנגעפאנגען אויסצושטאטען נייע שיפען, אום צו

פערכאפּען דיא רייכע אימפּעריע פון דיא אצטעקען. די בעריכטען וואָס אלוואראדאָ האָט געבראכט וועגען דיא אימפּעריע, האָבען אויפגעהעצט דעם אונערזעטליכען אפּעטיט פון דיא שפּאנישע שווערד־העלדען צו גאָלד און צו ריטערליכע אויפטהואונגען. אין יענער צייט האָבען מייסטענס אויסגעוואנדערט אזעלכע שפּאניער, וועלכע זיינען געווען אָרים צו הויזע אָדער וועלכע האָבען געוואָלט קריגען א נאָמען אלס העלדען. זיי האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פאר קיינע געפאהרען און האָבען אויף יעדען שריט ריזיקירט מיט זייער לעבען. פאר זיי איז געווען א שפּיעלכעל צו פיהרען שלאכטען מיט דיא אינדיאנער, וויא באלד זיי האָבען נאָר גערעכענט צו קריגען גאָלד און זיך אויסצוצייכנען מיט זייער מוטה. דארום איז עס שטענדיג לייכט געווען צו קריעגען א חברה שווערד־העלדען, וואָס זאָלען זיך א לאָז טהאָן אויף מחנות אינדיאנער און רויבען. ברענען און בראָטען אויף'ן וועג. דארום, וויא נאָר מען האָט אין קובא דערהערט וועגען רייכע לענדער און מלוכות אין דער נייער וועלט, האָבען פיעלע חשק געקראָגען צו נעהמען אנטהייל אין דער עקספּעדיציאָן, וואָס וועלאסקעץ האָט אנפערטרויט א געוויסען קאָרטעץ, וועלכער האָט שליסליך איינגענומען און צושטערט דיא בלוטיגע מלוכה פון דיא אצטעקען. דיזער קאָרטעץ איז איינער פון דיא מערקווירדיגסטע פיגורען ניט נאָר אין דער געשיכטע פון שפּאנישע עראָבערונגען, זאָנדערן אין דער וועלט. זיין יוגענד האָט גאָר ניט געצייגט אויף זיין בלוטיגע, אָבער אויך גאָלדענע צוקונפט. אָבוואָהל ער האָט געהערט צו א נאָבעלע פאמיליע און איז אויך געשיקט געוואָרען צו שטודירען אין א'ן אוניווערזיטעט, האָט ער זיך דאָך אזוי אויפגעפיהרט, אז זיינע עלטערן זיינען געווען צופריעדען, ווען ער האָט צו 19 יאהר פערלאָזען זיין היים און פאטערלאנד און איז אוועק אין 1504 יאהר זוכען גליק אין דער נייער וועלט.

ער איז אָנגעקומען אין דיא ערשטע שפּאנישע קאָלאָניע אויף דעם אינזעל האאיטי, וואו ער האָט געקראָגען א טהייל לאנד מיט א געוויסע צאָהל אינדיאנער אלס שקלאווען (דאָס האָט מען אויף

שפאניש גערופען „רעפארטיעמענטאָ“), וויא יעדער קאוואליער, וועלכער האָט נאָר געוואונשען צו ווערען א פלאנטאטאָר. ער איז אבער ניט געבאָרען געוואָרען פיר א רוהיגען לעבען. ער האָט געטרוימט וועגען שלאכטען און עראָבערונגען. דארום האָט ער אנטהייל גענומען אין דער עקספעדיציאָן נאָך קובא אונטער דער קאָמאנדאָ פון וועלאסקעץ. דערביי האָט ער זיך זעהר אויסגעצייכענט און געוואונען חן אין דיא אויגען פון וועלאסקעץ. אין קובא האָט ער ווידער געקראָגען א רעפארטיעמענטאָ, וואו ער האָט ניט בעסער בעהאנדעלט זיינע אינדיאנער שקלאווען, וויא אנדערע שפאנישע שווערד־העלדען, וועלכע דער שיקזאל האָט פלוצלונג געמאכט פאר הערשער און פלאנטאטאָרס. אלס פלאנטאטאָר האָט קאָרטעץ אָנגעזאמעלט א ציעמליך גרויסע סומע געלד פאר יענער צייט, נאָר אלעס וואָס ער האָט פערמאָגט און וואָס ער האָט געקענט באָרגען, האָט ער אויסגעגעבען אויף דער עקספעדיציאָן נאָך מעקסיקאָ אין דער האָפנונג, אז ער וועט כפל כפלים אויסשלאָגען זיינע הוצאות, ווען ער וועט איינגעהמען דיא מלוכה פון דיא אצטעקען.

מיר שרייבען דאָ ניט א געשיכטע פון שפאנישע עראָבערונגען, וועלכע איז פול מיט מערקווירדיגע פאסירונגען, מיט וואונדער פון מוטה, מיט בלוטיגע שלאכטען, דארום וועלען מיר לאָזען אָן א זייט דיא איינצעלהייטען, וויא קאָרטעץ האָט אָרגאניזירט זיין עקספעדיציאָן, וועלכע האָט געבראכט א נייע אימפעריע פאר שפאניען, און וויא ער איז אָבגעפאָהרען פון קובא אין 1519.

זיין גאנצע עקספעדיציאָן איז בעשטאנען פון 11 קליינע זעגעלשיפען מיט 110 מאטראָסען, 553 סאָלדאטען, 10 שווערע קאנאָנען, 4 קליינע קאנאָנען און 16 פערד. מיט דיזער הייפעלע מענשען האָט זיך קאָרטעץ געקליבען איינצונעהמען א׳ן אימפעריע פון מיליאָנען מענשען. דער וואונדער איז ניט אזוי, וויא א מענש האָט געקענט וואגען אזא אונטערנעהמונג (פאר דיא שפאנישע שווערד־העלדען איז קיין זאך ניט צו־שווער געווען) זאָנדערן אז איהם איז עס שליסליך געלונגען. דיא ווירקליכקייט האָט דאָ

איבערטראָפען דיא ווילדעסטע בילדער פון דער פאנטאזיע.

צוערשט האַט קאָרטעץ געלאַנדעט אויף דעם אינזעל קאָזומעל אין יוקאטאַן. פון דאָרט איז ער אוועק צו נאָרד נאָכפאָלגענדיג דעם וועג פון גריכאַלוואַ'ס עקספעדיציאָן. אין א געגענד וואָס הייסט טאבאסקאָ האָט ער געלאַנדעט נאָך א שלאכט מיט דיא איינגעבאָרענע, וועלכע האָבען מוטהיג געקעמפפט און וועלכע האָבען געהערט צו דער מאיאס־ראסע. קאָרטעץ האָט געהאט צו פיהרען מיט זיי עטליכע שלאכטען ביז ער האָט איינגענומען זייער הויפטשטאדט און זיי געצוואונגען אָנצונעהמען דיא קריסטליכע רעליגיאָן. זיין ערשטער לאנדונגס־פלאַץ אין דער מלוכה פון דיא אצטעקען איז געווען, וואו עס געפינט זיך יעצט ווערא־קרוץ, דער הויפט־פּאָרט פון דער מעקסיקאנער רעפובליק. דיזער פלאַץ איז געוועזן בעוואָהנט פון א שטאם, וואָס האָט זיך געמוזט אונטער־געבען צו דיא אצטעקען. פון זיי האָט זיך קאָרטעץ דערוואוסט, אז דיזע פּראָווינץ, וויא פיעלע אנדערע, ווערען בעהערשט פון א מעכטיגען קעניג מיט דעם נאָמען מאָנטעזומא, וועלכע האָט זיין הויפטשטאדט גאנץ ווייט אין דיא בערג.

אָט אזוי זיינען דיא שפּאניער אריין אין מעקסיקאָ. ניט אכטענדיג אויף דיא אונגעהויערע שוויריגקייטען, וועלכע זיינען איהם געשטאנען אין וועג אויף יעדען שריט, ניט אכטענדיג אויף דיא מאסען סאָלדאטען, וועלכע דיא אצטעקען האָבען געהאט אונטער דער האנד, האָט קאָרטעץ זיך דאָך ניט איבערגעשראָקען אויסצופיהרען זיין געוואגטען פּלאן איינצונעהמען דיזע אימפּעריע מיט דער הייפעלע מענשען, וועלכע ער איז אים שטאנד געוועזן צוזאמענצוקלייבען אין קובא. דער פּלאן איז געוועזן אזא געפעהר־ליכער, אז קאָרטעץ האָט מורא געהאט צו זאגען א וואָרט וועגען דעם אפילו זיינע נעהענטסטע און בעסטע מיטהעלפער ביז עס איז שווער און שפּעט געוועזן צוריקצוקעהרען זיך און מען האָט געמוזט קעמפפען ביז דעם לעצטען אָטהעם.

אין עטוואָס מעהר וויא 2 יאהר זיינען דיא שפּאניער געוואָרען דיא הערשער פון דער אצטעק־אימפּעריע, אבער נאָך א שיידער־

ליכען קאמפף, וועלכער האָט זיך געענדיגט אין אויגוסט 1521 מיט דער צערשטערונג פון דער הויפּט־שטאָדט טענאָקטשיטלאן, וואו עס איז נאכהער אויפגעבויט געוואָרען א נייע גרויסע שטאדט, דיא יעצטיגע הויפטשטאדט מעקסיקאָ.

מיר וועלען יעצט בעשרייבען, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מעקסיקאָ פאר דיא ערשיינונג פון אייראָפּעער אין דער נייער וועלט און אונטער וועלכע אומשטענדען קאָרטעץ האָט געפונען דיזע גרויסע אימפעריע, וועלכע איז איהם געלונגען צו פערניכטען אין אזא קורצע צייט מיט אזוי ווייניג שפּאנישע שווערד־העלדען.

זיעבעטער קאַפּיטעל.

דיא אַצטעק־אימפּעריע.

דער צענטראל־פּונקט פון מעקסיקאָ איז דער גרויסער טהאָל, וואס איז בעוואסערט פון 5 אָזערעס און וואָס האָט געטראָגען אין דער אצטעק־אימפּעריע דעם נאָמען אנאהואק. דיא בעדייטונג פון דיזען וואָרט איז „נאהואס לעבען וואסער". דיא פעלקער, וואָס האָבען זיך בעזעצט ארום דיא וואסערען פון דעם טהאָל, וועלכער טראָגט יעצט דעם נאָמען „דער טהאָל פון מעקסיקאָ" זיינען אלע געוועזען נאהואס, ד. ה. האָבען געהערט צו דער נאהואטל־ראסע, דיא הערשענדע און וואהרשיינליך אויך דיא ציוויליזירטעסטע אין מעקסיקאָ. פון דיזען טהאָל, וועלכער איז ארומגערינגעלט מיט הויכע אייז־בעדעקטע בערג, האָבען זיך דיא פערשידענע שטאַמען פון דיזער ראסע צושפּרייט ווייטער ביז צו דיא הייסע לענדער ביי דיא ברעגעס פון אטלאנטישען און גרויסען אָקעאנען.

דיא אצטעקען, דיא לעצטע הערשער איבער אנאהואק און דיא לענדער ארום, האָבען אויפגעבויט זייער הויפּטשטאדט לעבען דיא ברעגעס פון דער גרעסטער אָזערע. דיזע הויפּטשטאדט האָט געטראָגען דעם נאָמען טענאָקטשיטלאן, נאָר אזוי וויא מען האָט איהר אויך גערופען מעקסיקאָ, צו עהרע פון דעם מלחמה־גאָט מעקסיטלי, האָבען דיא שפּאניער אויסגעקליבען דעם לייכטערען נאָמען, וועלכער איז פעבליעבען. דיא שפּאניער האָבען דארום אויך גערופען דיא אצטעקען מעקסיקאנער, און דער לעצטער נאָמען האָט זיך מיט דער צייט פערשפּרייטעט איבער אלע פעלקער פון אנאהואק און אפילו איבער דיא איינוואָהנער פון אלע פּראָווינצען אין דער אצטעק־אימפּעריע.

מען וויים ניט גענוי, ווען די אצטעקען האָבען זיך ארייינגערי־

סען אין אנאהואק. דיא גאנצע געשיכטע פון דער נאהואטל־ראסע איז בעדעקט מיט א דונקעלען שלייער, ווייל דיא שפאניער האָבען צושטערט דיא מאָנומענטען און שריפטען פון מעקסיקאָ און ווייל מען קען נאָך ניט לעזען דיא געבליעבענע הירעאָגליפען, וויא דאָס איז שוין ערקלערט געוואָרען אין פאָריגע קאפּיטלעך.

וויא ווייט מען איז ביז יעצט דערגאנגען נאָך פיעלע גרינדליכע נאָכפאָרשונגען, איז אנאהואק בעזעצט געוואָרען אין זעקסטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט־רעכנונג פון דיא דערמאָהנטע טאָלטעקען. מען רעכענט, אז זיי זיינען געקומען פון נאָרד, נאָר פון וועלכער געגענד, ווייס מען ניט. מען ווייס, אז זיי זיינען געוועזען בויערס פון גרויסע טעמפּלען און האָבען געלעגט דעם פונדאמענט פון ציוויליזאציאָן אין אנאהואק; נאָר אזוי וויא זייערע מאָנומענטען זיינען צושטערט געוואָרען, זאָ קען מען נאָר זאָגען וועגען זיי אזוי פיעל, וויא פיעל דיא לעגענדען און שריפטען פון דיא אצטעקען דערצעהלען. נאָך דיזע לעגענדען האָבען דיא טאָלטעקען געגרינדעט זייער הויפּטשטאדט טולא אין דעם נאָרדליכען טהייל פון מעקסיקאנער טהאָל. דאָרט האָבען זיי אויפגעבויט ריעזיגע טעמפּלען, פון וועלכע עס זיינען נאָך פערבליעבען חורבות אין דער צייט פון קאָרטעז. (איינינע פון דיזע חורבות זיינען בעשריבען געוועזען אין פינפטען קאפּיטעל). דיא טאָלטעקען זיינען געוועזען גוטע אקערבויער און האָבען זיך אויסגעצייכענט אין מעכאנישע ארבייט. זיי זיינען אויך געוועזען, רעכענט מען, דיא ערפינדער פון דער צייט־רעכנונג, וועלכע דיא אצטעקען האָבען אָנגענומען און וואהרשיינליך אויסגעבעסערט, וויא מיר וועלען עס שפּעטער זעהען.

אונגעפעהר 400 יאהר האָבען דיא טאָלטעקען געהערשט אין אנאהואק, וואוהין אנדערע נאהואטל־שטאממען פלעגען זיך פון צייט צו צייט אריינרייסען. דיא טאָלטעקען האָבען געהאט צו פיהרען לאנגע מלחמות מיט דיזע שטאממען און האָבען דערפון זעהר פיעל געליטען. וואָס עס איז מיט זיי געוואָרען, קען מען נאָך ניט דערגעהן. מען ווייס נאָר אויף זיכער, אז זייער פּלאץ איז פערנומען

געוואָרען פון דיא גרויזאמע און ווילדע טשיטשימעקען. דיא טאָל־טעקען זיינען פערשוואונדען אזוי געהיימניספאָל, וויא זיי זיינען געקומען. א טהייל פון זיי איז וואהרשיינליך פערבליבען און האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט דיא זיגערם און א טהייל האָט אויס־געוואנדערט צום זידען, וואו זיי האָבען איבערגעלאָזען א'ן אנדענ־קען אין דיא חורבות וואָס זיינען צושפרייט איבער פיעלע געגענדען פון צענטראל־אמעריקא.

נאָר דיא טשטשימעקען האָבען ניט לאנג געהערשט. זיי זיינען בעזיעגט געוואָרען פון עטליכע נאהואטל־שטאמען, וועלכע האָבען זיך פערבונדען, נעמליך: דיא אצטעקען, אלקאָהואס און טעפא־נעקען, און וועלכע זיינען פערבליבען ביז דיא שפאניער זיינען געקומען. זיי זיינען אלע געווען מעהר ציוויליזירט, וויא דיא טשי־טשימעקען. דיא אלקאָהואס, וועלכע זיינען אויך בעקאנט אונטער דעם נאָמען טעצקוקער, ווייל זייער הויפשטאדט האָט געהייסען טעצקוקאָ, זיינען געווען דיא פאָרטגעשריטענסטע אין קולטור. אין דער צייט, ווען דיא שפאניער האָבען זיך בעוויעזען, איז טעצקוקאָ געווען דיא געבילדעסטע שטאדט אין אנאהואק. זיא האָט געהאט דיא בעסטע שרייבערם און האָט מעהר געשעצט בילדונג וויא טע־נאָקטשיטלאן, דיא הויפשטאָדט פון דיא אצטעקען.

ביידע הויפטשטעדט זיינען געלעגען אויף דיא ברעגעס פון דער אָזערע טעצקוקאָ, דיא גרעסטע אין מעקסיקאנער טהאָל, און זיינען געווען געדיכט בעפעלקערט. זיי האָבען שטאָלצירט מיט זייערע פאלאצען, טעמפלען, קינסטליכע גערטנער, ביבליאָטהעקען און האנדווערקער. דיא פעלדער ארום זיינען געווען גוט בעאר־בייט, און דיא אָזערעס זיינען בעדעקט געווען מיט שיפלעך און שווימענדע גערטנער.

אָנפאנגס האָבען דיא טעצקוקער געשפיעלט דיא ערשטע ראָלע. זיי האָבען פערשפרייטעט זייער מלוכה איבער ווייטע געגענדען, נאָר ביסלעכווייז האָבען דיא אצטעקען געקראָגען דיא אויבערהאנד, ווייל זיי זיינען געווען קריגערישער. נאָך דיא לעגענדען פון דיא אצטעקען, איז זייער הויפטשטאדט געגרינדעט געוואָרען אין אָנ־

פאַנג פון 14טען יאהר־הונדערט, אלזאָ סך הכל מיט 200 יאהר פאר די צושטערענדע אטאקע פון די שפאניער. נאָך לאנגע וואנדערונגען האָבען זיי זיך בעזעצט אויף עטליכע אינזלען אין א זומפּיגען אָרט, וואו עס איז מיט דער צייט אויסגעוואקסען זייער ריעזיגע שטאדט, וועלכע איז געווען דורכגעשניטען מיט פיעלע קאנאלען און מיט לאנגע שאָסעען פון אָנגעשאָטענע ערד איבער דער אָזערע לעבען די ברעגעס. די שטאָדט איז געווען אזוי סטראטעגיש געבויט, אז מען האָט איהר געקענט אָבשניידען פון די ברעגעס דורך פאנאנדערנעהמען אָדער אויפהויבען די פילע בריקען איבער די קאנאלען. אין דיזער בעציהונג האָט זיא געהאט א גרויסע עהנליכקייט צו ווענעדיג אין איטאליען, וועלכע איז אויך געגרינדעט געוואָרען אויף אינזלען אין א זומפּיגען אָרט און איז בעריהמט מיט איהרע קאנאלען.

די אצטעקען האָבען אויסגעקליבען די אינזלען וועגען זיכערהייט. זיי האָבען אבער געמוזט ביטער קעמפּפען מיט דער נאטור צו קענען זיך ערנעהרען. אום צו האָבען מעהר לאנד פיר פערזיהונגען, האָבען זיי איינגעפיהרט די שווימענדע גערטנער איבער דער אָזערע, וועלכע האָבען ערשטוינט די שפאניער, ווען זיי זיינען אריין אין דער מעקסיקאנער הויפּטשטאדט. דיזער קאמפּף פיר עקזיסטענץ האָט זיי פּאַרהאַרטעוועט און געמאכט קריגעריש. וויא נאָר זיי זיינען גרעסער געוואָרען אין צאָהל, האָבען זיי אָנגעפאנגען צו אטאקירען די שטאמען, וועלכע האָבען געלעבט אויף בעסערע ערטער אין אנאהואק. זיי האָבען ביסלעכווייז בעזיעגט עטליכע שטאמען, פערכאפּט זייערע לענדער און געקראָגען א נאָמען אלס מוטהיגע, אבער גרויזאמע קריעגערס. זיי זיינען אזוי ביסלעכווייז געוואָרען א שרעק פאר אלע ארומיגע פעלקער. וויא גרויזאם זיי זיינען געווען, וועלען מיר זעהען, ווען מיר וועלען בעשרייבען זייער בלוטיגע רעליגיאָן.

ארום דער צייט, ווען די אצטעקען האָבען אָנגעפאנגען ארויסצוצייגען זייער קריגערישע מאכט, האָט עס געטראָפען, אז די טעפּאנעקען זיינען בעפאלען די טעצקוקער און האָבען זיי בע־

זיעגט. דיא לעצטע האָבען גערופען צו הילפע דיא אצטעקען, און ביידע צוזאמען האָבען נאָך צוויי גרויסע שלאכטען פעריאָגט דיא טרעפּאנעקען. דיא אצטעקען האָבען דאן פערכאפּט דיא לענדער פון דיא בעזיעגטע און זיינען געוואָרען א וויכטיגע מאכט. אום זיך צו בעשיצען געגען אנדערע שטאמען און נייע אטאקעס, האָבען דיא טעצקוקער געשלאָסען א בונד מיט דיא אצטעקען און מיט דיא איינוואָהנער פון דער קליינער מלוכה טלאקאָפּאן. דיזער פערבאנד האָט אָנגעהאלטען ביז דעם אָנקומען פון דיא שפּאניער. דיא דריי מלוכות פון אנאהואק האָבען זיך פערפּפליכטעט צו שטיצען איינע דיא אנדערע אין מלחמות. נאָר דיא פערטהיילונג פון דיא געווינ־סען דורך זייערע מלחמות איז ניט געווען א גלייכע. דיא מלוכה טלאקאָפּאן האָט נאָר געקענט בעקומען א פינפטעל טהייל, דאָס איבעריגע איז פערטהיילט געוואָרען צווישען דיא שטארקערע פער־בונדענע וואהרשיינליך אין גלייכע חלקים. נאָר אזוי וויא דיא אצטעקען האָבען געהאט א בעסערע און שטארקערע מיליטערישע אָרגאניזאציאָן און זיינען אויך געווען קריגערישער, וויא דיא טעצקוקער, האָבען זיי געקראָגען ביסלעכווייז דיא הויפּט־מאכט און האָבען בעהערשט אלע אנדערע פעלקער ניט נאָר אין אנאהואק, זאָנדערן אויך איבער גרויסע לענדער ארום און ארום. דיזער דריי־בונד איז מערקווירדיג טריי אָנגעהאלטען געוואָרען וויינינגסטענס 100 יאהר. דיא אצטעקען האָבען יעדען יאהר בעזיעגט נייע פעל־קער, אבער זייערע שותפים האָבען זיי געלאָזט צו רוה. דיא הויפּט־שטאדט פון דיא אצטעקען האָט באלד איבערגעיאָגט אין גרויסקייט איהר אלטע און שטאָלצע געגנערין טעצקוקאָ און איז מערקווירדיג שנעל געוואקסען אין דער צאָהל פון מענשען און אין רייכטהום. זיא איז דאן געווען פיעל גרעסער און בעפעלקערטער וויא היינט צו טאָג, ווען זיא צעהלט איבער 350 טויזענד נפשות.

אין דער צייט פון קאָלומבוס'עס רייזע האָט דיא אימפּעריע פון דיא אצטעקען דערגרייכט איהר העכסטע שטופע. מיט דער אויסנאהמע פון דער קליינער און זעהר זאָנדערבארער רעפּובליק טלאסקאלא, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיט טעצקוקאָ און איז

געוועזן בעפעלקערט פון דעם זעלבען נאהואטל־שטאם, צו וועלכען דיא אצטעקען האבען געהערט, האבען דיא קעניגע פון מעקסיקא בעהערשט אלע פעלקער, וועלכע האבען געלעבט אין דיא פראווינ־צען, פון וועלכע דיא איצטיגע מעקסיקאנער רעפובליק בעשטעהט. וויא עס איז שוין אין אנאנדער ארט בעמערקט געווען, איז דיא אצטעק־אימפעריע געוועזן פיער מאל אזוי גרויס וויא שפאניען. דיא הערשער פון דיזער אימפעריע, וועלכע זיינען געוועזן גוטע מלחמה־פיהרערס, האבען ארויפגעיאגט א שרעק אויף אלעמען. זיי זיינען ניט געוועזן אזעלכע דעספאטען, וויא דיא הערשער פון דיא אזיא־טישע אימפעריעס, דען דיא אריסטאקראטיע האט אויך געהאט א דעה אין דער רעגירונג און דיא קעניגע פלעגען אויסגעוועהלט ווערען, נאר מען האט זיי דאך בלינד געפאלגט, בעזאנדערס אין צייט פון קריעג.

דיא טלאסקאלאנער זיינען געוועזן דיא איינציגע, וועלכע האבען געוואגט צו קעמפפען געגען דיא זיעגרייכע אצטעקען. זיי זיינען געוועזן קליין אין צאהל, ארעמע אקערבויער, אבער זעלטען מוטהיג און קריגעריש. זיי האבען זיך בעזעצט אין א געבירגיגע לאנד, וועלכע זיי האבען נאך בעפעסטיגט אין פיעלע פונקטען און אין דעם שוואכסטען ארט ארומגערינגעלט מיט א וואנט. דיא אצטעק־קען האבען פיעלע מאל פרובירט זיי איינצונעהמען, אבער דאס איז זיי ניט געלונגען. ביידע פעלקער זיינען געוועזן כמעט אין שטענ־דיגע מלחמה און האבען זיך געהאסט ביז'ן טויט. ניט קענענדיג בייקומען זייערע ביטערסטע פיינד אין א'ן אפענע שלאכט, האבען דיא אצטעקען זיי אבגעזונדערט פון דער אויסערער וועלט. דיא מוטהיגע רעפובליקאנער פון טלאסקאלא זיינען געצוואונגען געוועזן צו לעבען בוכשטעבליך פון דיא פראדוקטען פון זייער אייגענע ארבייט. אזוי וויא זייערע פעלדער זיינען געוועזן פרוכטבארע און זייערע בעדירפניסע גאנץ קליינע, האבען זיי וועניג געליטען דער־פון, וואס זיי האבען ניט געקענט האנדלען מיט פרעמדע. נאר איין זאך האט זיי פערשאפט פיעל אונאנגענעהמליכקייטען, נעמליך: דער מאנגעל אין קאך־זאלץ. דיזען פראדוקט האבען זיי ניט געקענט

קריגען אין זייער לאנד, און דיא אצטעקען האָבען צו זיי ניט צו־געלאָזען זאלץ־הענדלער. דיא אָרימע אקערבויער האָבען זיך געמוזט צוגעוואָהנען צו בעגעהן זיך אָהן זאלץ, און יאָהרענלאנג האָבען זיי אזוי געלעבט גאָר ניט דענקענדיג וועגען אונטערגעבען זיך.

אין זייער שפּראך, רעליגיאָן און מנהגים האָבען זיי זיך ווענינ אונטערשיידעט פון זייערע בלוטיגע געגנער, נאָר זיי זיינען מערק־ווירדיג צוגעבונדען געוועזן צו זייער לאנד און פרייהייט. זייער אונ־אבהענגיגקייט האָבען זיי בעשיצט מיט זעלטענעם מוטה און גרויסע אָפּפער. אין אלגעמיינען איז דיזע רעפּובליק געוועזן א מערקווירדיגע ערשיינונג אין דער נייער וועלט. ביז יעצט ווייס מען נאָך ניט, אויב א׳ן אנדער רעפּובליק האָט ווען עקזיסטירט אין מעקסיקאָ אָדער אין אירגענד אן אנדער טהייל פון אמעריקא פאר דעם אָנקומען פון דיא אויראָפּעער.

נאָר אין דער ווירקליכקייט איז דיא אצטעק־אימפּעריע גאָר ניט געוועזן אזוי מעכטיג, וויא עס האָט געשיינט פון ערשטען בליק. קאָרטעז האָט עס באלד איינגעזעהען, ווען ער איז צוגעקומען צו דיא ברעגעס פון מעקסיקאָ. דיא מאכט פון דיא אצטעקען האָט זיך געהאלטען אויף דעם שרעק, וואָס זיי האָבען ארויפגעיאָגט און איינגעפלאנצט דורך זייערע גרויזאמקייטען און בעזאָנדערס דורך דיא מענשליכע אָפּפער, וואָס זיי האָבען געפאָדערט פאר זייערע אבגעטער. מאָנטעזומא, דער לעצטער הערשער פון דיא אצטעקען, האָט זיך געווים געפיהלט אלמעכטיג. זיין וואָרט איז גענוג געוועזן אויסצושלאכטען גאנצע פעלקער, חרוב צו מאכען גאנצע געגענדען. פון איין ברעג אָקעאן ביז דעם אנדערען האָבען אלע געציטערט פאר איהם, אָבער אויסער דיא אצטעקען זעלבסט וואָלטען אלע פעלקער ארויסגעטראָטען אין א בלוטיגען קאמפּף געגען איהם, ווען זיי וואָלטען נאָר געהאט דיא קלענסטע מעגליכקייט דערצו. יעדער שטאם בעזונדער האָט זיך געפיהלט צו־שוואך געגען מאָנטעזומא׳ס ארמעען און האָט מיט ציטערנים אריבערגעטראָגען דעם בלוטיגען יאָך. מיט דער צייט וואָלטען זיך דיא אונטערדריקטע וואהרשיינ־

ליך פערבונדען געגען דעם געמיינשאפטליכען שונא, וועלכער האָט זיי בעלאסטעט מיט שווערע שטייערן און דערצו נאָך יעדען יאהר פערלאנגט א בעשטימטע צאָהל מענשליכע קרבנות. פערצווייפלונג וואָלט זיי געטריעבען צו מאכען יד אחת, אום צו שטירצען דיא שרעקליכע אימפעריע.

אבער דיא שפאניער האָבען זיי פערשפּאָרט דיזע ארבייט. ווען קאָרטעץ האָט בעטראכט, וויא דיא פעלקער לעבען דיא ברעגעס פון אטלאנטישען אָקעאן קוקען אויף דיא אצטעקען און זייער הערשער מאָנטעזומא, און ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דער רעפובליק טלאסקאלא, האָט ער גלייך בעשלאָסען צו בענוצען זיך דערמיט און צו קומען אין פערבינדונג מיט דיא שונאים פון דיא אצטעקען. דאָס איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער, אבער שליסליך האָט ער טאקי מיט דער הילפע פון דיא טלאסקאלאנער און אנדערע שטאמען וועלכע זיינען שפעטער צו איהם צוגעשטאנען, צושטערט דיא אצטעקער מלוכה און חרוב געמאכט איהר ריזיגע הויפטשטאדט. וויא מוטהיג דיא שפאנישע שווערד־העלדען וואָלטען ניט געווען, וויא פיעל זייערע שווערדען, ביקסען, קאנאָנען און פערד האָבען זיי ניט געהאָלפען אין דיא שלאכטען מיט דיא אצטעקען, וועלכע האָבען געברויכט שטיינערנע געוועהר און פייל־און־בויגענס, וואָלט דאָך קאָרטעץ מיט זיין הייפעלע סאָלדאטען ניט געקענט בייקומען דיא מחנות פון דיא אצטעקען אָהן דיא הילפע פון דיא שטאמען, וועלכע האָבען נאָר געוואַרט אויף א געלעגענהייט אראָפּצושליי־דערן פון זיך דעם פערהאסטען יאָך פון זייערע גרויזאמע אונטער־דריקער.

נאָך א׳ן אומשטאנד האָט זעהר פיעל געהאָלפען דיא שפאניער אין מעקסיקא. דאָס איז געווען דיא קראפט פון אבערגלויבען. א מערקווירדיגע לעגענדע איז געווען איינגעוואָרצעלט ביי דיא אצטעקען און אויך ביי פיעלע אנדערע פעלקער אין צענטראל־אמעריקא, ספּעציעל דיא יעניגע, וועלכע האָבען געגלויבט אין דעם „ערלייזער“ קוועצאלקאָאטל. דער עיקר פון דיזער לעגענדע איז געווען, אז קוועצאלקאָאטל האָט ארויסגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן

פון דיא אנדערע געטער צוליעב אורזאכען, וואָס דיא מעקסיקאנער האָבען ניט ערקלערט, און אז ער איז געצוואונגען געוועזען צו פערלאָזען דאָס לאנד. אויפ'ן וועג צום אטלאנטישען אָקעאן האָט ער זיך אפּגעשטעלט אין טשאָלולא, וואו עס איז געוועזען אויפגעבויט א ריזיגער און טהייערער טעמפּעל צו זיין עהרע (דיא חורבות פון דיזען טעמפּעל זיינען נאָך ביז יעצט דיא אינטערעסאנטעסטע אין מעקסיקאָ). ווען ער איז צוגעקומען צום ים, האָט ער זיך געזעגענט מיט זיינע טרייע נאכפאָלגער, נאָר ער האָט פערשפּראָכען, אז ער וועט אמאָל צוריקקומען מיט זיינע קינדער. ער וועט זיך דאַן בעווייזען אין זיין כישוף־קלייד פון שלאנגען־פעל. נאָך דיזען פערשפּרעכען איז ער אוועקגעשוואומען צו דער פאבעלהאפטער לאנד טלאפאלאן.

דיא מעקסיקאנער האָבען שטארק געגלויבט, אז קוועצאלקאָאטל וועט האלטען וואָרט און וועט קומען איבערנעהמען זיין מלוכה און אלעמען ערלייזען. מערקווירדיג איז אויך, אז זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט דיזען גוטען גאָט אין דער פאָרמע פון א הויכען מאן מיט ווייסע הויט, מיט לאנגע שווארצע האָאָר און מיט א לאנגע באָרד (וויא בעוואוסט האָבען דיא אינדיאנער אָדער גאָר קיין בערד ניט אָדער עטליכע האָאָר אויף זייער מאָרדע. דיא אינדיאנער־ראסע איז, קען מען זאָגען, א באָרדלאָזע וויא דיא מאָנגאָלער ראסע). נאָך דיזע פאָרשטעלונגען האָט דיזער גאָט קיין עהנליכקייט ניט געהאט צו דער אינדיאנער פיזיאָנאָמיע. וויא אזוי דיא פעלקער פון אנאהואק זיינען געקומען צו אזעלכע פאָרשטעלונגען, קען מען עס נאָר ערקלערען, ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט אנדערע מערקווירדיגע לעגענדען וועגען קוועצאלקאָאטל, נעמליך דיא יעניגע, וועלכע ערקלערען איהם פאר א זונענגאָט, וואָס איז געבאָרען געוואָרן פון דער בתולה מאָרגענרעטהע. אלס אזעלכער האָט ער נאטירליך בעדארפט האָבען א שיינענדען אויסזעהען.

ווען דיא שפּאניער זיינען געקומען און האָבען בעוויזען אזעלכע גבורות, וועלכע די איינגעבאָרענע האָבען בעטראכטעט אלס גאָט'ס

וואונדער, איז דער אלטער אבערגלויבען וועגען קוועצאלקאאטל'ס קינדער אויפגעלעבט געוואָרען. מען האָט ערקלערט, אז אזוי וויא דיא וואונדערבארע פרעמדע זיינען ווייסע און זיינען אויך געקומען פון מזרח, וואו קוועצאלקאאטל געפינט זיך (דאָס לאנד פון זונענאויפגאנג), איז עס ניט אנדערס, אז דיא אלטע נבואה איז מקוים געוואָרען, און דיא שפאניער זיינען געקומען צוריקנעהמען דיא מלוכה פון זייער געטליכען פאטער. מען האָט אויך אָנגעפאנגען צו דערצעהלען, אז נעזאהואלפילי, א בעריהמטער קעניג פון טעצקוקאָ, האָט פאר'ן טויט פאָראויסגעזאָגט, דאָס „עס איז געקומען דיא צייט, ווען דיא זיהן פון קוועצאלקאאטל וועלען זיך צוריקקעהרען פון מזרח און וועלען פערנעהמען דאָס לאנד". עס איז זעהר מעגליך, אז דיא לעצטע לעגענדע איז שוין פערפאסט געוואָרען נאָכדעם, וויא דיא שפאניער האָבען צושטערט דיא אצטעקאימפעריע; נאָר יעדענפאלס איז עס זיכער, אז דיא אבערגלויבענס וועגען קוועצאלקאאטל האָבען געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף דיא זאָנדערבארע האלטונג פון דעם הערשער מאָנטעזומא אין זיין פערקעהר מיט דיא שפאניער. דיזער קעניג, וועמעס נאָמען האָט געמאכט אלעמען ציטערען, איז גלייך א צוציטערטער געוואָרען, וויא נאָר ער האָט געקראָגען בעריכטען וועגען דיא ווייסע פרעמדע מיט זייערע וואונדערבארע פערד (וויא בעוואוסט, זיינען קיינע פערד געוועזען אין אמעריקא ביז דעם אָנקומען פון אייראָפּעער) און שום־געוועהר.

ער איז געוועזען ערצויגען אלס פריעסטער איידער מען האָט איהם אויסגעקליבען פאר א קעניג, און ער איז געוועזען זעהר אבערגלויביש. ער האָט גלייך גענומען גלויבען, אז דיא פרעמדע זיינען קוועצאלקאאטל'ס קינדער און אז עס איז אומזיסט זיך צו וועהרען געגען זיי. ער האָט דארום נאָר געזוכט אויסצופיהרען, אז זיי זאָלען ניט אריינקומען אין זיין הויפּט־שטאָדט. פערשיעדענע דריידלעך האָט ער געברויכט אָפּצוריידען אָדער אָפּצושרעקען קאָרטעז'ן פון מארשירען נאָך דער הויפּט־שטאָדט. נאָר, ווען ער האָט דערזעהען, אז דאָס העלפט ניט, האָט ער א מאָך געטהאָן מיט דער האנד און

זיך איבערגעגעבען צו זיין שיקזאל. ער האָט אויך געהאָפט, אז מיט גוטען וועט ער זיך בעסער העלפען געגען דיא שרעקליכע שווערד־העלדען וויא מיט שלאכטען. דארום האָט ער ניט בעזעצט דיא דורכגעגנגע אין דיא בערג, וואו פון דיא הייפעלע שפאניער וואָלט זיכער ניט געבליעבען אפילו איינער צו דערצעהלען וועגען זייער שרעקליכען סוף אלס קרבנות פאר דיא מעקסיקאנער אָבגעטער, און האָט ערלויבט קאָרטעז'ן אריינצוקומען אין דער הויפּטשטאָדט.

אין דער צייט האָט שוין קאָרטעז געשלאָסען א בונד מיט דיא טלאסקאלאנער, וועלכע האָבען אזוי פיעל געהאָלפען צו פערניכטען דיא אצטעק־אימפּעריע. עטליכע טויזענד טלאסקאלאנער האָבען בעגלייטעט דיא שפאניער און זיינען אויך אריינגעלאָזען געוואָרען אין דער מעקסיקאנער הויפּטשטאדט. אליין וואָלטען זיי ניט געוואגט זיך צו בעווייזען צווישען דיא אצטעקען. מען וואָלט פון זיי גלייך געמאכט א תל. דיא יעניגע פון זיי, וואָס וואָלטען געפאנגען געוואָרען, וואָלט מען גלייך מקריב געווען פאר דיא געטער. נאָר דיא פורכט פאר דיא שפאניער איז געווען אזוי גרויס, אז דיא אצטעקען האָבען געמוזט געדולדיג צוקוקען, וויא דיא פערהאסטע טלאסקאלאנער, זייערע ביטערסטע שונאים, האָבען לוסטיג און מיט נצחון מארשירט נאָך דיא שפאניער ביז צו דעם פאלאץ, וואָס מאָנטעזומא האָט אָבגעגעבען פאר דיא אונגעבעטענע געסט.

צוליעב דעם זעלבען אבערגלויבען האָט מאָנטעזומא באלד אויך נאָכגעגעבען מיט טרעהרען אין דיא אויגען צו אנערקענען דעם קעניג פון דיא ווייסע אין מזרח, דעם שפאנישען קעניג, אלס זיין אויבערהערר. מען זאָגט, אז אפילו דיא שפאנישע שווערד־העלדען און קאָרטעז זעלבסט, וויא פאנאטיש און גרויזאם זיי זיינען ניט געווען, האָבען ניט געקענט צוקוקען מיט טרוקענע אויגען דיא טרויעריגע צערעמאָניע, וויא דער אבערגלויבישער און שרעקליכער הערשער פון דיא אצטעקען האָט זיך אונטערגעגעבען צו דיא „קינדער פון קוועצאלקאָאטל". אלע אצטעקען האָבען אין דעם געזעהען גאָט'ס האנד און האָבען דארום געדולדיג פערטראָגען דיזע ערניעדריגונג, וויא זייער לאנד ווערט אונטערטהעניג צו א'ן אונ־

בעקאנטען הערשער, וואָס איז בלויז פּערטראַטען געווען פון א הייפעלע מענשען, וועלכע דיא אצטעקען וואָלטען געקענט לייכט אומברענגען אין איין נאכט, ווען זיי וואָלטען זיך נאָר ריכטיג גענומען דערצו. מען האָט אויך דאן דערצעהלט א לעגענדע, אז מיט מאָנטעזומא מוז זיך ענדיגען דיא קעניגליכע פאמיליע פון דיא אצטעקען, ווייל דיזער נאָמען בעדייטעט „טרויעריג" אָדער „בייזער הערשער", און דאָס איז אָנגענומען געוואָרען פאר א צייכען פון א בייזען מזל.

מאָנטעזומא איז טאקי געווען א בייזער און בלוטיגער הערשער, נאָר אין דיא הענד פון דיא שפּאניער האָט ער פערלאָרען זיין מוטה און קאָפּ און איז געוואָרען שוואך וויא א לעמעלע — אלץ צוליעב דעם אבערגלויבען וועגען קוועצאלקאָאטל, מיט וועלכען קאָרטעז האָט זיך זעהר געשיקט בענוצט, אום אלע זאָלען מיינען, אז דיא שפּאניער זיינען אונבעזיעגבארע און געטליכע מענשען.

אַכטער קאַפּיטעל

דיא אצטעקען און זייער מענשענפרעסענדע רעליגיאָן.

לאָמיר יעצט ווארפען א'ן אלגעמיינעם בליק אויף דיא פיהרונ־גען און רעליגיאָן פון דיא אצטעקען.

וויא פיעל מען ווייס פון אלטע לענדער און פעלקער, איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען אזא בלוטיגע רעליגיאָן, וויא ביי דיא שטאמען פון דיא נאהוּאטל־ראסע. מענשליכע אָפּפער זיינען געבראכט געוואָרען צו געטער אין אלע לענדער אויף א געוויסער שטופע פון קולטור. מענשליכע בלוט איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען אָפּפער צו דיא געטער. פון דער ביבעל ווייסען מיר, אז דיא אידען האָבען דאָס זעלבע געטהאָן וואָס אלע פעלקער ארום זיי, און האָבען אויך געאָפּפערט זייערע קינדער צו בעל און אנדערע אבגעטער. נאָר אין ערגעץ איז דיזער שרעקליכער געצענדיענסט ניט געווען אזוי גרויס און אזוי גרויזאם וויא ביי דיא פעלקער פון אנאהואק און צענטראל־אמעריקא און בעזאָנדערס ביי דיא אצטעקען, וועלכע האָבען שטענדיג געהאט מאסען קריעגס־געפאנגענע פאר קרבנות.

דאָס איז נאָך דערמיט מערקווירדיג, וואָס אין אנדערע הינזיכ־טען זיינען דיזע פעלקער געשטאנען אויף א גאנץ הויכער קולטור־שטופע. מיר האָבען שוין געזעהען, וואָס פאר א טהייערע זאכען זיי האָבען געברויכט, וויא ווייט זיי האָבען געמאכט פאָרטשריטע אין מעכאנישע ארבייט, וויא פיעל קונסטווערק זיי האָבען געשאפען. מיר האָבען אויך געזעהן, אז זיי האָבען ענטוויקעלט דיא שרייב־קונסט ביז היראָגליפען. זייערע מלוכות זיינען אין אלגעמיין ניט געשטאנען ניעדריגער וויא פיעלע פערציייטיגע מלוכות אין דער אלטער וועלט. ווען זיי וואָלטען דערגאנגען צו דער קונסט פון שמעלצען און שמידען אייזען, וואָלטען זיי געוויס געמאכט נאָך גרעסערע פאָרטשריטע. פיעלע זאכען האָבען אפילו דיא שפאניער

און אנדערע אויראָפּעער פון 16טען יאהרהונדערט געמענט ביי זיי לערנען.

וואָס אנבעלאַנגט צו דיא אצטעקען, האָבען זיי איינגעפיהרט א גרויסען שטאאט, האָבען בעהעררשט פיעלע פעלקער, האָבען ענט־וויקעלט דיא בילדער־שריפטען ביז צו א זעהר הויכע קונסט, האָבען געמאכט קונציגע זאכען פון פעדערן, גאָלד, זילבער א. ז. וו. זיי זיינען געווען גוטע אקערבויער, גערטנערס און האנדווערקער. אלס קויפלייטע האָבען זיי זיך אויך אויסגעצייכענט. זיי האָבען געהאט ספּעציעלע קאָמפּאניעס פון קויפלייטע, וועלכע האָבען געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין שטאאט. דיזע קאָמפּאניעס פלעגען דורכרייזען פון איין עק לאנד ביז דעם אנדערען, פלעגען ברענגען דיא סחורות פון דיא טראָפּישע געגענדען לעבען דיא ברעגעס פון דיא אָקעאַנען אין דיא קאלטע געגענדען אויף דיא בערג, און פערקעהרט.

דיא אצטעקען האָבען אויך אויסגעארבייט א קאלענדאר, וואָס פערדיענט בעזאָנדערע בעמערקונג און וואָס איז געווען פיעל גענויער און ריכטיגער וויא ביי דיא אלטע קולטור־פעלקער פון אזיען און אפריקא. דערביי האָבען זיי ארויסגעצייגט מערקווירדיגע קענט־ניסע אין אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק. וויא עס איז שוין אויבען בעמערקט געווען, האָבען דיא אצטעקען איבערגענומען זייער קאלענ־דער ביי זייערע פאָרגענגער, דיא טאָלטעקען, אָבער זיי האָבען איהם פיעל אויסגעבעסערט.

אלע פעלקער וואָס האָבען געלעבט אויף הויכע לענדער, וואו דער הימעל איז געוועהנליך קלאָר און דיא שטערען שיינען מיט מעהר גלאנץ, האָבען בעסער און שנעלער געקענט לערנען דיא בעוועגונגען פון הימלישע קערפּערס. אזעלכע פעלקער זיינען געווען דיא ערשטע אסטראָנאָמען. אויך זיינען זיי געוועהנליך געווען דיא פערעהרער פון דער זון. ביי זיי איז צוערשט איינגעפיהרט געוואָרען דער זונען־קולט מיט אלע זיינע צערעמאָניעס און מיט דיא פּאָעטישע שילדערונגען וועגען דיא שיינבארע בעוועגונגען פון דיזען קוואל פון ליכט, וואַרימקייט און אָרגאנישען לעבען אויף דער ערד; שילדערונגען, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער ענטשטאנען שעהנע

לעגענדען וועגען זונען־געטער, וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען פון בתולות, וואָס האָבען געליטען פאר דיא מענשען, זיינען געקרייציגט געוואָרען אין הימעל און האָבען נאכהער ווידער אויפגעלעבט, אום צו ברייגגען לעבען אויף דער ערד און צו ערלייזען דיא מענשהייט. דיא ערקוויקענדע ארבייט פון דער זון האָט מען בעטראכטעט אלס איהר אויפאָפפערונג פאר דיא מענשהייט. דיא נאכט און דיא וואָלקענס מיט דיא שטורמען האָט מען בעטראכטעט אלס דיא טויט־פיינדע פון דער זון, אום ביי איהר אוועקצורויבען איהר גלאנץ און פראכט, און פאָלגליך אויך אלס בייזע געטער פאר מענ־שען, אלס בייזע גייסטער. עקליפסען (ליקוי חמה) זיינען צוליעב דעם אויך בעטראכטעט געווען אלס שרעקליכע ערשיינונגען, אלס צער־שטערענדע געטער. מען האָט מורא געהאַט, אז דיא זון, דיא ערלייזערין, וועט פאלען אין דעם קאמפף מיט איהרע שונאים און דיא וועלט וועט דארום אונטערגעהען. אום איהר צו העלפען, פלעגען דיא זונען־פערעהרער ארויסגעהען מיט פויקען און גרילצענדע אינסטרומענטען און מאכען א געוואלדיגען ליארם, אזוי וויא מען טהוט נאָך יעצט אין כינא, גלויבענדיג, אז דערמיט וועלען זיי אפשרעקען דעם בייזען גאָט, וואָס וויל פערפינסטערען דיא זונן; און ווען זיא פלעגט ווידער ארויס אין איהר פולען גלאנץ נאָך דיזען איינגעבילדעטען קאמפף, פלעגען דיא מענשען טאנצען און שפרינגען פון פריידע. ער איז דאן געווען א גרויסער יום טוב. נאָך ביז יעצט זיינען פערבליעבען סמנים פון דיזע אבערגלויבענס און איינבילדונגען וועגען ליקוי חמה זאָגאר פון אייראָפּא.

דיא גרעסטע פעסטליכקייטען זיינען פערבונדען געווען מיט דיא שיינבארע בעוועגונגען פון דער זון ארום דער ערד. איהר אויפשטייגען איז בעגריסט געוואָרן מיט פריידע, איהר אונטערגעהן איז בעוויינט געוואָרען. דיא פריהלינגס־זון איז געפייערט געוואָרען אלס דער גרעסטער יום טוב. דיא צייט פון מיטען ווינטער, ווען דיא טעג זיינען דיא קירצעסטע און ווען מען האָט גערעכענט, אז דיא זון שטארבט אָב, ווערט געקרייציגט אין הימעל, איז געווען א טרויער־צייט. דערפאר אבער, ווען זיא איז ווידער ערשינען, אום

אָנצופאנגען פון דאָס ניי איהרע יעהרליכע וואנדערונגען און אלץ צו שטייגען אין גלאַנץ און ווארימקייט ביז דיא נאטור ווערט ערוואכט אין פריהלינג — דאן איז געווען א פרעהליכער יום טוב. דער טרויער פלעגט זיך אומוואנדלען אין פריידע מיט דיא ערשטע שטראהלען פון דער „ניי־געבאָרענער" זון, פון איהר רעסורעקציאָן (אויפלעבונג).

דאָס איז דיא צייט פון קריסטמאס (ניטל), וועלכע פלעגט גע־פייערט ווערן פון דיא געצענדיענער אלס דיא געבורט פון דיא זונען־געטער און וועלכע ווערט יעצט געפייערט פון דיא קריסטען אלס דיא געבורט פון זייער ערלייזער. קורץ, אללע געצענדינערשע פעסטליכקייטען צו עהרע פון דער זון אָדער דיא זונען־געטער זיי־נען פערבליבען ביז יעצט ביי דיא ציוויליזירטע פעלקער.

אין פערו, וויא מיר וועלען עס שפעטער זעהען, איז ניטל (דער וואָרט שטאמט פון לאטייניש „נאטאל", וואָס בעדייטעט געבורט; אין פראנצויזיש ווערט קריסטמאס גערופען „נאָעל", פון דעם זעלבען שרש) געפייערט געוואָרען מיט בעזאָנדערס גרויסע צערעמאָניעס. דיא שפאנישע גלחים האָבען זיך ניט ווייניג גע־וואונדערט, ווען זיי האָבען געזעהען דיזע צערעמאָניעס, וועלכע האָבען אזוי פיעל עהנליכקייט געהאט מיט דיא קאטוילישע, דאָס זיי, דיא גלחים, האָבען עס ערקלערט פאר מעשה־שטן, פאר א נאָכ־מאכונג פון טייוועל. (*)

דיא פערואנער האָבען געלעבט נאָך אויף העכערע געבירגיגע ערטער, וויא דיא אצטעקען, און האָבען בעזאָנדערס פערעהרט דיא זון. זייערע מלכים, דיא אינקאָס, זיינען פערגעטערט געווען אלס דיא קינדער פון דער זון אויף דער ערד. ביי דיא אצטעקען איז

(*) איך האלט פיר נייטיג דאָ ווידער אָנצו־ווייזען דיא לעזער אויף דעם דריטען באנד פון מיין קולטור־געשיכטע, וואו זיי וועלען געפי־נען אויספיהרליכע ערקלערונגען וועגען דיא פערגעטערונג פון דער זון און וועגען דעם פאַללוס־געצענדיענסט, וועלכער איז דערמיט ענג פערבונדען געווען. — דער פערפאסער.

אבער דער זונען־קולט אבגעשוואכט געווארען דורך דעם, וואס זיי האבען אלץ מעהר אנגעפאנגען צו פערעהרען זייער שרעקליכען גאט פון מלחמות, צו וועמען זיי האבען צוגעשריעבען זייער ער־פאלג און מאכט. אלס א קריעגערישע פאלק, האבען זיי געמאכט פאר זייער הויפטגאט דעם מענשענפרעסענדען הויצילאפאטשטלי, וועלכען זיי האבען בעטראכטעט אלס זייער בעשיצער אין זייערע מלחמות. דארום האבען זיי דיא קריעגסגעפאנגענע ספעציעל מקריב געווען אין זיינע טעמפלען. זייער גלויבען אין קוועצאלקאאטל און דיא לעגענדען וועגען איהם אלס ערלייזער צייגען אבער, אז זיי האבען אויך פריהער ספעציעל פערעהרט דיא זון.

יעדענפאלס האבען דיא אצטעקען געצייגט, אז זיי האבען זיך שטארק אבגעגעבען צו אסטראנאמישע אדער, ריכטיגער, אסטראלאגישע בעטראכטונגען און רעכנונגען. זעהר אויפמערק־זאם האבען זיי נאכגעפארשט דיא בעוועגונגען פון דיא פלאנע־טען. נאך דיא פאזיציאנען פון דיא הימלישע קערפערס האבען זיי געזוכט פאראויסצוזאגען דיא צוקונפט, אזוי וויא דאס איז דער פאל געווען ביי אלע פעלקער. אסטראלאגיע (שטערנזעהעריי) איז געווען דיא מוטער פון אסטראנאמיע.

זייער קאלענדער האבען דיא אצטעקען צוגעפאסט מערקוויר־דיג גענוי צו דיא שיינבארע בעוועגונגען פון דער זון. זייער יאהר איז צוטהיילט געווען אין 18 חדשים פון 20 טעג יעדער. דיא טעג און דיא מאנאטען זיינען פערצייכענט געווען דורך היעראגליפען. צו דיזע רעגעלמעסיגע מאנאטען האט מען יעדען יאהר צוגעזעצט 5 טעג, וועלכע זיינען גערעכענט געווען פאר שלים־מזל'דיגע. יעדער מאנאט איז צוטהיילט געווען אין 4 וואכען צו 5 טעג. דיזע רעכנונג איז געווען א פיעל בעקוועמערע און לייכטערע וויא ביי דיא פעלקער אין דער אלטער וועלט, אריינגערעכענט אונזער יעצ־טיגען קאלענדער מיט אונגלייכע מאנאטען און מיט וואכען פון 7 טעג. נאר אזוי וויא דער זונען־יאהר איז מיט קנאפע 6 שטונדען מעהר וויא 365 טעג, האבען דיא אצטעקען אויך איינגעפיהרט איבערטעג. זיי האבען עס אבער ניט געטאן אלע 4 יאהר, וויא דיא

אויראָפּעער, זאָנדערן אַלע 52 יאָהר, ווען זיי האָבען צוגעגעבען גאַנצע 13 טעג. אויף דיזער ארט האָט זייער קאַלענדער אַזוי גוט געשטימט מיט דיא זונען־יאָהרען, אַז דיא אויראָפּעער זיינען ער־שטוינט געוועזען.

אין 1091טען יאָהר פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג האָ־בען דיא אצטעקען אויסגעבעסערט זייער קאַלענדער, און פון די־זען יאָהר האָט זיך עס אָנגעפאַנגען זייער צייט־רעכנונג. זיי האָבען דאַן פערצייכענט מיט היעראָגליפען און בילדער־שריפטען אַלע זייערע היסטאָרישע פּאַסירונגען.

אויסער דיזען זונען־קאַלענדאר האָבען נאָך דיא פּריעסטער איינגעפיהרט א ספּעציעלען לבנה־לוח פאר זיך. דיזער לוח איז גע־ווען זעהר א קאָמפּליצירטער. דאָס איז געוועזען א געהיימניס פון דיא גלחים, וועלכע האָבען געהאט א גרויסע מאכט אין מעק־סיקאָ. זיי האָבען דיזען לוח בענוצט פיר דיא רעליגיעזע צערע־מאָניעס, פיר דיא צייט פון קרבנות־ברייננגען, פיר פעסטליכקייטען און אויך שטערען־זעהעריי. אין זייערע אויסרעכנונגען האָבען דיזע פּריעסטער, וועלכע האָבען אַזוי ווילד און גרויזאַם געשאָכטען מאַסען מענשען פאר דיא געטער און אויך געפרעסען דיא פליישע פון דיא קרבנות, ארויסגעוויזען מערקווירדיגע מאטעמאטישע קענטניסע.

אין זייער פאַמיליען־לעבען, אין זייערע בירגערליכע בעציהונ־גען זיינען דיא אצטעקען ניט געשטאַנען ניעדעריגער וויא דיא שטאַמען, וועלכע זיינען ניט געוועזען אַזוי אונמענשליך אין זייער בלוטיגער רעליגיאָן. דיא קינדער זיינען ערצויגען געוואָרען אין שולען, וואו מען האָט זיי געהאַלטען אין א זעהר שטרענגער די־סציפּלין. מיידלעך זיינען ערצויגען געוואָרען צו זיין עהרליך, זויבער און גוטע ווירטהינען. דיא עלטערן זיינען געוועזען צוגעבונדען צו דיא קינדער, און פאַרקעהרט. פּאָליגאַמיע איז אפילו געוועזען ערלויבט. אָבער נאָר דיא רייכערע קלאַסען האָבען זיך געקענט פערגינען צו האָבען מעהר וויא איין ווייב. דיא שפּאַניער האָבען צוגעגעבען, אַז דיא מעקסיקאַנער פרויען זיינען געוועזען זעהר טו־

גענדהאפט, בעשיידען און היבש. דיא פרויען האָבען אנטהייל גענומען אין פעסטליכקייטען צוזאמען מיט מענער. נאָר זייערע אָנבליקען זיינען געווען מעלאנכאָלישע. עפּעס א פינסטערקייט, א טרויער איז געלעגען אויף אלע אצטעקען. דאָס איז געקומען פון זייער פינסטערער און בלוטיגער רעליגיאָן, פון דעם, וואָס זיי זיינען צוגעוואָהנט געוואָרען ניט נאָר צו זעהען, וויא מען פּייניגט מענשליכע אָפּפער, זאָנדערן אויך צו פרעסען מענשליכע פלייש.

אפילו ביי אריסטאָקראטישע באנקעטען, וואו מען פלעגט מכבד זיין דיא געסט מיט דיא בעסטע און טהייערסטע מאכלים און געטרענקע (שאָקאָלאד מיט וואנילא איז געווען און איז פערבליבען דער געליבטעסטער געטראנק אין מעקסיקאָ), פלעגט מען מאנכעס מאָל, בעזאָנדערס ווען דיא פעסטליכקייט האָט אויך געטראָגען א רעליגיעזען כאראקטער, טראקטירען מיט מענשליכע פלייש! מען פלעגט מקריב זיין א שקלאוו, און זיין פלייש פלעגט מען ספּעציעל צוגרייטען פאר דיא געסט. דאָס איז דאן געווען דיא בעסטע געריכט פון דעם באנקעט!.....

עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען, וויא אזוי דיא אצטעקען, וועלכע זיינען געווען ציוויליזירט אין אנדערע הינזיכטען, האָבען געקענט פרעסען מענשליכע פלייש ניט נאָר ביי רעליגיעזע צערעמאָניעס אין טעמפּלען, זאָנדערן אפילו אויף עפענטליכע באנקעטען; נאָר דאָס איז אן אונבעשטרייטבארער פאקט. אייניגע געלעהרטע ערקלערען דיזען שוידערליכען מנהג דערמיט, וואָס דיא פעלקער פון אנאהואק און איבערהויפּט פון צענטראל־אמעריקא האָבען געהאט ווייניג גוטע פלייש אויסער פון אינדיקעס, וועלכע זיינען, וויא בעוואוסט, אמעריקאנער עופות. דיא סטאדעס בופעלאָקסען, וועלכע האָבען צוגעשטעלט פלייש דיא ווילדע אינדיאנער שטאמען אין נאָרד־אמעריקא (דיזע ווילדע זיינען גראדע ניט געווען מענשענפרעסערס), האָבען געפעהלט אין מעקסיקאָ. אמעריקא איז איבערהויפּט געווען אָרעם אין בהמות. בלויז אין פערו האָט מען געפונען א סאָרט שעפּס, וואָס טראָגט דעם נאָמען לאמא און וואָס איז מייסטענס געברויכט געוואָרען צו קריעגען וואָל. דיא

איינגעבאָרענע פון צענטראל־אמעריקא האָבען דארום געמווזט זיך ערנעהרען פון פלאנץ־שפייז; פלייש איז פיר זיי געווען א לוקסוס. דארום קען זיין, אז זיי האָבען אויך אָנגעפאנגען צו עסען דיא מענשליכע קרבנות, וועלכע זייער בלוטיגע רעליגיאָן האָט גע־פאָדערט אין גרויסע צאָהלען. דיזער שוידערליכער מנהג איז וואהרשיינליך איינגעוואָרצעלט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס אלע אינדיאַנער האָבען בעזאָנדערס גרויזאם בעהאנדעלט זייערע קריעגס־געפאנגענע ביז׳ן טויט; דיא איינגעבאָרענע פון מעקסיקאָ און פון צענטראל־אמעריקא האָבען אָבגעגעבען דיא קריעגס־גע־פאנגענע צו דיא געטער, געוועהנליך דיא צאפּעלדיגע הערצער, און דיא קערפּערס האָבען זיי נאכהער געפרעסען.

קיין ברעקעל מיטלייד האָט מען ניט געהאט צו דיא קריעגס־געפאנגענע. אזוי וויא מען האָט אָנגעפאנגען צו אָפּפערן צו דיא געטער אלץ מעהר מענשען, אלס דיא געליעבטעסטע קרבנות פאר זיי, האָט מען אויך דירעקט געפיהרט מלחמות, אום צו פאנגען מענשען. דיא אצטעקען האָבען בעזאָנדערס געפיהרט אזעלכע מלחמות. נאָך מעהר, אום צו בעקומען א סך געפאנגענע, האָבען זיי אויסגעמיידעט צו טויטען זייערע פיינדע אין שלאכטען. זייער הויפּט קריעגסקונסט איז בעשטאנען אין פאנגען לעבעדיגע אָפּפער פאר דיא געטער. דאָס האָט זעהר אָפט געהאָלפען דיא שפאניער אונטער דער קאָמאנדא פון קאָרטעז. אָנשטאָט צו זעהען צו טויטען אָדער שווער צו פערוואונדען זייערע געפעהרליכע שונאים פלעגען דיא אצטעקען זיך אָנשטרענגען צו פאנגען דיא שפאניער לעבעדיגערהייט. דערביי פלעגען פיעלע פון זיי פאלען אין שלאכט: דיא שפאניער פלעגען זיך ארייננרייסען מיט זייערע אייזערנע שווערדען און פערד און שניידען רעכטס און לינקס, וועהרענד דיא אצטעקען האָבען נאָר געציעלט צו פאנגען דיא שווערד־העלדען, אום צו האָבען דעם פערגניגען צו ברייננגען אזא טהייערן אָפּפער צו זייער קריעגס־גאָט. פאר קאָרטעז׳ן איז דער פערלוסט פון יעדען סאָלדאט געווען זעהר געפעהרליך. ווען דיא אצטעקען וואָלטען זיך א נעהם געטאָן צו טויטען דיא שפאניער,

נאָר ניט קימערענדיג זיך וועגען לעבעדיגע קרבנות צו דיא געטער, וואָלט קאָרטעז ניט געזיעגט מיט אזא הייפעלע סאָלדאטען. נאָר ווען איז געוועזן דעם שפאניער, וואָס פלעגט ארייגפאלען אין דיא הענד פון דיא אצטעקען — מען פלעגט איהם גלייך אוועקשלעפען אין א טעמפעל און ארויסרייסען זיין הארץ פאר דעם קריעגס־גאָט!

וויא פיעל קריעגסגעפאנגענע דיא אצטעקען פלעגען אזוי יעהרליך אומברענגען, קען מען זיך א בעגריף מאכען פון פאָל־גענדע פאקטען:

אין 1486, ווען מען האָט ערעפענט דעם גרויסען טעמפעל צו עהרע פון הויצילאָפּאָטשטלי, האָט מען מקריב געווען 70 טויזענד פערזאָן! מען האָט עטליכע יאָהר פריהער צוזאמענגעקליבען



פיג. 40 — אַ מעסער פון הארטע שטיין צו עפענען דיא הערצער פון מענשליכע קרבנות.

אָפּפער. דיא אצטעקען האָבען ארויפגעלייגט ספעציעלע קאָנטרי־בוציעס אויף אלע שטאמען, וועלכע זיי האָבען בעהערשט; זיי האָבען אויך געזוכט צו פיהרען קריעג, אום צו קענען פערבאפען וואָס מעהר אָפּפער. אין דעם טאָג פון דער שווידערליכער צערע־מאָניע האָט מען אלע געפאנגענע געפיהרט אין א פּראָצעסיאָן, וועלכע האָט זיך געצויגען צוויי מייל לאנג. דיא אויסשלאכטונג האָט געדויערט עטליכע טעג, און דיא פּריעסטער זיינען אויסגע־מאטערט געוואָרן עפענענדיג דיא בריסט מיט זייערע שטיינערנע מעסערס (זעהע פיגורע 40) און רייסענדיג דיא הערצער. דאָס שיינט אונגלויבליך, אָבער דיא בעסטע און זיכערסטע היסטאָרי־קער בעשטעטיגען עס.

דיא שארבענס, וואָס זיינען אָנגעזאמעלט געוואָרן אין דיא טעמפּלען צו דיא פערשיעדענע געטער(עס איז געווען א מנהג צו בעהאלטען דיא שארבענס פון דיא קרבנות), זיינען געבליבען שטומע עדות פון דיא שוידערליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס. אין איינעם פון דיזע טעמפּלען האָבען עטליכע שפּאנישע סאָלדאטען איבערגעצעהלט 136 טויזענד מענשליכע שארבענס!

ביי דיא קאָראָנאציאָנען און לויות פון דיא קעניגע פלעגט מען אויך אומברענגען מאסען אָפּפער. מאָנטעזומא'ס ארויפשטייגען אויפ'ן טהראָן איז בעזאָנדערס געפייערט געוואָרן מיט מענשליכע קרבנות. גראדע האָט עס געטראָפען, אז אן אויפשטאנד האָט אויסגעבראָכען אין א פּראָווינץ. אום צו צייגען, אז ער איז אויך א קריעגספיהרער, אָבוואָהל ער איז ערצויגען געוואָרן אלס פּריעסט, האָט מאָנטעזומא אליין אָנגעפיהרט זיין ארמעע און געזיעגט. נאכהער האָט ער געבראכט צושלעפּען א מאסע געפאנגענע, וועלכע זיינען געאָפּפערט געוואָרן צום קריעגס־גאָט אום צו פערגרעסערן דעם גלאנץ פון דיא גרויסע קאָראָנאציאָנס־צערעמאָניעס, וועלכע האָבען זיך געצויגען עטליכע טעג נאָכאנאנד. דיזער לעצטער הער־שער פון דיא אצטעקען האָט איבערהויפּט אָפּגעהיט אלע בלוטיגע צערעמאָניעס פון זיין שוידערליכער רעליגיאָן. ווען עס פלעגען ניט זיין גענוג קריעגסגעפאנגענע, פלעגט ער צוזאמען מיט דיא פּריעס־טער בעשטימען, וויא פיעל קרבנות זיינע אונטערטהאנען זאָלען צושטעלען. ביי געוויסע רעליגיעזע צערעמאָניעס פלעגען זיך פאַ־נאטיקער זעלבסט אויפאָפּפערן, אום אריינצוקומען גלייך אין גן־עדן. דער עהרען־געזעץ פון דיא אצטעקען האָט אויך געפאָדערט אין געוויסע אנגעלעגענהייטען זעלבסט־אויפאָפּפערונג. דיא פּריעס־טער פלעגען שרעקען מיט דעם צאָרן פון דיא געטער, ווען מען פלעגט זיי ניט צושטעלען גענוג מענשליכע קרבנות. ווען קאָרטעז האָט געפרעגט מאָנטעזומא'ן, ווארום ער האָט געלאָזען אזא קליינע רעפּובליק, וויא טלאסקאלא, פערבלייבען אונאבהענגיג, האָט ער געקראָגען פאָלגענדע כאראקטעריסטישע אנטוואָרט: „אום זיא זאָל צושטעלען קרבנות פאר דיא געטער". דיא אצטעקען פלעגען

ביי יעדער געלעגענהייט בעפאלען דיא טלאסקאלאנער און מיטשלע־פען געפאנגענע פאר דיא געטער. דיא טלאסקאלאנער פלעגען פון זייער זייט מקריב זיין דיא געפאנגענע אצטעקען.

אין טעצקוקא האט מען נאבגעטאנצט דיא אצטעקען. דיא רעליגיאן פון אלע נאהואטל־שטאמען איז איבערהויפט בעפלעקט געווען מיט מענשליכע בלוט; אבער דיא צאהל פון אפפער איז געווען פערהעלטניסמעסיג קליין אין דער טעצקוקא־מלוכה. עס איז בעוואוסט, אז וויינינגסטענס איינער פון דיא טעצקוקער קע־ניגע, דער פיעל געליבטער נעזאהואלקאיאטל, איז געווען געגען מענשליכע קרבנות. ער האט געגלייבט אין אן „אונבעקאנטען גאט", דעם שעפפער פון דער וועלט. ער איז ארויסגעטראטען גע־גען דיא געצקעס און האט אויפגעבויט א גרויסען טעמפעל אויף א פיראמידע צו פערעהרען דעם „אונבעקאנטען גאט, דיא אורזאכע פון אלע אורזאכען". אין דיזען טעמפעל האט ער פערבאטען אריינצושטעלען אירגענד וועלכע געצקעס, ווייל גאט איז אונ־זעהבאר.

ער איז ניט געווען דער איינציגער צו גלויבען אין אן אונבע־קאנטען גאט. אלע אינדיאנער, אפילו דיא ווילדע שטאמען פון נארד־אמעריקא, האבען געגלויבט אין א „גרויסען גייסט". דיא אצ־טעקען האבען אויך פערעהרט אן „אונזעהבארען גאט", וואס זיי האבען גערופען „טעאטל". נאר דאס האט זיי ניט געשטערט צו פערעהרען פיעלע געטער. אין גרונד גענומען האבען אלע נעצענ־דיענער געגלויבט אין אן אויבער־גאט, „דיא אורזאכע פון אלע אור־זאכען", דיא נשמה פון דער וועלט. נאר געבוקט האבען זיי זיך צו זיינע אונטערטאנען, צו דיא געטער פון דיא נאטורקרעפטע און ערשיינונגען, וועלכע האבען דירעקט א ווירקונג אויף אונזער לעבען.

דא איז ניט דער ארט צו ערקלערען דיא בעציהונגען צווישען מאנאטעאיזמוס און פאליטעאיזמוס, צווישען דעם גלויבען אין אן „אונבעקאנטען גאט" און אין „בעקאנטע געטער", דאס הייסט דיא קרעפטע פון דער נאטור, וועלכע זיינען פארגעשטעלט געווארען אדער, זא צו זאגען, פערקערפערט געווארן אין געצקעס. מיר וועלען

נאָר בעמערקען, אזביידע גלויבענס האָבען עקזיסטירט צוזאמען ביי דיא אצטעקען אזוי גוט וויא ביי דיא עגיפּטער, גריכען א. ז. וו.

דער „אונבעקאנטער גאָט" איז געוועזען צו ווייט פון דיא האלב־ציוויליזרטע מענשען, און מען האָט געזוכט דיא הילפע פון זיינע פערטרעטער אָדער מלאכים. דיא רעליגיאָן איז בעשטאנען אין צערעמאָניעס, אום זיי אָפּצוגעבען כבוד. פאר זיי האָט מען געבויט טעמפּלען, פאר זיי האָט מען אויך געבראכט אָפּפער. דיא צאָהל פון אונטער־געטער איז ביי דיא אצטעקען געוועזען אזוי גרויס, וויא ביי דיא מייסטע געצענדיענערס.

וויא שנעל אפילו אידען האָבען פערלאָזען דעם גלויבען אין איין גאָט, שילדערט אונז דיא ביבעל. אין טעצקוקאָ האָט שוין דער נאָכפאָלגער פון נעזאהואלקאָיאָטל צוגעלאָזען מענשליכע קרבנות. ער האָט זיך געבוקט צו דער געצקע פון קריעגס־גאָט. זיין לויה איז געפייערט געוואָרען מיט בלוטיגע צערעמאָניעס. אויף זיין קבר האָט מען געאָפּפערט 200 שקלאווען: 100 מענער און 100 פרויען.

מיר וועלען דאָ איבערגעבען א בעשרייבונג פון וויליאם פרעסקאָט אין זיין בעריהמטער „געשיכטע פון דער עראָבערונג פון מעקסיקאָ", וויא מען האָט יעדען יאָהר געאָפּפערט צום גאָט טעצקאטליפּאָקא א יונגען געפאנגענעם. דיזען גאָט האָט מען גערעכענט פאר „דיא נשמה פון דער וועלט". מען האָט איהם פאָרגעשטעלט אלס א יונגען מאן, וואָס בלייבט אייביג יונג. יעדען יאָהר פלעגט מען אויסקלייבען א יונגען, שעהנען און שטארקען געפאנגענעם, אום איהם מקריב צו זיין אויף דעם מזבח פון דיזען אייביג־יונגען גאָט. א גאנצען יאָהר פלעגט מען דעם אויסגעקליבענעם קרבן געבען אלע פערגניגען. אלע זיינע ווינשע און קאפּריזען פלעגט מען ערפילען אויסער נאטירליך איהם צו בעפרייען. עטליכע פריעסטער פלעגען איהם פּאָרבערייטען צו זיין ראָלע פון א קרבן פאר דיא זינד פון אלע מענשען. דעם גאנצען יאָהר האָט מען איהם פערעהרט וויא א גאָט. מען פלעגט איהם אָנטאָן אין

דיא רייכסטע קליידער און בעציערען מיט דיא טייערסטע בלומען (דיא אלטע מעקסיקאנער האבען מערקווירדיג ליעב געהאט בלו־מען, פיליייכט נאך מעהר וויא דיא יעצטיגע מעקסיקאנער). פיער פון דיא שעהנסטע מיידלעך פלעגט מען אויסקלייבען אלס זיינע ווייבער. זיי האבען געטראגען דיא נעמען פון דיא העכסטע גע־טינען. מיט זיי פלעגט ער פערברענגען זיין צייט זעהר לוסטיג אין גרעסטען לוקסוס. ווען ער פלעגט ארויסגעהן פון דעם טעמפעל וואו מען פלעגט איהם האלטען, פלעגט ער בעגלייטעט ווערן פון קעניגליכע פאזשען. דאס פאלק פלעגט פאלען אויף דיא קניע פאר איהם, דען מען האט איהם גערעכענט פאר דיא פערקערפע־רונג פון דעם גאט, צו וועמען מען האט איהם אבגעגעבען.

נאר ווען דער פאטאלער טאג פון דיזען פערגעטערטען קרבן פלעגט קומען, פלעגט מען פון איהם אראפנעהמען דיא טהייערע קליידער און אוועקפיהרען אין דעם טעמפעל, וואו דיא שוידערליכע צערעמאניע פלעגט אויסגעפיהרט ווערן. זיין לעבען איז געווען וויא א חלום, און דער סוף איז געווען א שרעקליכער. נאר דיא אפפער זעלבסט זיינען מייסטענס געווען אזוי גלויביג און צוגעגרייט צו זייער אויפאפפערונג, אז זיי פלעגען גאנץ מונטער און אפט בע־גייסטערט געהן צום בלוטיגען מזבח. דער טעאקאלי (טעמפעל) פון טעצקאטליפאקא, וואס האט געהאט דיא פארמע פון א פיראמידע, וויא אלע אנדערע מעקסיקאנער טעמפלען, איז אין דעם טאג בעלא־גערט געווען פון מאסען מענשען, וועלכע פלעגען קומען פון וויים ארום צו זעהען דיא בלוטיגע צערעמאניע. א גרויסע פראצעסיאן פון פריעסטער פלעגט זיך ציהען אויף דיא טרעפ ארום דער פי־ראמידע ביז דעם שפיץ, וואו 6 הויכע אויבערפריסטער אין משונה'־דיגע קליידער, בעדעקט מיט קאבאליסטישע היעראגליפישע ציי־כענס, פלעגען אויפנעהמען דעם אפפער, וועלכער פלעגט אויפ'ן וועג אראפוואַרפען פון זיך אלע בלומען און צוברעכען דיא מוזי־קאלישע אינסטרומענטען, מיט וועלכע ער פלעגט זיך משמח זיין א גאנצען יאהר צוזאמען מיט זיינע געליעבטע און דיענערס. מען פלעגט איהם דאן צופיהרען צום מזבח און צובינדען צו דעם

שטיין, אויף וועלכען ער פלעגט אויסלאָזען זיין לעצטען אָטהעם. מען פלעגט איהם אזוי אויסציהען, אז דיא ברוסט זאָל זיין וואָס מעהר ארויסגעהויבען. דער העכסטער פריעסטער פלעגט דאַן זעהר געשיקט אריינשטעכען אין דער ברוסט פון קרבן א פערשארפטען שטיינערנעם מעסער, וויא אויף דער פיגורע 40, און גלייך ארויסרייסען דיא צאפעלדיגע הארץ, וועלכע ער פלעגט צוערשט אויפהויבען צו דער זון, אלס דעם הויפטגאָט, און נאכהער א שליידער טאָן צו דיא פיס פון דעם אָבגאָט, פאר וועמען דער קרבן איז געבראכט געוואָרן. דיא מאסען ארום פלעגען פאלען אויף דיא קניע און בעטען דיא געטער צו פערגעבען זייערע זינד. נאָך דיא ערקלערונגען פון דיא פריעסטער, האָט דיזע צערעמאָניע אָנגעצייגט אויף דעם שיקזאל פון מענשען: לוסטיג און גלענצענד אין דער יוגענד, טרויער און צרות אויף דער עלטער.

ניט זעלטען פלעגט מען נאָך מאטערן דיא אָפּפער פאר דעם לעצטען אקט, ווען מען פלעגט ארויסרייסען זייערע צאפעלדיגע הערצער. דיזע פייניגונגען פלעגט מען אויספיהרען נאָך דיא פאָרשריפטען פון א לאנגען צערעמאָניאל, און אלע פלעגען גלייכגילטיג צוקוקען דיא ליידען פון דיא אָפּפער, ווייל מען האָט עס געהאלטען פאר א געטליכע זאך. ביי איינינגע צערעמאָניעס פלעגען זיך דיא פריעסטער בעשמירען מיט דעם בלוט און זיך אָנטאָן אין דיא הויט פון דיא קרבנות (זעהע פיגורע 41).

פרויען פלעגט מען אויך אָפּפערן ביי געוויסע געלעגענהייטען אזוי וויא מענער. ביי דיא פעסטליכקייטען צו עהרע פון טלאלאָג, דעם גאָט פון רעגען, פלעגט מען מקריב זיין קינדער, בעזאָנדערס אין דער צייט פון טריקענעסען. דיא פריעסטער פלעגען געוועהנליך קויפען קינדער ביי אָרימע עלטערן און זיי נאכהער אויפאָפּפערן אויף הויכע בערג אָדער אריינשליידערן אין וואסער.

אין דעם טאָג, ווען מען פלעגט אָנצינדען א נייעם פייער צו עהרע פון דעם פייער־גאָט קסויטעקוטלי, פלעגען דיא פריעסטער טראָגען מיט גרויסע צערעמאָניעס דיא אָפּפער אויף זייערע פלייצעס ביז צום מזבח און דאַן זיי אריינשליידערן אין פייער.

פון

אלע זייטען פלעגט מען זיך צוזאמענלויפען צו זעהען, וויא דיא אונ־גליקליכע מאטערן זיך אין דיא פלאמען. וויא פיעל מענשען מען פלעגט ניט אָפפערן ביי איין צערעמאָניע, פלעגען דיא אצטעקען עס צוקוקען מיט פערגניגען. דיא אצטעקען זיינען אויף דיזער ווייזע פערהארטעוועט געוואָרן צו מענשליכע ליידען, און דיא פריעסטער

פיג. 41 — א מעקסיקאנער סטאטוע וואָס שטעלט פאָר א פריעסט אָנ־געטאָן אין דער הויט פון א מענשליכען קרבן.

האָבען דורך דיזע בלוטיגע צערעמאָניעס געקראָגען דעם גרעסטען איינפלוס אויף אלע קלאסען פון פאָלק. דער הויפט פון דיא פריעסטער, וואָס פלעגען אויסרייסען דיא הערצער פון דיא קרבנות, איז גערעכענט געווען פאר דיא העכסטע פערזאָן אין דער מלוכה נאָך דעם קעניג.

דיא פריעסטער זעלבסט פלעגען אָפט לאָזען פון זיך בלוט און זיך פייניגען ביי געוויסע פעסטליכקייטען. זיי פלעגען זיך מאטערן

מיט תעניתים און קערפערליכע שמערצען. פאר דעם שוידער־ליכען פעסט פון דעם גאָט קאמאקסטלי, צום ביישפיעל, פלעגען זיי מוזען פאסטען גאנצע 160 טעג, און אין דער צייט פלעגען זיי זיך שטעכען אין דיא צונגען מיט שפּיציגע שטעקלאך. מענשליכע בלוט איז גערעכענט געווען פאר דעם בעסטען קרבן צו דיא געטער, און בלוט איז געפלאָסען טייכענווייז ביי אלע רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דיא אצטעקען.

אבער נאָך שוידערליכער איז עס געווען, דאָס מען האָט אויך געפרעסען דאָס פלייש און בלוט פון דיא קרבנות. מיר האָבען שוין אויבען אָנגעצייגט, אז ביי באנקעטען פלעגט מען דערלאנגען געריכטען פון מענשליכע פלייש. עס איז אמת, אז דאָס איז אויך פערבונדען געווען מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס, אָבער דאָס האָט ניט געענדערט דעם שרעקליכען פאקט, וואָס דיזע האלב־ציוויליזירטע מענשען זיינען דאָך געווען האניבאלען. דעם גרעסטען טהייל פון קערפער פון דעם קרבן פלעגט מען געוועהנליך אָפּגעבען דעם קריעגער, וועלכער האָט איהם געפאנגען. ער פלעגט דאן איינלאדען זיינע פריינד צו א באנקעט און זיי מכבד זיין מיט דעם פלייש פון דעם קרבן. דיא בעסטע און געשמאקסטע טהיילען פלעגען דיא פריעסטער לאָזען פאר זיך.

ביי איינינע צערעמאָניעס פלעגט מען באקען אזעלכע ברייט־לעך, אין וועלכע מען פלעגט אריינגיסען דאָס בלוט פון דיא אָפּפער, אום דאָס גאנצע פאָלק זאָל קענען אנטהייל נעהמען אין דער מענשענפרעסעריי. דיא קאטוילישע גלחים, וועלכע האָבען זיך אזוי שטארק געוואונדערט ווענען דיא קרייצען אין מעקסיקא־נער טעמפּלען, זיינען נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהען ביי דיא אצטעקען א צערעמאָניע, וועלכע איז זעהר ענהליך געווען צו דער קריסטליכער געהיימניספאָלער יוקא־ריסטיע (דאָס הייליגע אבענדמאָל פון ברויט און וויין, וועלכע שטע־לען פאָר דעם קערפער און בלוט פון יעזוס קריסטוס, אום צו ער־לייזען מענשען פון זינד). דיא אצטעקען פלעגען באקען לעקעכלעך פון מאאיז־מעהל געמישט מיט בלוט פון קרבנות. דיזע לעקעכלעך

פלעגען געמאכט ווערען אזוי. אז זיי זאָלען אויסזעהען, ווי די געצקעס פון די געטער. די פריעסטער פלעגען בענשען דיזע לעקעכלעך, און דאָס פאָלק פלעגט זיי נאכהער עסען מיט גרויס עניות און טרויער, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אז זיי עסען „דאָס פלייש און בלוט פון גאָט“. אָנשטאָט רויטע וויין, וועלכע קריסטען געברויכען ביי דער יוקאריסטיע־צערעמאָניע, פלעגען די אצטעקען געברויכען איינפאך מענשליכע בלוט אָדער דאָס בלוט פון אנדערע קרבנות.

דער יעניגער וואָס האָט שטודירט די געשיכטע פון רעליגיאָנען, וועט זיך גאָר ניט וואונדערן, וואָס די אצטעקען האָבען געהאט אזא צערעמאָניע, ווי אויך די טויף־צערעמאָניע, דען דיזע צערעמאָניעס זיינען נאטירליכערווייזע איינגעפיהרט געוואָרען ביי פילע קולטור־פעלקער. די פריהערע בלוטיגע צערעמאָניעס זיינען אומגעוואנדעלט געוואָרען מיט דער צייט אין אנדערע, אין וועלכע בלוט איז פאַרגעשטעלט דורך סימבאָלען (זינן־בילדער).

די געטליכע לעקעכלעך מיט בלוט פון די קרבנות זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין מעקסיקאָ ווי אין אנדערע לענדער, ווייל ניט אלע האָבען נאטירליך געקענט קריגען דאָס פלייש פון די לעבעדיגע קרבנות. נאָר די רייכע און פריעסטער האָבען געפרעסען די מענשליכע קרבנות. דאָס פאָלק האָט זיך געמוזט בענוגענען אָדער יוצא זיין מיט כפרות אין דער פאָרמע פון געטליכע לעקעכלעך.

די מזבחות פון די מעקסיקאנער טעמפּלען זיינען געוועזען בעפלעקט מיט מענשליכע בלוט. דאָרט האָט עס געשטונקען ווי אין אַ'ן אונריינע שלאַכטהויז. די געצקעס זיינען געוועזען בעהאנגען מיט מענשליכע הערצער, קעפּ און הויט. ווען מאָנטעזומא האָט ערלויבט עטליכע שפּאניער, אויף דעם פערלאנג פון קאָרטעז, צו בעזוכען דעם טעמפּעל פון דעם קריעגסגאָט הויצילאָפּאָטשטלי, האָבען זיי דאָרטען געמוזט צומאכען די נעזער, דען דער געשטאנק איז געוועזען אונערטרעגליך. די סצענע איז געוועזען אַ שוידערליכע פאר אייראָפּעאישע אויגען. די ריעזיגע און העסליכע געצקע

פון דעם קריעגסגאָט איז געמאכט געוואָרען ארויפצויאָגען שרעק. אין איין האנד האָט ער געהאלטען א בויגען און אין דער אנדערער א בינטעל מיט גאָלדענע פיילען. דאָס זיינען געווען דיא צייכענס פון זיין קריעגס־מאכט. זיין ברוסט איז געווען ארומגערינגעלט מיט דער הויט פון שלאנגען און בעפוצט מיט עדעלשטיינער. ארום זיין האלז איז געהאנגען א לאנגע קייט פון גאָלדענע און זילבערנע הערצער — א צייכען פון דיא מענשליכע הערצער, וועלכע מען פלעגט איהם שטענדיג דערלאנגען. דיא שפאניער האָבען געפונען אויף זיין מזבח 3 מענשליכע הערצער, נאָך כמעט צאפעלדיגע. מען האָט זיי הפנים מיט ענטליכע שטונדען פריהער ארויסגעריסען ביי דיא קרבנות...

אין דעם זעלבען טעאָקאלי זיינען אויך געווען בלוטיגע מזבחות פאר אנדערע געטער. אויף דעם מזבח פון דעם אויבען־דערמאָנטען גאָט טעצקאטליפּאָקא, וועמעס געצקע איז בעפוצט געווען מיט א שיינענדען שיעלד (דאָס איז געווען א צייכען, אז אלע האנדלונ־גען ווערען אָבגעשפּיעגעלט אין איהם), האָבען דיא שפּאניער געפונען אויף א גאָלדענעם טאץ פינף מענשליכע הערצער, פון וועלכע דאָס בלוט האָט געטריפט...

קאָרטעץ'ן און זיינע חברים איז אויך אויסגעקומען צו זעהען נאָך שרעקליכערע סצענען, ווייל זייערע אייגענע געוועהר־ברידער, וועלכע האָבען געהאט דעם אונגליק ארייננצופאלען לעבעדיגע אין דיא הענד פון דיא אצטעקען, זיינען געשלעפּט געוואָרען אונטער ווילדען געזאנג פון פריעסטער אויף דיא טרעפּ פון דעם זעלבען טעאָקאלי, צום מזבח פון הויצילאָפּאָטשטלי, וואו מען האָט ביי זיי ארויסגעריסען דיא הערצער, וואהרשיינליך נאָך זעהר גרוי־זאמע פייניגונגען. אין דער צייט, ווען די שפאניער מיט דער הילפע פון דיא טלאסקאלאנער און אנדערע אינדיאנער־שטאמען, וועלכע האָבען געהאט אלטע בלוטיגע רעכנונגען מיט דיא אצטעקען, האָבען בעלאגערט דיא הויפּטשטאדט און כמעט א העלפט פון איהר צו־שטערט, האָט עס געטראָפען, דאָס א טהייל פון זיי זיינען געפאַנ־גען געוואָרען פון דיא פערצווייפעלטע אצטעקען נאָך א'ן אונגליק־

ליכע אטאקע. קאָרטעץ האָט דאן געמוזט זיך צוריקציהען אויף זיינע פריהעריגע פּאָזיציאָנען און פון דער ווייטענס צוזעהען, וויא עטליכע פון זיינע סאָלדאטען האָט מען געפיהרט צו דער רעליגיעזער אויסשלאכטונג.

קוים איז דיא זונן אונטערגעגאנגען, וויא דיא ניעדערגעשלאָגענע שפאניער האָבען דערהערט קלאנגען, וועלכע האָבען זיי דערמאָנט אָן א נאכט, וועלכע זיי האָבען א נאָמען געגעבען „דיא טרויעריגע“ און וועלכע איז געוועזן דיא געפעהרליכסטע פאר קאָרטעץ'ן אין דיזען קאמפף. דיא קלאנגען האָבען אָנגעזאגט, אז א בלוטיגע צערעמאָניע ווערט פאָרקומען אין דעם טעאָקאלי פון הויצילאָפּאָטשטלי. באלד נאָכדעם האָט זיך אויף דיא טרעפ ארום דעם טעאָקאלי בעוויזען א פּראָצעסיאָן פון פריעסטער און קריעגערס, וועלכע האָבען געטריעבען האלב־נאקעטע מענשען צום מזבח. נאָך דער ווייסער הויט פון איינינע אָפּפער האָבען דיא שפאניער דערקענט, אז דאָס זיינען זייערע אונגליקליכע ברידער. דיא אנדערע געפאנגענע, וועלכע מען האָט געפיהרט צו דער שחיטה, זיינען מייסטענס געוועזן טלאסקאלאנער. זייערע קעפּ זיינען בעפוצט געוועזן מיט פערשידענפאָרביגע פעדערן. פון ווייטענס האָט מען געזעהן, וויא מען שלאָגט זיי, אז זיי זאָלען אנטהייל נעהמען אין דיא טענץ צו עהרע פון דעם מלחמה־גאָט פון דיא אצטעקען. מיט דיא געוועהנליכע גרויזאמע צערעמאָניעס האָט מען ביי אלע געפאנגענע ארויסגעריסען דיא הערצער און דערלאנגט דער געצקע פון הויצילאָפּאָטשטלי מיט געבעט, אז ער זאָל רחמנות האָבען אויף זיין פאָלק און פערניכטען דיא שפאניער. נאכהער האָט מען דיא קערפּערס פון דיא קרבנות ארונטערגעשליידערט פון דעם שפּיץ פון דער פּיראמידע ארונטער דיא טרעפּ, און אונטען האָבען דיא אויסגעהונגערטע אצטעקען צוכאפּט דיזע קערפּערס און געמאכט א קאניבאלישע סעודה.

אין קנאפּע צוויי וואָכען ארום, ווען דיא שפאניער האָבען פער־יאָגט דיא אצטעקען פון דעם הויפּט־טעמפּעל, האָבען זיי דאָרטען

געפונען לעבען דיא פערשידענע געצקעם דיא קעפ פון זייערע אונגליקליכע קאמעראדען.

אבער גענוג וועגען דיזע מענשליכע יאטקעס פאר דיא בלוטיגע געטער פון דיא אצטעקען. מיר וועלען יעצט נעהנטער בעטראכטען איינעם פון דיא מערקווירדיגסטע געטער פון דיא נאהואטל־שטא־מען, דעם שוין פיעל מאָל דערמאָנטען קוועצאלקאָאטל, וועלכער ווארפט א העלערען שיין אויף דיא גרויזאמע און מענשענפרעסענדע אצטעקען און וועלכער ערקלערט אונז אויך פיעלע דונקעלע פונק־טען אין דיא לעגענדען וועגען דיא זאָ־גענאנטע ערלייזערס פון דער זינדיגער מענשהייט.

ניינטער קאַפּיטעל.

דער מעקסיקאַנער זונען־גאָט און משיח קוועצאַלקאָאַטל

דיא צענטראַל־פיגורע פון דער רעליגיאָן פון דיא טאָלטעקען און פון אנדערע שטאמען פון דער נאהואטל־ראסע איז זיכער דער גאָט קוועצאלקאָאטל. איינע פון זיינע געצקעס געפינט זיך אין דעם טראָקאדעראָ־מוזעאום אין פאריז (זעה פיגורע 42). ער איז דאָ פאָרגעשטעלט אין א זיצענדער פּאָזע אזוי וויא בודהא. דיא היראָגליפען ארום דיזע געצקע און דיא בעפוצונגען ארום קאָפּ האָבען נאטירליך א געוויסע בעדייטונג, נאָר דערווייל איז עס נאָך א געהיימניס.

ווען דיא פאנאטישע שפאנישע גלחים וואָלטען ניט פערניכטעט כמעט אלעס, וואָס האָט זיך בעצויגען אויף דיזען אָבגאָט, וואָלטען מיר אפשר געקענט וויסען דיא ריכטיגע בעדייטונג פון דיזע סימבאָלען. דיזע גלחים האָבען נאָך דערצו אבזיכטליך פערדרעהט דיא לעגענדען און צערעמאָניעס וועגען קוועצאלקאָאטל, וועלכע זיינען דאן פערשפרייט געווען ביי דיא אצטעקען און אנדערע פעלקער אין אנאהואק. זיי האָבען עס געטהאָן צוליעב דיא עהנליכקייט פון דיא לעגענדען וועגען דיזען מעקסיקאנער „משיח“ מיט דיא שילדערונגען וועגען יעזוס קריסטוס. וויא עס איז שוין אין א פריהערען קאפיטעל בעמערקט געווען, האָבען דיא שפאנישע גלחים אָנגענומען, אז דיזע עהנליכקייט איז דיא ארבייט פון דעם טייוועל, אום אראָפּצופיהרען מענשען פון ריכטיגען קריסטליכען וועג.

ערשט נאָך גרינדליכע נאָכפאָרשונגען איבער דעם זונען־געצענדיענסט, איבער דער פערעהרונג פון שלאנגען, קרייצען, פויגלעך, פאללוס, א. ז. וו., וויא אויך איבער דיא לעגענדען וועגען ערלייזענדע געטער, געבאָרענע פון בתולות און געקרייציגטע אָדער געטוי־

טעטע פון מענשענפיינדליכע געטער—ערשט דאן האָט מען געקענט ערקלערען, וואָס פאר א מין גאָט קוועצאלקאָאטל איז געווען אין מעקסיקאָ.

פיג. 42 — א סטאטוע פון קוועצאלקאָאטל.

דיא בעדייטונג פון זיין נאָמען צייגט שוין אָן, אז ער איז פערבונדען מיט דער פערגעטערונג פון דער זון. קוועצאלקאָאטל הייסט „פויגעל־שלאנג", ריכטיגער: „שלאנג בעדעקט מיט פעדערן". אום צו פערשטעהן, ווארום פויגלעך און בעזאָנדערס

שלאנגען זיינען געווען סימבאָלען פון זונען־געטער ביי אַלע פעלקער, וועלכע האָבען איבערהויפּט פערגעטערט דיא שעפּפענדע קראַפט פון דער זון, איז נעטהיג צו בעטראַכטען דיא אורזאַכען, וועלכע האָבען געפיהרט דיא פאַרצייטיגע מענשען צו פערעהרען פויגלעך און שלאַנגען מעהר וויא אַלע אנדערע חיות.

דיא מעלה פון פויגלעך צו פליהען האָט אימער געוואונדערט דעם מענשען. ווער פון אונז איז ניט מקנא געווען א פויגעל פאַר איהר מעגליכקייט צו שוועבען אין לופטען, ווייט ווייט אין דיא הימלען? דיא געצענדינערס האָבען זיי בעטראַכטעט פאַר דיא קינדער פון ווינטען, פון הימעל. מען האָט אָנגעפאַנגען צו גלויבען, אז זיי האָבען עפּעס א שייכות מיט דיא געטער פון הימעל, אז דורך זייער הילפע אָדער פערמיטלונג קען מען אויך קריגען דיא הילפע פון דיא געטער. דיזער גלויבען האָט ארויסגערופען וואהרזאַגעריי נאָך דעם פליהען פון פויגלעך, א וואהרזאגעריי, מיט וועלכער פּריעסטער האָבען זיך ספּעציעל בעשעפטיגט אין פיעלע קולטור־לענדער. אויף דיזער וויזע זיינען פויגלעך ביי אַלע פעלקער פערעהרט געוואָרען אלס שילוחים פון דיא הימלישע געטער און פאָלגליך אויך פון דער זון, וועלכע האָט נאַטירליך געמוזט פערעהרט ווערען מעהר וויא אַלע אנדערע הימלישע קערפּערס.

דיזער גלויבען איז אויסגעדריקט געוואָרען ניט נאָר אין געטער און מלאכים מיט פליגלען, זאָנדערן אויך אין קרייזען מיט שטראַהלען און פליגלען ארום און אויך מיט קרייצען אין מיטען.

וואָס אנבעלאַנגט צו שלאַנגען, זאָ איז זייער פערבינדונג מיט דעם זונען־געצענדינסט ענטשטאַנען ספּעציעל דורך דעם, וואָס בליצען שניידען דורך דיא וואָלקענס אין א געדרעהטער פאָרמע עהנליך צו שלאַנגען, און אויך דורך דעם וואָס שלאַנגען בייטען זייער הויט. א בליטץ האָט מען אָנגעפאַנגען צו רופען „דער געטליכער שלאַנג“, און שלאַנגען, וועלכע האָבען אימער געשראָקען דיא מענשען און געשיינט זעהר געהיימניספאָל מיט זייערע קריכענדע בעוועגונגען, זיינען געוואָרן פערעהרט אלס פערטרעטער פון דיזער הימלישער קראַפט אויף דער ערד. מען האָט דארום אויף צונע־

שריעבען דיא שלאנגען .. בעזונדערע קלוגהייט און גרויסע כשוף־קראפט.

אזוי וויא דיא זונן איז דער צענטער פון אונזער פלאנעטען־וועלט, דער קוואל פון שיין, ווארעמקייט און לעבען אויף דער ערד, איז עס נאטירליך, אז דער זונען־גאָט איז דער צענטער פון מיטהאָלאָגיע. דער נאָמען פון דעם זונען־גאָט איז געווען פער־שיעדען ביי פערשיעדענע פעלקער, אבער דיא איינבילדונגען וועגען איהם זיינען עהנליך געוועזן ביי פעלקער אויף אן עהנליכער קול־טור־שטופע. עס איז דארום ניט מעהר וויא נאטירליך, דאס דיא קולטור־פעלקער פון אמעריקא האָבען געהאט אזעלכע לעגענדען וועגען זייערע זונען־געטער און אזעלכע סימבאָלען פון זונען־פערעה־רונג, וויא דיא קולטור־פעלקער פון דער אלטער וועלט.

דער אלט־עגיפּטישער אָזירים, דער אינדישער בודהא, דער פערסישער מיטהרא, דער גריכישער באקכוס, דער סעמיטישער תמוז, א. ז. וו., האָבען פערקערפּערט דיא זעלבע איינבילדונגען וועגען דיא זונן און וועגען איהרע שיינבארע בעוועגונגען ארום דער ערד, וויא דער מעקסיקאנער קוועצאלקאָאטל. אלע זונען־געטען זיינען גערעכענט געווען פאר געבאָרענע פון א בתולה, דיא „הימלישע בתולה“, דיא „קעניגין פון הימעל“, נעמליך: פון דער מאָרגענרעטהע. דאָס איז אָנפאנגס געווען א פּאָעטי־שע פּאָרשטעלונג, וויא דיא זונן געהט אויף אין דער פריה, וויא זיא רייסט זיך ארוים פון דעם שוים פון דער מאָרגענרעטהע. שפּעטער האָט מען דיא מאָרגענרעטהע פּאָרגעשטעלט אלס א דונקעלע פרוי מיט א שטראהלענדעם קינד אויף דער האנד און מען האָט איהר גערופען „גאָט'ס מוטער“ און דאָס קינד — „גאָט'ס זוהן“. אזוי האָט מען, צום ביישפּיעל, פּאָרגעשטעלט ביי דיא עגיפּטער זייער בתולה־געטין איזיס מיט איהר געטליכען זוהן האָרוס דעם ער־לייזער, דעם געזאלבטען, דעם משיח.

דיא געבורט פון דיזע „געטליכע זיהן“ איז ביי אלע פעלקער געפייערט געוואָרען ענדע דעצעמבער, ווען דער זונען־יאהר ענדיגט זיך און דיא זונן הייבט ווידער אָן צו מאכען איהר רייזע איבער'ן

הימעל. אין אַלטער רוים האָט מען דעם 25טען דעצעמבער געפייערט דעם גרויסען יום טוב פון *Natalis Solis Invicti* (דיא געבורט פון דער אונבעזיעגליכער זונן). עהנליכע פעסטליכ־קייטען לכבוד דער געבורט פון דיא „געטליכע זיהן“ זיינען איינ־געפיהרט געוואָרען ביי פיעלע פעלקער. דיא צייט פון דער זונען־געבורט פאַלט אויך אויס אין דעם מזל בתולה. דיא כאַל־דעער, דיא ערפינדער פון דיא מזלות, האָבען פאַרגעשטעלט דיא געבורט פון דער זונן דורך דעם צייכען פון א „אינגעל וואָס ווערט געשפייזט פון א בתולה“.

ווען דיא שפאַנישע גלחים, וועלכע זיינען געקומען פּרעדיגען קריסטענטהום אין מעקסיקאָ און פּערו, וואָלטען געוואוסט פון דיזע אַלגעמיינע לעגענדען און איינבילדונגען וועגען דיא זונען־געטער מיט זייערע בתולות־מוטערס, וואָלטען זיי זיך גאָר ניט געוואונ־דערט צו געפינען א גאָט׳ס זוהן אין מעקסיקאָ מיט דעם נאָמען קוועצאַלקאָאַטל און א מערקווירדיגען יום־טוב לכבוד דער זונען־געבורט אין פּערו גראַדע אין דערזעלבער צייט, ווען מען פייערט ביי דיא קריסטען יעזוס׳עס געבורט.

דער אַמעריקאַנער געלעהרטער דאַניעל ברינטאָן, דער בעוואוס־טער גרויסער קענער פון אינדיאַנער שפּראַכען און לעגענדען, שרייבט אין זיין בעריהמטען בוך „מיטהען פון דער נייער וועלט“ אַזוי וועגען דעם מעקסיקאַנער משיח נאָך דיא לעגענדען :

„זיין נאָמען קוועצאַלקאָאַטל — „פויגעל־שלאַנג“ — פּעראַיי־ניגט דיא סימבאָלען פון ווינט און פון בליץ. ער איז דער הערשער פון דעם מזרח־שיין און פון ווינטען. אַלס דער הערשער פון ליכט איז ער געבאָרן געוואָרן פון א בתולה אין דעם לאַנד טולא אָדער טלאַפּאַלאַן, אין ווייטען מזרח, און איז געוועזען דער כהן גדול פון דיזער גליקליכער געגענד. דער מאָרגענשטערן איז געוועזען זיין סימ־באָל. גראַדע וויא אַלע העלדישע זיהן פון דער מאָרגענרעטהע, איז ער אויך פאַרגעשטעלט געוואָרען מיט א ווייסע הויט, מיט בלאָנדע האָאר און ווייסע קליידער. נאָך דעם וויא זיין טעגליכע ארבייט אויף דער ערד האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך אויך צוריקגעקעהרט

אין מזרח, אַנגעבענדיג אלס אורזאכע, דאָס דיא זונן, דיא הערר־שערין פון טלאפאלאן, פערלאנגט זיין אנוועזענהייט. אבער דיא ריכטיגע אורזאכע פון דיזען צוריק־קעהר איז געווען, דאָס ער איז ביינעקומען געוואָרען פון טעצקאטליפּאָקא, דעם גייסט פון דער נאכט, וועלכער האָט זיך אראָפּגעלאָזען פון הימעל אויף א שפּינ־געוועבס און האָט מכבד געווען זיין געגנער מיט א געטראנק, פער־שפּרעכענדיג אז דאָס וועט איהם געבען אונשטערבליכקייט. וועה־רענד אין אמת'ן האָט עס ביי איהם ארויסגערופען א'ן אונווידער־שטעהענדע שטרעבונג צו זיין היימאטה. דען דער ווינט און דיא שיין ציהען זיך ביידע צוריק, ווען עס דעמערט אָדער ווען דיא וואָל־קענס פערשפּרייטען זייערע פינסטערע געוועב איבער דיא בערג און גיסען פון זיך ארויס דעם ערקוויקענדען רעגען אויף דיא פעלדער.... וואו קעצאלקאָאטל האָט זיך נאָר בעוויזען, האָבען איהם בעגלייטעט אלערליי זינגענדע פויגלעך, דיא צייכענס פון פייפענדע ווינטען.... ווען ער איז ענדליך פערשוואונדען אין וויטען מזרח, האָט ער געשיקט צוריק פיער טרייע יונגען, וועלכע האָבען אימער געטהיילט זיין מזל און זיינען פלינק וויא דער ווינט. ער האָט זיי געהייסען פערטהיילען צווישען זיך דיא ערד און צו בעהערשען איהר ביז ער וועט אליין קומען צוריק.“

מיט דער צייט האָט מען איהם צוגעשריעבען מעלות פון אנ־דערע געטער. מען האָט פערשפּרייט וועגען איהם אזוי פיעל מעשיות, אז נאכפאָרשער זיינען צומישט געוואָרען, ווען זיי האָבען נאָכגעזוכט זייער ריכטיגע בעדייטונג. אלע נאהואטל־שטאמען האָבען פערעהרט דעם זעלבען זונען־גאָט אונטער פערשידענע נעמען און האָבען געבויט פאר איהם פיעלע טעמפּלען. מען האָט געפונען א סך געצקעס פון קוועצאלקאָאטל, געמאכט פון ליים און שטיינער: און אויך בארעליעפען, אויף וועלכע זיינע מעלות און אויפטהו־אונגען זיינען פאָרגעשטעלט. אלע גרויסע מוזעאומען פון איראָפּא און אמעריקא האָבען פיגורען פון דיזען מערקווירדיגען מעקסיקאַ־נער גאָט. ווען קאָרטעץ האָט זיך אָבגעשטעלט אין דער שטאדט טשאָלולא אויף זיין וועג נאָך דער הויפּטשטאדט פון דיא אצטעקען,

האָט ער דאָרט געפונען, אז דער גרעסטער טעמפעל איז געבויט געוואָרען לכבוד קוועצאלקאָאטל. דיא חורבות פון דיזען טעמפעל זיינען יעצט דיא אינטערעסאנטעסטע סמנים פון דער פארצייטיגער קולטור אין מעקסקא. נאָך דיא לעגענדען האָט זיך קוועצאלקאָאטל אָבגעשטעלט אין טשאָלולא איידער ער איז אוועק אין דיא אונ־בעקאנטע מזרח־לענדער. 20 יאהר האָט ער פערבראכט אין טשאָ־לולא צו בעלעהרען דיא טאָלטעקען און זיי צו געבען א העכערע רעליגיאָן מיט קרבנות בלויז פון בלומען און פרוכטען נאָך דיא יאהרעסצייטען. דאָס האָט אָנגעצייגט, אז דיזער גוטער און אויפ־קלערענדער אבגאָט איז ארויסגעטראָטען געגען בלוטיגע קרבנות, בעזאָנדערס מענשליכע. נאָר פון דעסטוועגען איז עס א פאקט, אז דיא אצטעקען האָבען אויך פערגאָסען מענשליכע בלוט אין זיינע טעמפלען. דיא פריעסטער, וועלכע האָבען געבראַוכט זייער גרויסען איינפלוס אויף דיא אצטעקען, אז מען זאָל אָפפערן וואָס מעהר מענשען צו דיא געטער, האָבען הפנים פערפלאָנטערט דיא לעהרען און לעגענדען פון קוועצאלקאָאטל.

צו זיין עהרע האָט מען אויך אויפגעבויט א ריעזיגע פיראמידע, וועלכע איז עהנליך צו דיא עגיפטישע און וועלכע ווערט נאָך יעצט בעוואונדערט פון רייזענדע. דיזע פיראמידע איז געווען 177 פוס הויך און פערנעהמט 44 אקער לאנד. דיא פלאטפאָרמע אויבען פערנעהמט א'ן אקער. אויף דיזער פלאטפאָרמע איז געשטאנען א טעמפעל מיט א סטאטוע פון קוועצאלקאָאטל, און טויזענדער מענ־שען פלעגען קומען אהין זיך בוקען. דער אָרט איז פערהייליגט געווען ביי אלע פעלקער אין אנאהואק. דיא בויערס פון דיזער פיראמידע זיינען וואהרשיינליך געווען דיא טאָלטעקען, וועלכע האָבען אויך בעזאָנדערס פערעהרט דיזען גאָט און האָבען דארום זעלטען געבראכט מענשליכע קרבנות. ווען דיא אצטעקען האָבען זיך ארייַנגעריסען אין אנאהואק, האָבען זיי שוין געפונען דיזע ריעזיגע פיראמידע.

אין דער הויפּשטאָט פון דיא אצטעקען איז דער גרויסער טעמפעל פון קוועצאלקאָאטל געווען אזא בלוטיגער, ווי אלע אנדערע,

מיט אויסנאהמע פון דעם טעמפעל צו דעם שוידערליכען קריגס־גאָט. לעבען אריינגאנג צו קוועצאלקאָאטל׳ס מזבח איז געשטאנען א פיגורע פון א דראגאָן. ווען דיא שפאניער האָבען אריינגעקוקט אין מויל פון דיזען דראגאָן, האָבען זיי דאָרטען דערזעהן דיא איני־סטרומענטנען, וועלכע דיא פריעסטער פלעגען געברויכען אין זייערע בלוטיגע צערעמאָניעס.

דיא קרייצען, וואס דיא ערשטוינטע שפאנישע גלחים האָבען געפונען אין מעקסיקאָ, זיינען הפנים ניט געווען פערבונדען דירעקט מיט דער פערעהרונג פון דיזען „גאָט׳ס זוהן“. וויא ווייט מען וויים יעצט פון דער רעליגיאָן פון דיא אצטעקען, איז דער קרייץ געווען דער סימבאָל פון זייער רעגענגאָט. דאָס הייסט יעדענפאלס, אז דיא פערעהרונג פון קרייצען האָט געהאט א צוזאמענהאנג מיט דיא הימלישע געטער. קוועצאלקאָאטל איז פערבונדען געוואָרען דירעקט מיט לעגענדען וועגען א געקרייציגטען גאָט, וועלכער איז אויפגעשטאנען תחית המתים. דיא קרייציגונג פון קוועצאלקאָאטל אויף א ב ו י ם איז בעטראכטעט געווען אלס א כ פ ר ה פאר מענשליכע זינד. זיין אויפלעבונג איז געפייערט געוואָרן אלס א רעטונג, ערלייזונג פאר דיא מענשען. צו זיין עהרע האָט מען עס איינגעפיהרט דיא בלוטיגע צערעמאָניע צו קרייציגען א מענשליכען קרבן און דורכצולעכערען זיין הארץ מיט פיילען ביי א געוויסע פעסטליכקייט.

דאָס שטימט אליץ מיט דעם זונען־געצענדינסט און מיט דיא ערלייזענדע געטער, וואָס מען האָט גערעכענט פאר געבאָרענע פון הימלישע בתולות, וויא דאָס איז שוין אויבען ערקלערט געוואָרען. נאָר דיא שפאנישע גלחים, וועלכע האָבען זיך ניט וויניג געבראָכען דיא קעפּ, ווען זיי האָבען פערגליכען דיא מעשיות וועגען קוועצאל־קאָאטל מיט דיא שילדערונגען וועגען די געבורט, טויט און אויפ־לעבען פון יעזוס קריסטוס, זיינען ענדליך געקומען צו דער בויך־סברה, אז דער הייליגער טהאָמאס האָט אמאָל פערבלאָנזשעט אין מעקסיקאָ און דאָרטען געפּרעדיגט קריסטענטהום, וועלכער איז פערדאָרבען געוואָרען פון דעם טייוועל.

דיא לעגענדען וועגען דער געטין סיאקאאטל האבען אויך ניט ווייניג איבערראשט דיא שפאנישע גלחים. מען קען זיך פארשטעלען זייער פערוואונדערונג, ווען זיי האבען דערהערט, וויא דיא בלוטיגע געצענדינערם רופען איהר „אונזער מוטער, וועלכע האט געבראכט דיא ערשטע זינד אויף דער ערד און וועלכע האט איבערגעלאזען דיא וועהטאגען פון קינדערגעבורט צו פרויען אלס א צייכען פון טויט"... איהר געצקע איז געווען ארומגערינגעלט מיט א שלאנג. איהר נאמען בעדייטעט : „שלאנגען־פרוי". ניט וויללענדיג האבען דיא גלחים געזעהען אין דעם א פערגלייך מיט אונזער מוטער חוה. נאך שטארקער און מערקווירדיגער האט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען דיזער פערגלייך, ווען מען האט געהערט דיא אצטעקען דערצעהלען, אז דיזע מעקסיקאנער חוה האט געבראכט זינדען און טרויער אויף דער ערד דורך דעם, וואס זיא האט אבגעריסען א פערבאטענע רויז... אויף אייניגע בילדער־שריפטען פון דיא טאלטעקען און אצטעקען איז נאך געווען פארגעשטעלט א גארטען מיט איין גרויסען בוים, ארום וועלכען עס איז געווען ארומגערינגעלט א שלאנג מיט א מענשליכען געזיכט!... דיזע לעגענדען, וויא אויך דיא לעגענדען וועגען א מבול און א מענשליכע פאאר, וועלכע האבען זיך געראטעט אויף א שיף מיט פאארען פון פערשידענע חיות און זיינען געבליעבען אויף א הויכען בארג, פון וואנען פויגלעך זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען צו ברייננגען גוטע בשורות — דאס האט געפיהרט אייניגע רעליגיעזע נאכפארשער צו מאכען דיא אונזיננניגע בעהויפטונג, אז דיא נאהואטל־שטאמען האבען עפעם געהערט פון דער ביבעל פאר קאלומבוס'עס רייזע. דער אמת איז אבער, אז אזעלכע לעגענדער זיינען זעלבסטשטענדיג ענטשטאנען ביי פערשידענע פעלקער אין אלע טהיילען פון דער ערד. עס איז שווער צו געפינען אפילו א ווילדעס פאלק, וואס זאל ניט האבען עפעס א מעשה וועגען א מבול און א'ן ערשטע מענשליכע פאאר.

א גרינדליכע נאכפארשונג פון דיא מעקסיקאנער לעגענדען האט נאך ארויסגעוויזען פיעלע אנדערע עהנליכקייטען מיט דיא

ביבלישע אָדער באבילאָנישע. צום ביישפּיעל, דיא גרויסע פּיראַ־ מידע פון טשאָלולא איז פערבונדען מיט א געשיכטע, דאָס זיא איז געבויט געוואָרען פון ריעזיגע מענשען, וועלכע זיינען ניצול געוואָ־ רען פון מבול און האָבען געוואָלט דערגרייכען ביז צו דיא וואָלקענס, נאָר דיא געטער זיינען אויפגערעגט געוואָרען דורך דיא חוצפּה פון דיזע מענשען און האָבען א לאָז געטהאָן א פייער פון הימעל אויף דער פּיראמידע, און דיא בויערס זיינען געצוואונגען געווען אָפּצור־ טרעטען. עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז דיזע לעגענדע האָט א'ן עהנליכקייט צו דער מעשה וועגען דעם טהורם אין בבל. עס איז אָבער אויך קלאָר, אז אזעלכע לעגענדען האָבען געמוזט געשאַ־ פען ווערען, ווען נאָר מענשען האָבען גענומען טראַכטען וועגען דיא הויכקייט פון הימעל און דיא אונמעגליכקייט צו דערגרייכען ביז צו דיא וואָלקענס מיט מענשליכע געביידעס.

אזעלכע עהנליכע לעגענדען צייגען נאָר, אז מענשען דענקען און גלויבען אויף א'ן עהנליכע ארט, ווען זיי געפינען זיך אויף א'ן עהנליכע קולטור־שטופע. קולטור־געשיכטליכע נאכפאָרשונגען בעשטעטיגען דיזע וואהרהייט אויף יעדען שריט.

מיר קענען יעצט שליסען דיזען קאפּיטעל מיט דער ריכטיגער בעמערקונג פון וויליאם פּרעסקאָט אין זיין געשיכטע פון דער עראָבערונג פון מעקסיקאָ, ווען ער דערצעהלט, וויא שנעל דיא שפּאַ־ ניער האָבען דאָרטען איינגעפיהרט דיא קריסטליכע רעליגיאָן: „מען האָט נאָר בעדאַרפט אריבערטראָגען דיא פערעהרונג פון קוועצאלקאָאטל'ס פיגורע אויף דער פיגורע פון דער הייליגער מאריע מיט איהר זוהן דעם ערלייזער; פון דעם צלם, וועלכער איז פערעהרט געוואָרען אלס דער סימבאָל פון דעם רעגען־גאָט, אויף דעם זעלבען צלם אלס דעם סימבאָל פון ערלייזונג“.

צעהנטער קאַפּיטעל.

דיא אינקאס און זייער אימפּעריע.

מיר װעלען יעצט איבערגעהן צו א בעשרייבונג פון דעם מערקווירדיגסטען פאָלק אין דער נייער וועלט: דיא זאָגענאנטע פּערואַנער.

אין 1532טען יאָהר, ווען פראנציסקאָ פּיזאַראָ, וועלכער האָט אין פיעלע הינזיכטען נאָכגעטהאָן זיין גרויסען פאָרגענגער, פערנאַנדאָ קאָרטעז, דעם עראָבערער פון מעקסיקאָ, האָט זיך בעוויזען מיט זיינע שווערד־העלדען אויף דיא ברעגעס פון זיד־אמעריקא לעבען גרויסען אָקעאַן, האָט דאָרטען געבליהט א זעלטענע אימפּעריע, דיא גרויסע אימפּעריע פון דיא אינקאס, דיא „זונען־קינדער“, וועלכע האָט פערנומען ביז א מיליאָן סקווער מייל און געהאַט א בעפעלקערונג פון 10 ביז 11 מיליאָן נפשות. איהר לאַנד פערנעהמען יעצט דיא רעפּובליקען פּערו, באָליוויא און עקוואַדאָר און טהיילווייז דיא רעפּובליקען טשילי און ארגענטיניא.

נאָך איהר געאָגראַפישער לאַגע איז זיא געוועזען דיא העכסטע אימפּעריע אויף דער ערד. איהר הויפּטשטאדט קוצקאָ געפינט זיך אויף בערג־געגענדען 13.000 פוס הויך איבער דער אָבערפלעכע פון ים. דאָרט געפינט זיך אויך פּאָטאָזי, דיא העכסטע שטאדט אין דער וועלט, וואָס איז בעריהמט מיט איהרע זילבער־מינען. צווישען קוצקאָ און פּאָטאָזי ליעגט דיא אָזערע טיטיקאקאָ, דיא גרעסטע אין זיד־אמעריקא און איינע פון דיא העכסטע אויף דער ערד.

דיזע געגענד איז געוועזען דער צענטער פון דער אינקא־ציוויליזאציאָן. פון דאָרט האָט זיא זיך פערשפּרייט אין דער לענג צום נאָרד און זיד איבער דיא אנדעס־בערג. דיא פּערואַנער אימפּעריע האָט זיך געצויגען 3000 מייל אין דער לענג, נאָר איהר ברייט איז

וואהרשיינליך אין קיין פונקט ניט געוועזן מעהר וויא 400 מייל. איהר וועסטליכער גרענעץ איז געוועזן דער גרויסער אָקעאַן; אין מזרח־זייט האָט זיא זיך געענדיגט מיט דיא טהאָלען, פון וועלכע עס רייסען זיך ארויס דיא שטראָמען וואָס פליסען אריין אין דעם ריזיגען טייך אמאזאָן. דיזער לאנגער און הויכער פאס לאנד איז דורכגעשניטען מיט דיא העכסטע בערג, אייביג בעדעקט מיט אייז, מיט אָבגרונדען און טהאָלען. לעבען דיא ברעגעס פון גרויסען אָקעאַן ציהען זיך ביז צו דיא בערג זאמדיגע וויסטעניסען אונ־געפעהר 60 געאָגראפישע מיילען ברייט. רעגענס פאלען דאָרטען זעהר זעלטען, נאָר ערטערווייז פליסען שטראָמען פון דיא אייז־בערג. דער קלימאט איז א טראָפישער, אָבער דיא ווארימקייט פון דער זונן מאכט נור דיזע רעגענלאָזע געגענדען וויסטער און אונערטרעגליכער. אויף דיא אנדעס־בערג איז דיא טעמפעראטור א מעסיגע, וואָס העכער אלץ קעלטער. מיט אויסנאהמע פון עטליכע פראכטפאָלע טהאָלען איז דאָס גאנצע לאנד א וויסטע. פאר אקער־בוי איז זיא יעדענפאלס ניט בעשאפען געוואָרען. דיא נאטור האָט איהר בעשאָנקען דערפאר מיט דיא רייכסטע מינען.

דאָך האָבען דאָרטען געלעבט פעלקער וואָס האָבען זיך אויס־געצייכענט אלס אקערבויער. דיא גאנצע אינקא־אימפעריע האָט זיך געהאלטען אויף אקערבוי. דערצו האָט מען דערגרייכט נאָך שווערע ארבייט אין פערלויף פון יאהרהונדערטע דורך קינסטליכע בעוואסערונג. וואו עס איז נאָר געוועזן דיא מעגליכקייט צו ציהען וואסער פון דיא בערג־שטראָמען, האָט מען געגראָבען קאנאלען און געבויט וואסערלייטונגען. פילע וויסטע ערטער לעבען דיא ברעגעס פון גרויסען אָקעאַן זיינען אזוי אומגעוואנדעלט געוואָרען אין פרוכטבארע פעלדער און גערטנער. דיא טהאָלען זיינען אויך קינסטליך בעוואסערט געוואָרען. דיא איינוואָהנער האָבען פלייסיג און סיסטעמאטיש געארבייט און האָבען זיך געלעבט זעהר רוהיג און געמיטהליך. צווישען דיא בערג האָבען זיך געצויגען שאָסעען מיט סטאנציאָנען פיר רייזענדע. דיזע וועגען זיינען געוועזן מערק־ווירדיגע און זיינען בעוואונדערט געוואָרען פון דיא שפאניער.

דיא הויפּט־וועגען, וועלכע ציהען זיך נאָך קוצקאָ, ווערען נאָך יעצט געברויכט. לעבען דיא שווערסטע און געפעהרליכסטע דורכ־געננגע צווישען דיא בערג מיט טיעפע און שרעקליכע אָבגרונדען האָבען זיך געפונען גוט אויסגעלייגטע וועגען מיט בריקען פאר פוס־געננגע און פאר דיא לאמאס. דיא זיד־אמעריקאנער שעפּסען, וועלכע זיינען געווען דיא איינציגע לאסט־טהיערען. אין ערגעץ, קען מען זאגען, האָט דער מענש ניט דערוויזען אזא קונסט צו בעזיעגען דיא אונגינסטיגע נאטור וויא אין פּערו, און אין קיין אָרט פון דער נייער וועלט, אפילו ניט אין מעקסיקאָ, האָבען דיא אינדיא־נער דערגרייכט אזא הויכע קולטור, וויא אין דער אינקא־אימפּעריע.

דיזע זעלבסטשטענדיגע און מערקווירדיגע ציוויליזאציאָן איז לײדער אין א קורצער צייט צושטערט געוואָרען פון דיא שפּאנישע שווערד־העלדען אונטער דער קאָמאנדע פון פּיזאראָ. די פּריעד־ליכע אקערבויער האָבען ניט געקענט אויסהאלטען מיט זײערע שטיינערנע און בראָנזענע געוועהר (פון אייזען האָבען דיא אינקאס ניט געוואוסט, אזוי וויא אלע אנדערע איינוואָהנער פון אמעריקא) דיא אטאקעס פון דיא שפּאניער מיט אויראָפּעאישע געוועהר. דערצו נאָך זיינען דיא שפּאניער אָנגעקומען אין דער צייט, ווען צוויי זיהן פון דעם אינקא הואינא־קאפּאק האָבען געקעמפּפט פאר דעם טהראָן פון דער גאנצער אימפּעריע. נאָך לאנגע שלאכטען האָט אטאהואלפּא, וועלכער האָט גע׳ירש׳ענט דיא מלוכה פון קוויטאָ אין נאָרד, (יעצט דיא רעפּובליק עקוואדאָר), בעזיעגט און געפאנגען זיין ברודער הואסקאר, וועלכער האָט גע׳ירש׳ענט דיא מלוכה פון קוצקאָ. ער האָט דאן זיך ערקלערט פאר דעם קעניג איבער דער גאנצער אימפּעריע און האָט געזאָלט אריינטרעטען אין קוצקאָ, אום געקרוינט צו ווערען אלס אינקא, דער פּערטרעטער פון דער געטליכער זונן אויף דער ערד, ווען דיא שפּאניער זיינען אָנגעקומען לעבען זיין לאגער אין דער שטאָדט קאקסאמאלקא און האָבען איהם אויף א שענדליכען, פּערראטהערישען אופן געפאנגען. ווען אטאהואלפּא האָט אָנגענומען דיא איינלאדונג פון פּיזאראָ איהם צו בעזוכען און איז געקומען מיט זיינע צאהלרייכע בעגליי־

טער, וועלכע זיינען אלע געווען אונבעוואפענט, איז ער פלוצלונג בעפאלען געוואָרען פון דיא שפּאנישע שווערד־העלדען, וועלכע זיינען געווען עקסטרא אויסגעשטעלט דערצו, און איז געכאפּט געוואָרען פון זיי נאָך א שוידערליכע אויסשלאכטונג פון זיינע בעגלייטער, וועלכע האָבען איהם פערטהיידיגט מיט לעדיגע הענד.

דאָס איז געווען איינע פון דיא נידערטרעכטיגסטע האנדלונגען פון דיא שפּאנישע שווערד־העלדען; אבער פּיזאראָ האָט זיך ניט געקימערט וועגען אזעלכע זאכען. פאר איהם איז נאָר וויכטיג געווען אויסצופיהרען זיין געוואגטען פּלאן צו פאנגען דעם אינקא זעלבסט (דאָ האָט ער נאָכגעמאכט קאָרטעז'ן, וועלכער האָט געפאנ־גען דעם אצטעקעך הערשער מאָנטעזומא, אבער אונטער אנדערע אומשטענדען), אום צו קענען הערשען אין פּערו. דאָס האָט ער אויסגעפיהרט נאָך בעסער, וויא ער האָט עס געקענט האָפען, דען דיא פּערואנער אימפּעריע איז געווען אזוי אָרגאניזירט, אז אָהן א אינקא איז זיא געבליבען וויא א גוף אָהן א נשמה. מען קען זאָגען, אז דיא שפּאניער זיינען גלייך געוואָרען דיא אמת'ע הערשער פון דער גאנצער אימפּעריע, וויא נאָר פּיזאראָ האָט אריינגעקראָגען אין זיינע הענד דעם אינקא אטאהואלפּא אין 1532. דיזער אינקא, וועמען עס האָט זיך גאָר ניט גע'חלומ'ט, אז דיא הייפעלע פרעמדע וועלען וואגען איהם צו פאנגען אונטער דער נאָז פון זיין גרויסער ארמעע, האָט אנפאנגס געהאָפט, אז ער וועט זיך קענען אויס־קויפען מיט גאָלד. ער האָט גלייך בעמערקט, וויא זשעדנע דיא שפּאניער זיינען געווען צו גאָלד, דארום האָט ער זיי פאָרגעשלאָגען אָנצופילען מיט גאָלד דעם צימער, וואו מען האָט איהם געהאלטען אין געפאנגעשאפט, אויב זיי וועלען איהם פערשפּרעכען פריי צו לאָזען. דער צימער, וואָס האָט געזאָלט אָנגעפילט ווערען מיט גאָלד, איז געווען 21 פוס לאנג און 17 פוס ברייט. אין דער הויך האָט מען געזאָלט אָנלעגען גאָלדענע זאכען ביז 9 פוס, וויא אטא־הואלפּא האָט אליין פאָרגעשלאָגען, אז ער וועט אָנפילען דעם צימער אזוי הויך וויא ער וועט קענען דערגרייכען מיט דער האנד. פּיזאראָ, וועלכער האָט גלייך אָנגענומען דעם פאָרשלאג, אָבוואָהל

ער האָט קיינמאָל ניט געדענקט צו האלטען וואָרט און פּרייצולאָזען דעם אינקא, האָט געמאכט א צייכען, וואו דעם אינקא׳ס האנד האָט דערגרייכט. מען האָט דאן אָבגעמאכט, אז דיא גאָלדענע זאכען זאָלען ניט צושמאָלצען ווערען, נאָר זאָלען געלעגט ווערען, וויא מען וועט זיי בריינגען, און אז א צימער דערביי זאָל צוויי מאָל אָנגעפילט ווערען מיט זילבערנע זאכען.

דיא שפּאניער האָבען זייערע אויגען ניט געגלויבט, ווען זיי האָבען געזעהן, וויא דער אינקא בעריהמט זיך צו קענען צושטעלען אזוי פיעל גאָלד און זילבער, אבער ער איז אזוי זיכער געווען, דאָס ער האָט נאָר געבעטען צוויי מאָנאט צייט, אום זיינע שילוחים זאָלען קענען אויספיהרען זיין בעפעהל. נאָר דיא אומשטענדען זיינען געוועזן אזעלכע, אז נאָך איידער מען האָט אָנגעפילט דעם צימער ביז צו דעם בעשטימטען צייכען (אין פּערו איז געווען גענוג גאָלד אָנצופילען עטליכע אזעלכע צימערן), האָבען דיא שפּאניער פערלאנגט א חלוקה פון דיא געבראכטע אוצרות, צווישען וועלכע עס זיינען געווען פיעלע קונסטווערק, וואָס זייער ארבייט איז ווערטה געווען מעהר וויא דאָס געוויכט פון גאָלד. דיא שעהנסטע פון דיזע קונסטווערק זיינען געשיקט געוואָרען נאָך שפּאניען, אום צו צייגען דיא ארבייט פון דיא פּערואנער און דיא וויכטיגקייט פון דעם לאנד. דאָס איבריגע איז צושמאָלצען געוואָרען, אום מען זאָל קענען לייכטען און ריכטיגער מאכען דיא חלוקה. מען האָט דאן אויסגערעכענט, אז דאָס גאָלד האָט בעטראָפען 1,326,539 פּעזאָס־דע־אָראָ (דאָס וואָלט יעצט ווערטה געווען ביז דריי־און־א־האלב מיליאָן פונט סטערלינג). זייט דיא וועלט שטעהט, איז נאָך א רויבער־באנדע (דיא שפּאנישע שווערד־העלדען זיינען אייגענטליך געווען מיליטערישע באנדיטען) ניט געלונגען צו קריי־גען מיט איין קלאפּ אזוי פיעל גאָלד.

וואָס אנבעלאנגט צו דעם אונגליקליכען אינקא אטאהואלפּא, זאָ האָט מען איהם באלד נאָך דיזער זעלטענער חלוקה איבערגעגעבען צו א געריכט, מיט דעם צוועק איהם צו שיקען אויף יענער וועלט. מען האָט ניט לאנג בעדארפט זוכען בעשולדיגונגען,

אום צו קענען איהם שנעל פעראורטהיילען צום טוידט. מען האָט איהם, וועלכער איז נאָך מיט עטליכע מאָנאטען צוריק געווען דער אונבעשרענקטער הערשער פון לאנד, דער פערגעטערטער פער־טרעטער פון דער זונן אויף דער ערד, פעקלאָגט אין האָכפערראטה געגען דעם שפאנישען קעניג און אין א פערשווערונג געגען פיזאראָ'ם באנדע; און דיא גרויזאמע שווערד־העלדען, וועלכע זיינען געוואָרען ריכטער, אום לויז צו ווערען פון איהם, האָבען איהם אָהן צערעמאָניעס פעראורטהיילט צום טויט דורך א'ן אויטאָ־דא־פע אויף דעם פלאַץ פון קאקסאמאלקא. צו עהרע פון אייניגע שווערד־העלדען מוז מען זאָגען, אז זיי זיינען געווען געגען דעם טוידט־אורטהייל און האָבען זאָגאר געשיקט א פראָטעסט צו דער שפאנישער רעגיערונג געגען דיזע נידערטרעכטיגקייט. דעם 29טען אויגוסט 1533 — 10 מאָנאט נאָכדעם וויא ער איז געפאנגען געוואָ־רען — האָט מען דעם לעצטען אינקא ארויסגעפיהרט — דיא הענד און דיא פיס געשמידט אין קייטען — צום פלאַטץ, וואו ער האָט געזאָלט פערברענט ווערען לעבעדיגערהייט. א דאָמיניקאנער גלח איז דיא גאנצע צייט ניט אָבגעטראָטען פון איהם, איינרעדענדיג איהם צו רעטען וועניגסטענס זיין נשמה פון גיהנם דורך א בעקעה־רונג צום קריסטענטהום, נאָר דער געבראָכענער אינקא האָט דער־פון ניט געוואָלט הערען. ענדליך, ווען מען האָט איהם צוגעבונדען צום שאנד־קלאָץ און זיך געקליבען אָנצוצינדען דיא האָלץ ארום, האָט דער גלח איהם דערלאנגט א קרייץ און ערקלערט, אז אויב ער וועט זיך לאָזען טויפען וועט מען דיא פיינליכע טויט־שטראָף דורך פייער אומבייטען אויף דיא לייכטערע טויט־שטראָף דורך דערשטיקען. דאָס האָט „בעקעהרט" דעם אונגליקליכען אינקא. מען האָט שנעל אָבגעפראוועט דיא טויף־צערעמאָניע און איהם א נאָמען געגעבען יאָהאן (עס איז גראדע געווען דער טאָג פון יאָהאן דעם טויפער) און דאן איהם גאראָטירט (דערשיקט מיט דער גאראָ־טע), וועהרענד אלע שפאניער ארום האָבען געזאָגט קרעדאָ (אזא קאטוילישע תפילה) פיר דיא רעטונג פון זיין נשמה!...

מיט דיזער ערמאָרדונג פון אטאהואלפא האָט זיך נאָך ניט

געענדיגט דער קאמפף אין פערו צווישען דיא איינגעבארענע און שפאניער; אבער פיזארא׳ס באנדע האט געהאט א פיעל לייכטערע ארבייט צו פערכאפּען דיא אימפעריע פון דיא אינקאס, וויא קאר־טעץ אין מעקסיקא. דיא פערואנער זיינען קיינמאל ניט געוועזען אזוי קריגעריש, וויא דיא אצטעקען, אבוואהל זיי האבען געגרינדעט און אנגעהאלטען אזא ריעזיגע אימפעריע. און ווען מען האט נאך אומגעבראכט זייער אינקא, זיינען זיי געבליבען וויא שעפסען אהן א פאסטוך. אום צו קענען לייכטער בעהערשען דיא פערואנער אימפעריע האט פיזארא אנערקענט דעם יונגען פרינץ מאנקא, א ברודער פון אטאהואלפּא, פאר דעם אינקא. דיא שפאניער האבען געמיינט, אז דיזער יונגער פרינץ וועט זיין א געהארכזאמע געצייג אין זייערע הענד, אבער זיי האבען א טעות געהאט אין איהם. ביי דער ערשטער געלעגענהייט איז ער אנטלאפען פון קוצקא און האט צוזאמענגעקליבען ארום זיך א גרויסע ארמעע, וועלכע האט אנ־געטאן גרויסע צרות פיזארא׳ס באנדע. מאנקא האט בעוויזען פיעל מוטה און גוטע פעהיגקייטען, אבער איהם איז דאך ניט געלונגען צו פעריאגען דיא שפאניער פון קוצקא און ער האט נאכהער געמוזט ארומוואנדערען און זיך בעהאלטען אין דיא בערג, וויא א פער־שאלטענער. אפילו ווען דיא שפאניער האבען אנגעפאנגען צו קעמפפען צווישען זיך און פיזארא איז ערמארדעט געווארען פון זיינע געגנער, האבען דיא פערואנער אונטער דער קאמאנדא פון אינקא מאנקא אויך גאר ניט געקענט אויפטהאן געגען דיא שפא־ניער מיט זייערע שווערדען, ביקסען, פערד און קאנאנען.

* * *

אום צו פערשטעהען, ווארום דער שיקזאל פון אזא גרויסע און גוט־קולטיווירטע אימפעריע איז אבהענגיג געוועזען פון דעם לעבען פון איין מענשען, איז נעטהיג צו ווארפען א בליק אויף דער ארגאניזא־ציאן פון דיזער זאנדערבארער מלוכה.

א׳ן אינקא איז געוועזען ניט בלויז דער אונבעשרענקטער הויפט פון א שטאאט, זאנדערן אויך א פערגעטערטער מאן. זיינע בעפעהלע האט מען געפאלגט איינפאך אלס א געבאט פון גאט אליין. ער

איז גערעכענט געוואָרן פאר א פאָטער און בעשיצער פון פאָלק, און מען מוז זאָגען, אז ער איז עס אויך געווען, דען דיא אינקאס זיינען געווען איידעלע און וויכהערציגע דעספּאָטען. זיי האָבען געהערשט איבער פערשידענע פעלקער ניט מיט שרעק און גרויזאמקייט, וויא דיא אצטעקען און דיא אזיאטישע דעספּאָטען, זאָנדערן מיט קלוגע און גוטע איינפיהרונגען, מיט א מין קאָמוניסטישע סיסטעם, וועלכע האָט אלעמען פערזאָרגט וועניגסטענס מיט ברויט און א וואָהנונג.

דיא אָבשטאמונג פון דיא אינקאס איז אונבעקאנט. אזוי וויא דיא פּערואנער זיינען ניט דערגאנגען צו דער קונסט פון שריפטען, ווייס מען ניט פון זייער געשיכטע ביז מיט א יאָהר 400 פאר דעם אָנקומען פון דיא שפּאניער. נאָך דיא לעגענדען פון דיא פּערואנער האָבען זייערע פאָר־פאטערס געלעבט אין א ווילדען און טרויערי־גען צושטאנד, פּרעסענדיג אפילו זייערע קריעגס־געפאנגענע, ביז דיא זונן, דיא שעפּפערין פון אלעם לעבענדיגעם און פון מענשען, האָט רחמנות געהאט אויף זיי און האָט אראָפּגעשיקט צוויי פון איהרע קינדער, מאנקאָ קאפאק און מאמא (מוטער) עלאָ, צו גרינ־דען געמיינדעס און צו לערנען דיא מענשען, וויא צו לעבען אין א ציוויליזירטען צושטאנד. דיא הימלישע פּאָאָר, ברודער און שוועסטער, מאן און פרוי (דארום איז עס געבליבען א מנהג, אז דיא געקרוינטע אינקאס זאָלען חתונה האָבען מיט א שוועסטער, אום זייער געטליכע בלוט זאָל ריין בלייבען), האָט זיך צוערסט בעוויזען אין דער געגענד פון דער אָזערע טיטיקאקא. זיי האָבען געטראָגען מיט זיך א גאָלדענעם קלין און האָבען געקראָגען א בעפעהל פון דער זונן צו בעזעצען זיך אין אזא אָרט, וואו דיזער קלין וועט אליין אריינקריכען אין דער ערד. דער אָרט, וואו דיזער וואונדער איז געשעהן, איז געווען קוצקאָ, דיא הויפּטשטאָדט פון דיא אינקאס. דער וואָרט קוצקאָ בעדייטעט „נאָפּעל“, און דיזע שטאדט איז גערעכענט געווען פון דיא פּערואנער פאר דעם צענטער פון דער ערד.

ארום דיזע זונען־קינדער האָבען זיך בּיסלעכווייז צוזאמענגע־קליבען דיא ווילדע איינוואָהנער, וועלכע האָבען אָנגעפאנגען צו

לעבען גליקליך און צו פערעהרען דעם שעפפענדען גייסט פון דער וועלט און זיינע צוויי גרויסע פערטרעטער, דיא זונן און דיא לבנה, דעם פאטער און דיא מוטער.

דאָס איז אָבער ניט דיא איינציגע לעגענדע וועגען דיא גרינ־דונג פון דער פערואנער אימפעריע. דיא אינטערעסאנטעסטע פון דיזע לעגענדען איז דיזע, וועלכע דערצעהלט, דאָס געוויסע ווייסע מענשען מיט בערד זיינען געקומען פון דיא ברעגעס פון דער אָזערע טיטיקאקא און האָבען געלערנט דיא איינוואָהנער דיא קונסטען פון ציוויליזאציאָן. דאָס דערמאָנט אָן דיא לעגענדען פון דיא מעקסיקאנער וועגען קוועצאלקאָאטל. וויא אזוי דיזע קולטור־פעלקער פון נאָרד און זיד־אמעריקא, וועלכע האָבען קיין פערקעהר ניט געהאט, וויא דאָס איז שוין אָנגעצייגט געוואָרען אין א'ן אנדער קאפיטעל פון דיזען בוך, זיינען געקומען צו עהנליכע געשיכ־טען וועגען ווייסע און בערדיגע ציוויליזירערס, קען מען עס נאָר ערקלערען אין פערבינדונג מיט דעם גלויבען אין זונען־געטער.

נאָר אלע לעגענדען פון דיא פערואנער וועגען דעם אָנפאנג פון זייער אימפעריע, וועלכע בעציהען זיך אונגעפעהר ארום דעם צוועלפטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג, שטימען ניט מיט דיא נאָכפאָרשונגען פון געלעהרטע. אויף די ברעג־געס פון טיטיקאקא געפינען זיך נאָך יעצט חורבות פון געביידעס, וועלכע זיינען זיכער עלטער, וויא דיא צייט פון דער הערשאפט פון דיא ערשטע אינקאס, דיא „הימלישע פּאָאר“. דיא פערואנער אליין האָבען צוגעגעבען, אז דיא חורבות האָבען עקזיסטירט פאר דעם אָנקומען פון דיא אינקאס. פיעלע אויסגראָבונגען אין פערו האָבען בעוויזען, אז דיא ציוויליזאציאָן האָט זיך דאָרטען אָנגע־פאנגען לאנג־לאנג פאר דעם צוועלפטען יאהרהונדערט. אזוי מוז מען עס אויך אָננעהמען נאָך דיא געזעצע פון דער נאטירליכער ענטוויקלונג, וועלכע געהט אימער אָן שטופּענווייז. א פאָלק קען ניט ווערען און איז קיינמאָל ניט געוואָרען ציוויליזירט מיט איין מאָל. יעדע אויסבעסערונג אין דער קולטור האָט געדויערט א לאנגע צייט, וואס ווייטער צוריק אלץ לענגער. איידער דיא איינ־

קאם זיינען געווען הערשער, האָבען זיבער געלעבט פעלקער, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט צו א ציעמליך הויכע קולטור־שטו־פע. דיא אינקאם האָבען זיך אריינגעריסען אין קוצקאָ, דעם צענ־טער פון ציוויליזאציאָן אין זיד־אמעריקא, אונגעפעהר אין דרזעל־בער צייט, ווען דיא אצטעקען האָבען געגרינדעט זייער הויפט־שטאדט. וויא ווייט מען איז ביז יעצט דערגאנגען, האָבען אין פערו געלעבט פערשידענע שטאמען, וועלכע זיינען בעזיעגט געוואָרען פון דיא זאָגענאנטע קוויטשואס מיט זייערע אינקאס. מען רעכענט, אז דיא געשיכטע וועגען דיא הימלישע פּאָאַר איז אויסגעטראכט געוואָרען שפּעטער, אום צו געבען דיא פּערואנער מלכים א געטליכע אָבשטאמונג.

זיכער איז עס יעדענפאלס, אז דיא מיטגליעדער פון דעם הער־שענדען אינקא־שטאם אין פערו זיינען געשטאנען העכער פיזיש און גייסטיג וויא אלע אנדערע שטאמען אין זיד־אמעריקא. טהיילווייז איז עס וואהרשיינליך געקומען פון דעם, וואס זיי זיינען אין פער־לויף פון יאהרהונדערטע געוואָהנט געוואָרען צו קאָמאנדירען און וואָס זיי האָבען נאטירליך אויך געלעבט בעסער און פיינער, וויא אלע אנדערע אין דער אימפּעריע. זיי זיינען געווען דיא העכסטע אריסטאָקראטיע אין לאנד. זיי האָבען זיך אלע גערעכענט פאר דיא קינדער פון דער הימלישער אינקא־פּאאר און פּאָלגליך אויך פאר קרובים פון דיא פערגעטערטע מלכים. זיי האָבען מייסטענס געלעבט אין קוצקאָ ארום דעם קעניג און האָבען פערנומען דיא העכסטע שטעלען אין שטאאט. נאָר זיי האָבען געקענט ווערען פריעסטער. זיי האָבען זיך אונטערשיידעט פון אלע אנדערע קלאסען מיט זייערע קליידער און אפילו מיט זייער שפּראך. זיי זיינען ניט געווען אונטערוואָרפען צו דיא אלגעמיינע געזעצע. דאָס פּאָלק האָט זיי געשעצט און פערהייליגט אזוי ווייט, אז מען האָט געגלויבט, דאס א׳ן אינקא איז ניט פעהיג צו בעגעהן א פער־ברעכען.

דיא נעקסטע צו דער אינקא־אריסטאָקראטיע זיינען געווען דיא עלטסטע פון דיא אונטערטהעניגע שטאמען. ווען דיא אינקאס

פלעגען מיט קריעגערישע אָדער פריעדליכע מיטעל אונטערוואַרפען א פאָלק, פלעגען זיי געוועהנליך לאָזען דיא איינגעבאָרענע פיה־רערס אויף זייערע פלעצער. אויף דיזער ארט פלעגען דיא בזיעגטע שנעל צוגעבונדען ווערען צו דער אימפעריע. דיא אינקאס פלעגען ספּעציעל זאָרגען, אז דיא עלטסטע פון דיא בעהערשטע פעלקער זאָלען וואָס שנעלער אויסלערנען דיא שפּראך פון דיא זיעגערס, דעם קוויטשוא דיאלעקט, וועלכער איז ווירקליך געוועזען דער שעהנ־סטער און ענטוויקעלסטער. דיזער דיאלעקט איז שליסליך געוואָ־רען דיא שפּראך פון דער אדמיניסטראציאָן און פון דיא העכערע קלאסען. מיט דער הילפע פון דיזער שפּראך און פון דיא אלגעמיינע געזעצע וועגען פערטהיילונג פון לאנד און פון פּראָדוקטען האָבען דיא אינקאס גאנץ לייכט און פריעדליך אסימילירט אלע פעלקער אונטער זייער השגחה.

איבער אלעמען איז געשטאנען דער קעניג פון דיא אינקאס, דער פערקערפּערטער גאָט. דער טהראָן פלעגט איבערגעהן צו דעם עלטעסטען זוהן פון דער געזעצליכער קעניגין, וועלכע איז שטענדיג געוועזען איינע פון דיא שוועסטער פון דעם הערשענדען אינקא. דער קרוינפּרינץ פלעגט זעהר זאָרגפעלטיג ערצויגען ווערען פון דיא קליגסטע און געלערנטסטע מיטגלידער פון אינקא־שטאם. צו 16 יאהר, ווען אלע יונגע אריסטאָקראטען פלעגען אָבגעבען עקזאמען און צייגען זייערע מיליטערישע פעהיגקייטען, פלעגט מען אויך עקזאמינירען דעם קרוינפּרינץ. 30 טעג פלעגט מען איהם דאַן האלטען אין אזא שטרענגער דיסציפּלינע וויא דיא חברים, מיט וועלכע ער האָט צוזאמען געלערנט. ער פלעגט דאַן שלאָפען אויף היילע ערד, ארומגעהן בארפוס און אין אָרימע קליידער. דאָס האָט מען איינגעפיהרט, אז דער צוקינפטיגער אונבעשרענקטער הערשער זאָל פערשטעהן דיא ליידען פון פאָלק און האָבען מיטלייד מיט דיא אָרימע.

נאָך דיזע פּראָבעס פלעגט מען אויסקלייבען דיא בעסטע חברים פון דעם קרוינפּרינץ און זיי פאָרשטעלען פאר דעם אינקא־הער־שער, וועלכער פלעגט פאר זיי צוערשט האלטען א דרשה, אז זיי

זאָלען זיך אויפפיהרען גוט און פרום און פאָלגען דעם ביישפּיעל פון זייער הימלישען פאָטער מאנקאָ קאַפּאַק, וועלכער האָט בעגליקט די מענשהייט. ער פלעגט זיי אלעמען פאטערליך רופען „קינדער פון דער זונן" און זיי צייגען זייערע פפליכטען צום פאָלק. נאכהער פלעגט ער זיי אויפנעהמען אלס מיטגליעדער פון א מין ריטער־ליכען אָרדען. דיא וויכטיגסטע צערעמאָניע דערביי איז געוועז, אז דער קעניג פלעגט דורכלעכערן דיא אויערן פון יעדען יונגען מאַן מיט א גאָלדענעם שפּיץ. גרויסע אויער־רינגען זיינען געוועזן א בעזונדערער צייכען פון דיזען ריטערליכען אָרדען. דער קעניג זעלבסט פלעגט שלעפּען אזעלכע שווערע אויער־רינגען, דאָס דער אונטערשטער טהייל פון אויער פלעגט אויסגעצויגען ווערען כמעט ביז צו דעם שולטער.

ווען דער יורש פלעגט אויסהאלטען אלע פּראָבעס און דורכ־מאכען פערשידענע צערעמאָניעס, פלעגען אלע מיטגליעדער פון דער קעניגליכער פאמיליע און די אדעליגע זיך קניען פיר איהם און ערקלערען איהם פאר דעם צוקינפטיגען קעניג. דאַן פלעגט ער קריגען א רעכט צו נעהמען א זיטץ אין דעם שטאַאטס־ראטה. מען פלעגט איהם אויך שיקען מיט אן ארמעע איינצונעהמען א פאָלק, אום ער זאָל אין דער פּראַקטיקע לערנען דיא מיליטערישע קונסט.

גלייך נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער פלעגט דער אנערקענ־טער יורש געקרוינט ווערען. אלס צייכען פון זיין געטליכער הער־שאַפט פלעגט ער אָנטהאָן א רויטען טורבאַן, גענאַנט לאַטו, בע־פוצט מיט צוויי פעדערן פון א זעהר זעלטענעם פויגעל. זיין ווילען איז דאַן געוועזן א הייליגער געזעץ פאר אלעמען.

פון צייט צו צייט פלעגט דער אינקא־קעניג מאכען רייזען אי־בער זיין אימפעריע, אום צו זעהן אויב אלעס געהט צו אין דער שטרענג בעשטימטער אָרדנונג. דיא העכסטע און אדעלסטע מע־נער פלעגען איהם דאַן טראָגען אויף זייערע פלייצעס אין א ספּע־ציעלען באלדאכין. פאָראויס פלעגען מארשירען סאָלדאַטען, וועלכע פלעגען אָפּקעהרען יעדען שטיינדעלע פון וועג און נאכהער שיטען

בלומען. איבעראל פלעגען זיך צוזאמענקלייבען מאסען מענשען צו ווארפען א בליק אויף דעם פערגעטערטען קעניג. ער פלעגט אָפט אליין אויסהערען די קלאגען און בקשות פון זיינע אונטער־טהאנען און געבען זיין ענטשיידונג אין שטרייט־פראגען.

יעדער אינקא־קעניג פלעגט זיך בויען זיינע פאלאצען, וועלכע זיינען געווען פול מיט דיא טהייערסטע שטאָפען און בעפוצט מיט זילבער און גאָלד. טהייערע גערטנער, וואו דער אינקא פלעגט פער־ברענגען דיא צייט מיט זיינע צאָהלרייכע קעבס־ווייבער, האָבען ארומגערינגעלט דיעזע פאלאצען, וועלכע פלעגען בלייבען פוסט נאָך דעם טויט פון דעם הערשער. א מערקווירדיגער מנהג האָט עקזיס־טירט אין אינקא־לאנד. דער קרוינפרינץ האָט נאָר גע׳ירש׳ענט דעם זונען־טהראָן, אָבער ניט זיין פאָטער׳ס פערמעגען. אלע פאלא־צען פון א פערשטאָרבענעם אינקא, מיט אלע קאָסטבארע זאכען, מיט דיא זילבער און גאָלד, פלעגען פערבלייבען פאר זיין נשמה. דער נייער הערשער האָט געמוזט אליין זיך פערזאָרגען מיט אלע זאכען, וועלכע א׳ן אינקא האָט געהאלטען פאר נעטהיג צו האָבען. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אז דער פערשטאָרבענער אינקא וועט אמאָל אויפשטעהן תחית המתים. מען האָט דארום געוואָלט, אז ער זאָל אלעס געפינען אונטער דער האנד, וויא ער האָט עס געלאָזען איידער ער איז אוועק צו „זיין פאָטער, דיא זון“. אין פערו איז אָבער געווען אזוי פיעל גאָלד און זילבער, און דאָס פאָלק האָט אזוי פלייסיג געארבייט, אז יעדער אינקא האָט געקענט לאָזען בויען טהייערע פאלאצען, האָט געקראָגען גענוג זילבער און גאָלד אפילו פאר געשיר און וואסער־לייטונגען, און האָט געלעבט אין גרעסטען לוקסוס צוזאמען מיט זיינע צאָהלרייכע ווייבער און דיענערס.

די לויה פון א׳ן אינקא פלעגט געפראוועט ווערען מיט גרויסע צערעמאָניעס. דעם קערפער פלעגט מען באלזאמירען און אוועק־זעצען אויף א גאָלדענעם שטוהל אין דעם גרויסען טעמפעל פון דער זון אין קוצקאָ, וועלכער איז פול געווען מיט גאָלד און זילבער (דיזער טעמפעל איז געווען א׳ן אוצר פאר די שפאנישע שווערד־

העלדען, וועלכע האבען אראבגעשליידערט דיא אינקא־מומיעס און צוגענומען אלע זייערע ציערונגען). אין א גרויסען זאאל, דער הייליגסטער ארט פון דעם טעמפעל, זיינען געזעסען דיא טויטע הערשער פון דער פערואנער אימפעריע, דיא קעניגע צו דער רעכ־טער האנד, דיא קעניגינען צו דער לינקער האנד. יעדע מומיע האט געטראגען דיא טהייערסטע קליידער מיט ציערונגען. דיא קישקעס פון א׳ן אינקא פלעגט מען בעערדיגען אין א׳ן אנדער טעמפעל. אין קבר פלעגט מען אריינלעגען פיעלע גאלדענע זאכען און ערדעלשטיי־נער, און אויפ׳ן קבר פלעגט מען אויסשלאכטען א געוויסע צאהל פון דעם אינקא׳ס ווייבער און געליעבטעסטע דיענערס. דער מנהג צו טויטען דיא ווייבער און דיענערס פון א הערשער אדער אפילו פון א קריעגס־פיהרער און עלטסטען האט עקזיסטירט ביי פיעלע פעלקער. אין אינדיען, וויא בעוואוסט, פלעגט מען פערברענען דיא ווייבער אויף דיא קברים פון זייערע מענער ביז דיא ענגלענדער האבען דארטען איינגעפיהרט זייער הערשאפט. דיזער אבער־גלויבען איז געווען אזוי וויט און טיעף איינגעווארצעלט, אז פרויען פלעגען גאנץ פרייוויליג זיך אפפערען אויף דיא קברים פון זייערע מענער, אום צו בלייבען טריי ביז׳ן טויט. מען בעהויפ־טעט, אז ביז טויזענד נפשות פלעגט מען אומברענגען אויף דעם קבר פון א׳ן אינקא.

דער טאג פון דער לויה פון א׳ן אינקא איז געווען א׳ן אלגעמיי־נער טרויער־טאג אין דער אימפעריע. יעדען יאהר פלעגט מען קור־מען אין פראצעסיאנען צום זונען־טעמפעל אויסדריקען טרויער וועגען דעם טויט פון דעם אינקא. פאעטען און זינגערס פלעגען דאן האלטען הספדים און לויבען דעם געשטארבענעם אינקא, אום דער לעבעדיגער זאל זיך אראפנעהמען א מוסר און פאלגען דעם ביי־שפיעל פון זיין פאטער. ביי איינציגע פעסטליכקייטען פלעגט מען נאך ארויסטראגען דיא מומיע פון דעם אינקא אויף א גרויסען פלאץ אין קוצקא און געבען א גרויסען באנקעט צו זיין עהרע. מען פלעגט דאן אנהאלטען דעם זעלבען צערעמאניאל אזוי וויא דער אינקא וואלט געלעבט און געזעסען אויפ׳ן טהראן.

אין דער קונסט צו באלזאמירען קערפּערס און מאכען מומיעס, זיינען דיא פּערואנער געווען עהנליך צו דיא עגיפּטער. דיא פיגורע 43 שטעלט פאר איינע פון דיא פּערואנער מומיעס. דיא אורזאכע פון דיזע איינפיהרונגען איז געווען דיא זעלבע, נעמליך,

פיג. 43 — א פּערואנער מומיע.

דער גלויבען, אז דיא נשמה וועט זיך א מאל צוריקקעהרען אין דעם זעלבען גוף. זייערע רעליגיאָנען זיינען אבער אין אנדערע הינזיכטען ניט געווען עהנליך. דיא פּערואנער האבען אנערקענט א העכסטען וועזען, דעם גרויסען גייסט און בורא פון דער וועלט, אזוי וויא אנדערע אינדיאנער פעלקער. דער געברויכליכסטער נאמען פון

דיזען „אונזעהבארען גאָט“ איז געווען פאַטשטאַקאמאַק, וואָס עס האָט בעדייטעט „דער וואָס האַלט אָן אָדער גיט לעבען אין דער וועלט“. פאַר דיזען העכסטען גאָט האָט מען אָבער קיינע טעמ־פּעלסט ניט געבויט. פערעהרט האָט מען בעזאָנדערס דיא זון, דעם קוואַל פון ליכט, ווארעמקייט און פלאַנץ־לעבען. אין יעדער שטאָט אָדער אפילו אין יעדען דערפעל איז געווען א טעמפּעל לכבוד דיא זון. דיא לבנה איז פערעהרט געוואָרען אלס דיא שוועסטער־ווייב פון דער זון. דיא שטערן זיינען גערעכענט געווען פאַר זייערע בעגלייטערס. דיא פּלאַנעטע ווענוס איז ספּעציעל פערעהרט געוואָרען אלס דער טרייעסטער בעגלייטער פון דער זון ביי איהר אויפגאַנג און אונטערגאַנג. דיא פּערואַנער האָבען אויך געבויט טעמפּלען לכבוד דיא געטער פון דונער און בליץ, אלס דיא שרעקליכע שלוחים פון דער זון, און לכבוד דעם רעגענבויגען אלס דיא שעהנסטע אָבשטראַהלונג פון דער זון.

דיא אינקאַס, וועלכע זיינען גערעכענט געווען פאַר דיא קינ־דער פון דער זון, האָבען נאַטירליך געזוכט וואָס מעהר צו שטיצען און צו פערשפּרייטען דעם זונען־געצענדיענסט. אין קיין אנדער לאַנד איז דיא זון דארום ניט אַזוי פיעל פערגעטערט געוואָרן, וויא אין פּערו, דען דיזע פערעהרונג איז צוגלייך געווען א רעליגיעזע און פּאָליטישע. דיא הערשער האָבען פערברויכט מאַסען גאָלד און זילבער פאַר דיא זונען־טעמפּלען. דער גרויסער טעמפּעל אין דער הייליגער שטאָדט קוזקאָ, א ריזיגע געביידע, איז אַזוי פיעל בעצירט געוואָרן מיט גאָלד, אַז ער האָט געקראָגען דעם נאָמען „קאָריקאַנ־טשאַ“ (פּלאַץ פון גאָלד). אינעווייניג איז ער טאַקי געווען א גאָלד־מינע. דיא פּערואַנער האָבען פּאָעטיש גערופען גאָלד: „טרערען פון דער זון“. ארום דעם גרויסען זונען־טעמפּעל זיינען געשטאַנען טעמפּלען פאַר דיא לבנה, דיא שטערן, דעם רעגענבויגען און דעם דונער און בליץ — אלע פול מיט גאָלד און מיט זילבער. אפילו דיא רערען פאַר דיא וואַסערלייטונג און דיא גערטנער־געצייג זיינען געמאַכט געווען פון זילבער. דיא גאָרטענס ארום דיזע טעמפּלען זיינען געווען בעצירט מיט פיעלע פיגורען פון חיות און פלאַנצען —

ווידער אין זילבער און גאָלד. דיזע פיגורען זיינען געווען אמת'ע קונסטווערק און זיינען זעהר בעוואונדערט געווען פון די שפּאַניער.

* * *

א גאנצע ארמעע פון פריעסטער האָבען געפּראַוועט צערעמאָניעס אין דיזע טעמפּלען. דער „פּלאַץ פון גאָלד" איז בעדיענט געווען פון 4000 פריעסטער, אלע פון אינקא־שטאם. דער כהן גדול איז געווען די העכסטע פּערזאָן אין דער אימפּעריע נאָך דעם קעניג. געוועהנליך איז ער געווען א ברודער אָדער א זעהר נאָהענטער קרוב פון קעניג. זעהר פיעלע צערעמאָניעס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען, און די פריעסטער האָבען געמוזט פיעל צייט פארברייגען אלעם פינקטליך אויסצופיהרען.

די פּערואנער האָבען געהאט א סך גרויסע און קליינע פעסטליכקייטען. די גרעסטע און וויכטיגסטע זיינען פערבונדען געווען מיט די יאהרעס־צייטען צו עהרע פון דער זון. די ערשטע טעג פון פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער זיינען געווען נאַציאָנאלע פעסטען. דאָס פּאָלק האָט לוסטיג פערבראכט די צייט. מען האָט געטאנצט, געזונגען און זיך געלאָזט וואוילגעהן. דער אינטערעסאנטעסטער פון דיזע זונען־פעסטען האָט געטראָגען דעם נאָמען ראימי. ער איז געווען איינגעפיהרט לכבוד די געבורט פון דער זון אזוי וויא ביי אלע קולטור־פעלקער, וועלכע האָבען פערעהרט די זון, וויא דאָס איז שוין ערקלערט געוואָרן אין דעם קאפּיטעל איבער דעם מעקסיקאנער זונען־גאָט קוועצאלקאָאטל.

דריי טעג פאר דעם ראימי־פעסט איז געווען טרויער; מען האָט געפאסט און ניט אָנגעצונדען קיין פייער. נאכהער, פארטאָג, ווען די „ניי־געבאָרענע זון" האָט זיך געזאָלט בעווייזען, פלעגט דער אינקא ארויס אויף דעם גרויסען פּלאַץ פון קוצקאָ אין דער בעגלייטונג פון זיינע דיענערס, פון די פריעסטער און פון גאנצען פּאָלק. אלע זיינען געווען אָנגעטאָן אין די שעהנסטע קליידער. די מיטגלידער פון אינקא־שטאם האָבען געזוכט איבערצושטייגען איינער דעם אנדערן מיט ציערונגען. אלעמענס אויגען זיי־

נען אנגעשטעלט געוועז אויפ'ן הימעל, און וויא נור דיא שפיצען פון דיא בערג און דיא טעמפלען פלעגען בעלויכטען ווערן פון דיא ערשטע שטראהלען, פלעגט אויסברעכען אן אלגעמיינער יובעל־געשריי, וואס פלעגט אבהילכען ווייט, ווייט אין דיא בערג. מען האט זיך געפרעהט, וואס דיא זון איז ניט אבגעשטארבען, וואס זיא האט ווידער אויפגעלעבט צו ברייננען לעבען אויף דער ערד. דיא געזאנג און פריידע־געשרייען האבען געדויערט ביז דיא זון פלעגט ערשיינען אין איהר פולען גלאנץ, ביז זיא פלעגט ארויס־געהן פון דעם שוים פון דער מארגענרעטהע, פון דער הימלישער בתולה. דאן פלעגען זיך אנפאנגען צערעמאניעס, און דער אינקא פלעגט דער ערשטער א טרונק טאן א משקה פון א גאלדענע וואזע צו בעגריסען דיא זון, און נאכהער פלעגען אלע נאכפאלגען זיין ביישפיעל.

דיא צערעמאניעס פלעגען זיך ענדיגען אין גרויסען טעמפעל מיט קרבנות. מייסטענטהיילס זיינען דיא קרבנות בעשטאנען פון פלאנצען, בלומען און וויירוך; אבער מען האט אויך געאפפערט חיות און זאגאר מענשען. דאס לעצטע האט פאסירט זעהר זעלטען. דיא אינקאס זיינען געוועזן נעגען מענשליכע קרבנות. זיי האבען אב־געשאפט דיזען שוידערליכען געצענדיענסט וויא ווייט זיי האבען עס געקענט. אנשטאט לעבעדיגע קרבנות האבען זיי געזוכט איינ־צופיהרען בלומען און פלאנצען. נאר אין אויסנאהמס־פעלע, וויא, צום ביישפיעל, נאך א גרויסען זיעג אדער ביי דער קרוינונג פון אן אינקא, פלעגט מען אויסקלייבען א קינד אדער א שעהנע מיידעל פאר אן אפפער צו דיא געטער. אבער קאניבאלישע סעודות, וויא ביי דיא אצטעקען און אנדערע פעלקער אין אמעריקא, זיינען אב־געשאפט געווארן אין דער פערואנער אימפעריע. אין דיזער בע־ציהונג זיינען דיא פערואנער געוועזן הימעל־ווייט פון דיא מעק־סיקאנער.

אין דעם טאג, ווען מען האט אזוי בעגריסט דיא געבורט פון דער זון, האט מען אויך אנגעצונדען א נייעם פייער און געשאכטען א לאמא. דיא אינגעווייט פון דעם קרבן פלעגען אונטערזוכט ווערן

פון פריעסטער, אום נאך געוויסע סמנים פאראויסצוזאגען, אויב דער קומענדער יאהר וועט זיין א גראטענער און מזל׳דיגער. דער נייער פייער פלעגט אנגעצונדען ווערן פון דער זון זעלבסט דורך אן אויסגעבויגענעם פאלירטען שפיגעל פון זילבער. אין פאקום פון אזא שפיעגעל פלעגט מען לייגען א שטיקעל וואטע, וועלכע פלעגט שנעל אנגעצונדען ווערן פון דיא הייסע טראפישע שטראהלען. ווען דער הימעל פלעגט זיין פערוואלקענט אין דיזען טאג, וואס עס איז גערעכענט געווען פאר א שלעכטען סימן, פלעגט מען מאכען דעם נייען פייער דורך רייבען צוויי שטיקער האלץ.

דיזער פייער איז גערעכענט געווען פאר א הייליגען. ער פלעגט שטענדיג אנגעהאלטען ווערן פון דיא זא־גענאנטע „זונען־בתולות“. דאס איז געווען דער פערואנער נר־תמיד, און דיא אבערגלויבענם וועגען איהם זיינען געווען דיא זעלבע, וויא ביי אלע געצענדינערשע פעלקער. דאס אויסלעשען פון דיזען הימלישען פייער דורך נאכלעסיג־קייט אדער אירגענד וועלכע אורזאכע איז גערעכענט געווען פאר דעם גרעסטען אונגליק.

אויף דעם מזבח פון דעם פייער־גאט פלעגט מען ברענען שמע־קענדע פלאנצען און בשמים. נאכהער פלעגט מען קוילענען א גרויסע צאהל לאמאס און געבען גרויסע פעסט־סעודות פאר׳ן גאנ־צען פאלק, וואס פלעגט זעהר זעלטען עסען פלייש (אויסער דיא לאמאס, וועלכע האבען אלע געהערט צום אינקא און פלעגען גע־וועהנליך געפאסעט ווערן צוליעב זייער וואל, האבען דיא איינוואה־נער פון זיד־אמעריקא, וויא בעוואוסט, ניט געהאט אנדערע בהמות. דאס פאלק פלעגט דארום לעבען פון פלאנץ־שפייז).

צו דיזער גרויסער סעודה פלעגען דיא „זונען־בתולות“ צוגריי־טען ספעציעלע ברייטלעך, וועלכע מען פלעגט עסען צוזאמען מיט וויין. דיזע צערעמאניע איז אין געוויסע פונקטען געווען אזוי עהנ־ליך צו דער קריסטליכער יוקאריסטיע, דאס דיא שפאנישע גלחים האבען זיך צוערשט געוואונדערט און נאכהער גגעבען זייער גע־וועהנליכע אנטווארט, אז דאס איז מעשה שטן, א נאכקרימענים פון טייוועל.

דיא „זונען־בתולות“ זיינען געווען מאנאשקעס. א געוויסע צאהל גאנץ יונגע מיידלעך פלעגט מען אויסקלייבען אלס כלות פון דער זון. מען פלעגט זיי האלטען אין ספעציעלע קלויסטערס לעבען דיא זונען־טעמפלען. זייער הויפט־פפליכט איז געווען אנ־צוהאלטען דעם פייער, וואס מען האט געמאכט אין דעם ראימי יום טוב. זיי האבען אויך געהאט צו וועבען און שפינען זאכען פאר דיא טעמפלען. זיי האבען ניט געטארט האבען אירגענד וועלכע פער־בינדונגען מיט דער אויסערער וועלט און זיינען געהאלטען געווארען אין שטרענגער דיסציפלין. אויסער דעם אינקא און זיין געזעצליכע פרוי האט קיינער ניט געטארט זיי בעזוכען. ווען עס פלעגט טרעפען, אז איינע האט דאך געזינדיגט, פלעגט מען איהר לעבעדי־גערהייט בעגראבען. איהר ליעבהאבער פלעגט דערשטיקט ווערן און דיא שטאדט, וואו ער איז געבארען געווארען, פלעגט מען איינפאך צושטערען, אז עס זאל פון איהר קיין געדעכעניס ניט בלייבען.

אין אלגעמיינען זיינען דיא קלויסטערס פון דיא פערואנער „זונען־בתולות“ געווען עהנליך צו דיא קלויסטערס פון די רוימישע וועסטאלקעס, וועלכע האבען אויך געהאט אויפצופאסען אויף דעם נר־תמיד. ביי פיעלע קולטור־פעלקער פון דער אלטער וועלט זיינען געווען אזעלכע קלויסטערס פון געטליכע בתולות.

אין קוצקא איז אויך געווען א קלויסטער, וואו עס האבען זיך געפונען איבער 1000 „זונען־בתולות“ פון דער העכסטער אינקא־אריסטאקראטיע. אייניגע פון זיי זיינען געווען פרינצעסינען. דיא שעהנסטע מיידלעך פון אנדערע קלאסען פלעגען דארטען אויך צו־געלאזען ווערן. זיי זיינען אין דער זעלבער צייט געווען דיא כלות פון אינקא־הערשער. דיזער קלויסטער איז געווען א מין הארעם דיא מלכים. דיא שעהנסטע פון דיזע זונען־כלות פלעגט מען אויס־קלייבען פאר דעם אינקא, וועלכער האט אזוי אפט געהאט טויזענד ווייבער.

* * *

אבער מעהר פון אלעם צייכענט זיך אויס דיא פערואנער אימ־פעריע מיט איהרע עקאנאמישע איינריכטונגען. דאס לאנד איז צו־

טהיילט געווען אין 3 חלקים. איין חלק איז אבגעגעבען געווארן צו דער זון, דאס הייסט צו דיא פריעסטער פון דיא זונען־טעמפלען; דער צווייטער טהייל האט געהערט צו דעם אינקא, אום אויפצוהאלטען זיינע פאלאצען און צאהלרייכע ווייבער און דיענער; דער דריטער טהייל איז בעארבייטעט געווארן פון דיא אקערבויער פאר זייער אייגענעם געברויך. וויא גרויס יעדער פון דיזע חלקים איז געווען, ווייס מען יעצט ניט. זיי זיינען יעדענפאלס געווען פערשיעדען אין פערשיעדענע פראווינצען.

יעדער אקערבויער האט געהאט א רעכט אויף א גלייכען טהייל לאנד באלד נאך דער חתונה, וועלכע איז בעשטימט געווען פון געזעץ אין א געוויסען אלטער און אין א געוויסער צייט פון יאהר. דיא געמיינדע איז געווען פערפליכטעט צו געבען דער יונגער פאאר א הייזעל און א שטיק לאנד, וואס זאל זיין גענוג צו מאכען א לעבען. פאר יעדעם ניי־געבארענעם קינד פלעגט א פאמיליע קריעגען נאך א שטיקעל לאנד, פאר א אינגעל געוועהנליך א דאפעלטען חלק וויא פאר א מיידעל. יעדען יאהר פלעגט מען אויסגלייכען דיא חלקים אזוי, אז דיא וואס האבען מעהר קינדער, זאלען קריעגען פראפארציאנעל מעהר לאנד, וויא פאמיליעס מיט ווייניג קינדער.

אויף דיזער איינפאכער ארט זיינען אלע פערזיכערט געווען מיט א חיונה, און אלע ארבייטער זיינען געווען גלייך ארים און רייך. אין אלגעמיין האט דיא פערואנער לאנד־געזעצגעבונג געהאט אן עהנליכקייט צו דער ביבלישער. ביידע האבען געהאט דעם צוועק איינצופיהרען עקאנאמישע גלייכהייט און יעדענפאלס אויסצומיידען א פערמעהרונג פון רייכע און ארימע. יעדער אקערבויער האט נור געהאט א רעכט אויף א שטיק לאנד זאלאנג ער האט עס ווירקליך בעארבייטעט מיט זיינע הענד. עס איז געווען זיין אייגענטהום נור דורך זיין ארבייט, און דארום האט ער עס ניט געטארט פערקויפען אדער שענקען אן אנדערן.

דערפאר וואס זיי האבען געקראגען חלקים לאנד פאר זיך, האבען דיא אקערבויער געמוזט צוערשט בעארבייטען דיא לענדער פון דיא פריעסטער און נאכהער דיא לענדער, וואס זיינען בע־

שטימט געווען פאר דיא אויפהאלטונג פון קראנקע, אלטע, אלמנות, יתומים און סאלדאטען אין דער צייט פון מיליטערישען דיענסט. ווען זיי פלעגען ענדיגען אלע ארבייט פיר געמיינשאפטליכע צוועקען, פלעגען זיי זיך נעהמען צו זייערע אייגענע חלקים לאנד. יעדערער פלעגט ארבייטען פאר זיך, נאר אין פאל פון נויט זיינען דיא שכנים פערפליכטעט געווען צו העלפען איינער דעם אנדערן. צולעצט פלעגען אלע צוזאמען בעארבייטען דיא פעלדער פון אינקא. דאס פלעגט געשעהן מיט געוויסע צערעמאניעס, און אלע, מענער, פרויען און קינדער, פלעגען זיך אויספוצען לכבוד דעם פערטרעטער פון דער געטליכער זון אויף דער ערד. ביי דיזער ארבייט פלעגען זיי זינגען לויבגעזאנגען צום הערשענדען אינקא און צו זיינע עלטערן.

אויף א'ן עהנליכען אופן פלעגט מען קלייבען דיא וואל פון דיא לאמאס. אונגעהייערע סטאדעס פון דיזען סארט שעפסען פלעגען דאן ארומוואנדערן איבער דיא בערג אונטער דער אויפפאסונג פון געניטע פאסטוכער. זיי האבען אלע געהערט צו דיא פערטרעטער פון דער זון: דעם אינקא און דיא פריעסטער. א גרויסע צאהל באראנעם פלעגט מען יעדען יאהר שיקען פאר דעם געברויך פון קעניגליכען הויף און פאר דיא רעליגיעזע פעסט-סעודות. דיא נקבות איז אבער ניט ערלויבט געווען צו שעכטען, אום דיא סטאדעס זאלען זיך שנעלער פערמעהרען און צושטעלען וואס מעהר וואל. אלע איינצעלהייטען וועגען דיא אויפפאסונג אויף דיא לאמאס זיינען שטרענג בעשטימט געווען דורך ספעציעלע געזעצע, וועלכע זיינען בעוואונדערט געווען פון דיא שפאניער פאר זייער פארזיכט און צוועקמעסיגקייט. אין א בעשטימטער צייט פלעגט מען אלע שעפסען שערען, און דיא וואל פלעגט צוזאמענגעקליבען ווערן אין בעזונדערע מאגאזינען, וואו יעדע פאמיליע פלעגט קריגען א בעשטימטען חלק נאך איהר געברויך.

אין דיא ווארימע געגענדען, לעבען דיא ברעגעס פון ים, וואו מען האט ניט בעדארפט האבען וואלענע קליידער, פלעגט מען אויף דער זעלבער ארט אויסטהיילען וואטע.

אלע מינען האבען געהערט צום אינקא און זיינען בעארביי־

מעט געוואָרן פון ספּעציעל אויסגעקליבענע מענשען. אזוי וויא גאָלד און זילבער זיינען ניט געברויכט געוואָרען אלס געלד, און ביי דער קאָמוניסטישער סיסטעם פון פערטהיילונג פון פּראָדוקטען האָט מען אויך ניט געברויכט קיין געלט, פלעגען דיא מעטאַלען בענוצט ווערן פיר ניצליכע זאכען און פוץ, ספּעציעל פאר דיא פּאַלאַצען פון דיא אינקאַס און פאר די טעמפּלען.

יעדערער האָט געמוזט ארבייטען. פוילקייט איז זעהר שטרענג בעשטראָפט געוועזן, און פליים פלעגט געשעצט און בעלוינט זיין. דער גרעסטער טהייל פון דער בעפעלקערונג האָט זיך בעשעפטיגט מיט לאנד־ארבייט. מען קען דארום זאָגען, אז דיא פּערואַנער אימפּעריע איז בעשטאַנען פון אַקערבויער, נאָר א קליינער טהייל פון דיא געמיינדען פלעגט זיך בעשעפטיגען מיט מעכאַנישע ארבייט.

דיא רעגיערונג אונטער דער הערשאַפט פון דיא אינקאַס איז געוועזן א גוט־אָרגאַניזירטע, צוגעפּאַסט צו דיא נויטווענדיגסטע בעדירפניסע פון א׳ן איינפאַכען פאָלק, וואָס האָט גערולדיג געפאָלגט אַלע פאָרשריפטען, וויפיעל זיי האָבען ניט געשטערט דיא פּערזענליכע פרייהייט. אַלעס איז שטרענג און פאָטערליך רעגוּלירט געוועזן פון דיא געמיינדען און פון דיא אינקאַ׳ס אויפּפּאַסערס. דיא ארבייטער האָבען געמוזט שאַפען און לעבען נאָך פאָרשריפטען, און זייער פרייהייט איז זעהר בעשרענקט געוועזן, אָבער דערפאַר איז יעדערער זיכער געוועזן מיט זיין חיונה און האָט געקענט פערברייגנען זיינע פרייע מינוטען און יום־טובים געמיטהליך און זאָרגלאָז.

* * *

ספּעציעלע בעאַמטע האָבען געפיהרט דיא רייסטערס פון שטאַאט. דיא געבורטען און טויטפעלע זיינען גענוי פערצייכענט געוועזן, און מען האָט געוואוּסט דיא צאָהל פון דער בעפעלקערונג אין יעדער פּראָווינץ. מען האָט אויך געפיהרט רעכנונגען פון דיא פּראָדוקטען, וועלכע פלעגען אַנגעזאַמעלט און פערטהיילט ווערן איז דיא שטאַאטס־מאַגאַזינען און אין דיא פּאָסטען אויף דיא שאָסען און וועגען. דיא רעגיערונג האָט דארום געקענט בעשטי־

מען, וויא פיעל פּראָדוקטען יעדע פּראָווינץ דארף צושטעלען און וויא דיא פערשיעדענע ארבייטען דארפען געמאכט ווערן.

דיא פראגע אָבער איז, וויא אזוי האָבען דיא פּערואַנער גע־קענט פיהרען רייסטערס און מאכען אזעלכע שווערע סטאַטיסטישע רעכנונגען, ווען זיי האָבען, וויא מיר ווייסען עס שוין, ניט געקענט שרייבען? דיזען קונץ האָבען דיא פּערואַנער בעוויזען מיט דער הילף פון קניפּלעך, וויא אויף דער פיגורע 44. דאָס איז געווען א



פיג. 44 — אַ קוויפּו.

מין רעכנונגס־מאַשינע, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען קוויפּו. דורך דיא קאָלירען פון דיא שנירלעך און דורך דיא פאָרמען און צוזאַמענשטעלונג פון דיא קניפּלעך אויף דיא שטריקלעך האָבען דיא בעאַמטע, וועלכע האָבען ספּעציעל שטודירט דיזע קונסט, גע־קענט ניט נאָר מאַכען רעכנונגען, זאָנדערן אויך פערצייכנען גע־וויסע פאַסירונגען. דער וואָרט קוויפּו הייסט א קניפּעל. אנפאַנגס האָט מען אזעלכע קניפּלעך געברויכט פאַר איינפאַכע צאָלען, אזוי וויא מען געברויכט, צום ביישפּיעל, קאַרבען; נאָר מיט דער צייט,

ווען דיא בעדירפניסע פון שטאאט האבען געפאָרדערט געגויע רעכ־נונגען און רייסטערס, האט מען איינגעפיהרט אלץ מעהר סמנים דורך דיא קאָלירען און קניפּלעך פון דיא שנירלעך. אין ספּעציעלע שולען האט מען געלערנט דיזע קונסט, וועלכע איז א קורצע צייט נאך דער שפּאנישער עראָבערונג פערלאָרען געגאנגען און וועלכע האט געדיענט דיא אינקאס און זייערע מיניסטערס צו וויסען, וואס אין דער מלוכה קומט פאָר און אויך צו פארצייכנען היסטאָרישע פּאסירונגען.

אין יעדען דיסטריקט זיינען געווען געניטע בעאמטע, וועלכע האבען בעדאַרפט פערצייכנען אללע וויכטיגע אנגעלעגענהייטען אויף פערשיעדענאַרטיגע קוויפּו, זיי האלטען אין א'ן ארכיוו און אָבגעבען א בעריכט צו דער צענטראל־רעגיערונג, וואו דיא בעססטע רעכנער פלעגען צוזאמענשטעלען א'ן אלגעמיינעם בעריכט.

דיא קוויפּו, אויף וועלכע עס איז פערצייכענט געווען דיא גע־שיכטע פון דיא אינקאס, זיינען געהאלטען געווען אין א ספּעציעלען ארכיוו אין קוצקא. אַנשטאַט צו זוכען צו דערגעהן, וואס דיזע פער־שיעדענפארביגע שנירלעך מיט דיא קניפּלעך בעדייטען, האבען דיא שפּאנישע גלחים דיא מייסטע פון זיי איינפאך צושטערט אלס צייכענס פון געצענדינסט. פיעלע טהיילען פון דער געשיכטע פון דער פּערואנער אימפּעריע בלייבען דארום אין דונקעלהייט און וועלען וואהרשיינליך קיין מאל ניט ערקלערט ווערן.

לאנג, לאנג נאכדעם, וויא דיא שפּאניער זיינען געוואָרן הער־שער אין פּערו, האבען דיא אינדיאנער נאך אָנגעהאלטען געוויסע קוויפּו־צייכענס, וועלכע זיי האבען געברויכט אין זייערע געהיימע פערבינדונגען. עס איז, צום ביישפּיעל, בעקאנט, אז אין 1792, ווען דיא פּערואנער האבען געמאכט אן אויפשטאנד געגען שפּאניען, האבען זיי געשיקט שליחים מיט שטעקעלעך, צו וועלכע עס זיינען צוגעבונדען געווען שנירלעך מיט קניפּלעך. דאס זיינען געווען צײ־כענס, ווען און וואו דער אויפשטאנד זאל זיך אָנפאנגען.

דיא אינקאס פלעגען בעקאנט מאכען זייערע בעפעהלע דורך פערשיעדענע קוויפּו. א געוויסער רויטער שנירעל איז געווען א

צייכען, אז דער קוויפו קומט דירעקט פון אינקא. מען פלעגט אזעלכע בעפעהלע שנעל פאנאנדערטראגען אין אלע פראווינצען פון דער אימפעריע. אויך אסטראנאמישע רעכנונגען פלעגען דיא פערואנער פערצייכנען אויף זייערע קוויפו, וועלכע האבען שליסליך געדיענט כמעט אזוי גוט, וויא דיא היעראגליפען האבען געדיענט דיא אצטעקען.

עס איז זעהר זאנדערבאר, וויא אזוי דיא פערואנער, וועלכע זיינען געשטאנען העכער אין קולטור וויא אלע אנדערע פעלקער אין דער נייער וועלט און האבען ארגאניזירט אזא גרויסע און מערק־ווירדיגע אימפעריע, זיינען אין בעצוג אויף שריפטען געוועזען היג־טערשטעליג אפילו אין פערגלייך מיט דיא ווילדע אינדיאנער פון נארד־אמעריקא, וועלכע האבען זיך בענוצט מיט בילדער־שריפטען עס איז מעגליך, אז גראדע דעריבער, ווייל זיי האבען פריהצייטיג ענטוויקעלט דיא קוויפו־קונסט, האבען זיי ניט געזוכט א בעסערע סיסטעם אין היעראגליפען.

* * *

מיט דער צייט, ווען דיזע אימפעריע מיט איהרע האלב־קאמו־ניסטישע איינריכטונגען וואלט זיך געקענט ווייטער ענטוויקלען זעלבסטשטענדיג, וואלטען דיא פערואנער פיעלייכט אויך דערגאנ־גען צו דער שריפט־קונסט. זיכער איז עס יעדענפאלס, אז דיא אינקאס וואלטען אליין ווייטער פערשפרייטעט זייער מאכט און דיא פעלקער וואלטען פראגרעסירט. נאר דאס אלעס איז מיט איין מאל פערניכטעט געווארען פון דיא שפאניער. דיא גאנצע אימ־פעריע, וועלכע איז אויפגעבויט געווארען מיט שווערע מיהע און גרויס געדולד אין פערלויף פון יאהרהונדערטע, האט געקראגען א טויטקלאפ אין דער מינוט, ווען פיזארא האט פעררעטהעריש גע־פאנגען דעם אינקא אטאהואלפא.

דיא אייגענארטיגע ציוויליזאציאן אין פערו, וועלכע איז וואונדערבאר געוועזען אין פיעלע הינזיכטען, ספעציעל אין איהרע קאמוניסטישע איינפיהרונגען, איז אזוי שנעל פערניכטעט געווארן פון דיא שפאניער וויא דיא ציוויליזאציאן אין מעקסיקא. פערן

איז געווען דער לעצטער לעקערביסען פאר דיא שפאנישע שווערד־העלדען. ווייטער האבען זיי נאר געהאט צו קעמפפען מיט ווילדע און האלב־ווילדע שטאמען, אזוי וויא אנדערע אייראפּעער, וועלכע זיינען געקומען נאך זיי אין אנדערע געגענדען פון דער נייער וועלט. פון דיא מלוכות פון דיא פּערואנער און אצטעקען זיינען נאר געבליעבען אייניגע געשיכטליכע בעשרייבונגען און חורבות פון זייערע מאנומענטען.

א גאנץ נייע וועלט האט זיך אנגעפאנגען אין אמעריקא. דיא אויראפּעער ציוויליזאציאן איז געווען דער טויט ניט נאר פאר דער אינדיאנער ציוויליזאציאן, זאנדערן אויך דער טויט פאר דיא אינדיאנער זעלבסט. דיא איינגעבארענע זיינען שנעל אויסגעשטארבען אין פיעלע ערטער אונטער דער הערשאפט פון דיא אויראפּעער. אין אייניגע ערטער, ספּעציעל אין נארד־אמעריקא, האט מען זיי איינפאך אויסגעשלאכטעט און אויסגעראטעט. אין אנדערע ערטער, ספּעציעל טאקע אין מעקסיקא, צענטראל־אמעריקא און פּערו, האבען זיי זיך טהיילווייז צומישט מיט זייערע זיעגערס, און עס זיינען ענטשטאנען געמישטע פעלקער, וועלכע האבען אראבגעווארפען פון זיך דעם שפּאנישען יאך אין אנפאנג פון 19טען יאהרהונדערט, האבען זיך ארגאניזירט אין רעפּובליקען און לעבען וויא אויראפּעער.

דיא ציוויליזאציאן אין דער נייער וועלט איז א קורצע צייט נאך קאלומבוס'עס ענטדעקונג געווארן אן עכט־אויראפּעאישע. דיא קאמפּפען און מלחמות, וועלכע זיינען זייט דאן פארגעקומען אין אמעריקא, זיינען געפיהרט געווארן צווישען אויראפּעאישע פעלקער, וועלכע האבען געזוכט צו פערכאפּען דיא נייע לענדער פאר זיך און וועלכע האבען שליסליך געמוזט אפּטרעטען און לאזען דיא קאלאניסטען אליין זיך פיהרען און גרינדען נייע שטאאטען און נאציאנען. מיט אויסנאהמע פון קאנאדא, וועלכע איז נאך א טהייל פון דער ענגלישער אימפּעריע, געהערען נאר יעצט א געוויסע צאהל אינזלען און אייניגע קליינע געגענדען צו דיא אויראפּעאישע שטאאטען.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 20

קאטאלאָג

פון די „אינטערנאציאָנאַלע ביבליאָטהעק“

	פרייז
פיליפ קראנץ, קולטורגעשיכטע, 3 בענדער, געבונדען, יעדער	.75
„ „ פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, געבונדען......	1.00
„ „ אמעריקא פאר קאָלומבוס, געבונדען........	.50
„ „ יציאת מצרים, פאפיער...............	.15
„ „ וואָס הייסט נאַציאָן...............	.10
לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער. אַ זאַמלונג פון ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע דענקער, פאָעטען און שריפטשטעלער פון דער אַלטער און נייער צייט, אין 3 בענדער, געבונדען, יעדער באַנד...........	1.25
מ. ראָזענפעלד, שריפטען, געבונדען, באַנד 1, 2 און 3, יעדער	1.00
„ „ נייע שריפטען, באַנד 4, 5 און 6, געבונדען, יעדער	1.25
ד. פינסקי, ערצעהלונגען, 2 בענדער, געבונדען, יעדער באַנד..	.75
„ אייזיק שעפטעל, דראמא...............	.15
דר. קאספע, מאכאניקע	.10
„ „ כעמיע	.15
„ „ אַסטראָנאָמיע	.15
יהואש, געזאַמעלטע ליעדער, געבונדען	1.00
י. גאָרדין, ערצעהלונגען, געבונדען	.75
„ „ סאפפהא	.25
„ „ גאָט, מענש און טייפעל	.25
„ „ אלישע בן אבויה	.15
„ „ דער אונבעקאַנטער	.20

י. גאָרדין די אמת'ע קראפט .... 20.

" " דער מטורף .... 20.

מאקסים גאָרקי, ערצעהלונגען .... 15.

" אינטערוויום .... 15.

ל. טאָלסטאָי, תחית המתים, ראָמאן אין 3 טהיילען, 2 בענדער
געבונדען, יעדער באַנד .... 75.

" " איינציגער מיטעל .... 5.

" " פּאַטראָטיזמוס און רעגיערונג .... 5.

" " צום ארבייטער פאָלק .... 15.

דר. ח. זשיטלאָווסקי, דער סאָציאל. און די נאציאָנ. פראגע. . 40.

ז. ליבין, געקליבענע סקיצען, געבונדען .... 75.

מ. באראנאָוו, דער מענש און די נאטור .... 10.

לעאָפּ. קאמפף, פאר'ן שטורם, דראמא .... 20.

הענריק איבסען, די גייסטער, דראמא .... 20.

"קניאז פאטיאמקין" .... 20.

דר. ש. פּעסקין, סטרייקס .... 5.

דזשאהן סטוארט מילל, פריוהייט, געבונדען .... 75.

דר. פאול עלטצבאכער, דער אַנארכיזם, געבונדען 1.00

מיכל קאפלאן, גהעטא-קלאַנגען .... 25.

ה. ספּענסער, די ערשטע פּרינציפּען פון א סיסטעם פון סינטעט-
טישער פילאָזאָפיע, געבונדען .... 75.

אַ ד ר ע ס י ר ע ן :

The International Library Pub. Co.

102 & 104 W. 38th St., New York.

מיט בעשטעלונגען אין רוסלאנד זיך צו ווענדען צו אונזער
רוסישער אבטהיילונג, אויף דער אדרעססע :

Издат. Т-во "Международная Библіотека"

Варшава, Налевки № 38.